STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 00971

GEKLIBENE VERK

F. Bimko

Permanent preservation of this book was made possible
by Lewis & Josephine Schneider
in memory of
Fay Schneider

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. בימקאָ

געקליבענע ווערק

צענטער באַנד

נאָוועלן

פ. בימקאָ פאַרלאַג ניו יאָרק 1947

קעלץ

געזעצט און געדרוקט אין צוועלף הונדערט און פופציק עקזעמפלאַרן,
אין דער דרוקעריי פון פּאָזי־שאולזאָן, 227 וועסט 17טע גאַס, ניו־יאָרק,
אין דעם יאָר ניינצן הונדערט זיבן־און־פערציק.

Copyright, 1947, by F. Bimco
304 East 6th Street, New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

מלחמה

אין די ערשטע טעג

אַז ס'האָט זיך געמאַכט די מלחמה, — האָט זיך מיט אַ מאָל אַלץ אָפּגעשטעלט, די רעדער זיך אויפגעהערט צו דרייען; ס'בלוט, — ווי אויפגעהערט קלאַפּן אין די אָדערן. מ'האָט ערגיץ געגעבן אַ שאָס: פּיף־פּאַף, וואָס קיינער האָט נישט געהערט און נישט געזען, — און יעדער איינער האָט פּאַר איבם געגומען לויפן אויף אַלע פיר; וואו איז מען געלאָפן? אַ היים, אינעם שטעטל אַריין, פון וואַנעט מ'איז אַ מאָל געקומען, — און דאָס שוין געהאַט אָפּגעמעקט פונעם זכרון; עס האָט זיך דאַן מיט אַ מאָל, אַזוי שיין אַנטפּלעקט פאַר די אויגן, ווי אַ ברעט, — ווען מ'פאַלט פון אַ ברענענדיקער שיף, אין ים אַריין; די אָרימע, און בידנע חיוגה, וואָס האָט אַזוי אויך אונטער געהינקען, — איז גלייך, און מיט דער ערשטער מינוט, אַרויסגעפאַלן פון די הענט, און מ'איז געבליבן הענגען ווי אויף שפּינוועבס; און דאָס געבוירענע אָרט, פון וואַנעט די פיס קומען, — האָט גענומען ציען צו זיך, ווי מיט שטריק, — מ'זאָל צוריק אַ היים.

בעלי־מלאכות, למשל, — וואָס האָבן, אין די ייִנגערע יאָרן, נישט געקענט גאָר אויפטון מיט זייער מלאכה, אויפן קליינעם אָרט; און זענען זיך צעפאָרן אין די גרעסערע שטעט, ווי: קיין לאָדזש, קיין וואַרשע, און פון דאָרטן חתונה געהאַט, — האָבן גלייך געכאַפּט די ווייבער מיט די קינדער, די באַדל, די דראַטווע מיט דער נאָל, און עוקר געווען אין שטעטל אַריין, — פון וואַנעט מ'איז אַרויסגעקראָכן אויף דער גרויסער און ברייטער וועלט.

די מלחמה האָט צוגערויבט, ווי אַ גנב, — דאָס טראָפּעלע מלאכה, און די וואַרשטאַטן האָבן גלייך אַרויסגעוואָרפן דאָס ביסל בעלי־מלאכות אויף דער גאַס; אַז מ'ברויך נישט מער די אַרבעט, — אויף וועלכע כפרות ברויך מען זיי צו האָבן? די פאַבריקן, דעסטגלייכן, — האָבן זיך אויך דערשראָקן צום טויט; און דאָס הייפל אַרבעטער זייערס, אַז מ'האָט ביי זיי אַרויסגענומען די אַרבעט פון די הענט, — האָבן ווידער גענומען לויפן אין דאָרף אַריין; וואָס גראָד אין

דאָרף אַריין ? ראשית, ווייל זיי זענען אויך פון דאָרטן געקומען ; און, והשנית, — וועט מען אפשר דאָרטן גיכער קענען אַדורכקריכן ; אַריינכאַפּן צו ברויט, אַ זעקל קאַרטאָפל, צי גאָר זיך אַרומדרייען ווי די ציגן אויפן גראָז, — און קוקן אין הימל אַריין ; אַרויסרייסן אַ מייער פונעם פעלד, אויסמעלקן אַ קי, אָפּמאָלן אַ ביסל קאָרן אין דער וואַסער־מיל, — וואָס וועט מען האָבן פון קוקן אויף דער פאַבריק, אַז זי איז טויט ? און דער קוימען לאָזט נישט אַרויס קיין רויך ?

צוליב דעם לויפן האָט זיך די גרויסע שטאָט אויסגעליידיקט, און אָנגעוואָוירן דעם רעש ; געוואָרן שטיל, געלאַסן, — ווי אַ צניעותדיק דאָרף ; אַ גרויס דאָרף, מיט לאַנגע אויסגעצויגענע גאַסן, און מיט הייזער פון ביידע זייטן טראָטואַר ; נאָר אַז ס'זאָל ווער וועלן זיין אין דעם גרויסן דאָרף, — האָבן זיך געפינען קנאַפּ בעלנים ; אפשר, ווייל די מלחמה וועט זיך ברויכן מער אָנשפּאַרן אין איר ? ביי אַ גרויסע שטאָט, האָט מען גערעכנט, וועט די מלחמה, געווינטלעך, — זיין אַ גרעסערע ; כאָטש זי האָט נישט געמאַכט קיין חילוק, — און זיך גראָד געקענט אָנשפּאַרן ביי אַ דין אַדערל פון אַ טייכל, און אַוועקלייגן ביי דעם טויזנטער און טויזנטער לעבנס, — אַז די גרויסע שטאָט זאָל זיך פאַר־דאָס אַליין ברויכן אונטערגעבן, און אָן אַ שאָס ; אָבער די אַלע זאַכן, — ווי אַזוי האָט מען פון זיי געזאָלט וויסן ? ס'איז ווער געווען בקי אין מלחמה ? דאָס האָט מען זיך ערשט דערנאָך אויסגעלערנט, ביי איר, — ווען ס'איז זיך אַ סך מאָל אויסגעקומען מיט איר אַרומצו־כאַפּן, און זיך אויך מיט איר צו צעקישן ; די אַלע מענטשן זענען געקומען פון אַ דור, וואָס האָט זיך געריגעלט פון שיינע עטליכע דורות, — וועלכע זענען געבוירן און פאַרלוירן געוואָרן אויפן בעט ; און, אויף דער הייסער מינוט, געמיינט : אַז אויף דעם קליינעם אָרט, — וועט מען זיך נישט אַזוי שטאַרק שלאָגן ; און, על כל צרה שלא תבוא, — וועט מען זיך גיכער קענען צו עפּעס צוטוליען ; מ'איז געלאָפן אַהיים, אין קליינעם שטעטל אַריין, וואו ס'וויגל איז גע־שטאַנען, — כאָטש דאָס שטעטל איז שוין פון דער ערשטער כאַליערע־אָן, — מער קיין היים נישט געווען ; און מ'האָט שוין דאָרט, פון אַ גוטע מינוט, — אַלעמען געהאַט אויפן גוטן אָרט ; איז דאָס, פונ־דעסטוועגן, קיין צופּהאַלט נישט געווען, — אַז עס זאָל ווערן אַ היים ; דער שכל האָט געברויכט זיין אַ פאַרקערטער : דאָס אויפן קליינעם

אָרט, זאָל מען זיך גיכער, ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, — אויסריכטן אַ שוואַרץ יאָר; האָט זיך דאָס אָבער ערשט דערנאָך אַרויסגעוויזן; און פאַר דער האַנט, — געלאָפן; געלאָפן צו פוס און מיט פערד און וועגן, ווי איינער האָט געקענט...

יידן, באַיאָרטע, האָבן זיך שיין געגלעט די בייכער, און די וואָס האָבן קיין בייכער נישט געהאַט, — האָבן זיך געגלעט די בערד; קיין בויך טאַקע נישט, אָבער וועלכער ייד האָט דאָס נישט קיין באָרד? און אויף זייערע פּנימער האָט זיך אַרויפגעצויגן אַ הבל־הבלימדיקער שמייכל, ווי אַ ביטול צו אַלעם: „חברה אַנטלויפט פון דאָרטן פאַרן טויט, — אַזוי ווי ער זאָל דאָ נישט זיין?” אָבער אַזוי ווי ס׳האָט קיינער פון די אַלע, וואָס זענען געלאָפן, — אַפילו נישט געטראַכט פון טויט; און ווייל ס׳איז מלחמה, — גאָר גענומען טראַכטן פון לעבן; אַז ס׳איז קיין מלחמה נישט געווען, — וואָס האָט מען באַדאַרפט וועגן דעם צו טראַכטן? און אויב יאָ לעבן, — ווי גוט און וואויל וועט זיין: ווען מ׳וועט ערגיץ שיסן, דינערן מיט האַרמאַטן, — אויף די היימישע אַלט־געבאַקענע ערטלעך? אויף די אָפּגעריבענע שטיינער? וואו מ׳האָט זיך אויסגעכאַוועט אויף שיילעכטס פון קאַרטאָפל? און איצט אַרומגיין פאַרטראַכט: שאַ־שטיל, ווי אין די זאַקן... פאַרלייגט די הענט אויפן הינטן... זיצן הינטער אַ בוים, קוקן אין הימל אַריין, און זיך דערמאָנען: ווי מ׳האָט זיך געשפּילט מיט פּערלמוטערנע זשאַבע־שיסעלעך, זיי צוגעלייגט צום אויער, און געוואָלט אין זיי הערן דעם גערויש פונעם ים.

מילא, ווער רעדט: אויב ס׳האָט זיך נאָך ביי עמיצן פאַרוואַלגערט עפּעס אַן איבערבלייבעכטס פון אַ שטיקל משפּחה, ערגיץ פון הינטערן אויווען אַפיר, וואָס מ׳האָט צומאָלט נישט געקענט, — האָט מען זיך צוגעכאַפּט צו איר ווי צו אַ הייס געבראָטענס, צוגעפאַלן ווי צו אַן אבן־טוב; תיכף געוואָרן צווישן זיך, אַז מ׳האָט דערשפּירט די סכנה איבערן קאָפּ, די מלחמה, — אַזוי היימיש־נאָענט, ווי אַחים לצרה; און טאַטע־מאַמע, אַז מ׳האָט געהאַט, — ווער איז נאָך געווען אַזוי רייך, און צו יענעם געקענט זיין גלייך? פון אַ מאַמע איז דאָך אָפּגערעדט; נאָר אַפילו אַ טאַטע, — האָט ער געמעגט זיין וואָס פאַר אַ כעסן, און ס׳קינד, — אַלץ וואָס אין דער קאָרט, — האָט מען באַלד צונויפגעלייגט די קעפּ; יעדער פון זיי האָט פאַרבויגן, געוואָרן

אײנס, — אין לײב־און־לעבן; און זיך בײדע גלײך איבערגעגעבן צו דער מלחמה אין דער האַנט אַרײַן, — װי זי װעט מיט זײ מאַכן; װאָרן, די מלחמה, האָט מען שױן פֿון פֿריער געװאוסט צו דערצײלן, איז װי אַ צעלאָזן קינד, — בײַ רײַכע טאַטע־מאַמע; װאָס האָט זיך דאָ, למשל, ליב צו שפּילן מיט הינטלעך, טײַבעלעך, פֿײגעלעך און קעצעלעך, און אױפֿצומאַרגענס הנאה האָבן בײַ דעם אױסצוציפּן די האָר, אױסשטעכן די אײגלעך, און דאָס זײער צו פּײניקן.

יעדע מינוט האָבן די לאַנגע בריקעס אָנגעבערענגט מענטשן אין די פּיצלעך שטעטלעך אַרײַן, און די קלײן־שטעטלדיקע האָבן אױפֿגעשטעלט מױל און אױערן; זײ זײַנען געשטאַנען פֿאַר די געװעלבער, אָפּן געהאַלטן די מײַלער, און געקוקט: „די מלחמה טרײַבט זײ אַ ה ע ר, — און װ ו א ו װעלן זײ אַלײן פֿאַר איר אַנטלױפֿן?‟ עלטערע ײדן, שױן אָפּגעדאַװנטע, האָבן זיך ברײט צעזעצט פֿאַר די הײַזלעך, אױף די פּריזמעס שטײנער, און נישט אַדורכגעלאָזט קײנעמען, זײ זאָלן נישט אַרײַנשטעקן די האַנט מיט אַ ברײטן שלום עליכם:

— װאָס מאַכסטו עפּעס, יצחק? נאָך געװען גאָר אַ ראָצער, אַז דו האָסט צוגעװאָרפֿן דעם מקום אַ גט צו די פֿיס; קײן עין הרע, — אַ װײַב מיט דרײַ שטיקלעך; זיך שײַן אַרױפֿגעאַרבעט...

— און דו, שלום, — האָסט באַדאַרפֿט װאַרטן אױף דער מלחמה, — אַז זי זאָל דיך אַרױסטרײַבן אױף קבר אבות; דאָ ליגן אױפֿן בית עולם, — אַזױנע טײַערע טאַטע־מאַמע, אַ גאַנצע משפּחה...

און גראָ אַרײַנשמײכלען אין זײערע בערד:

—די גאַנצע מלחמה האָט זיך, אַפּנים, נאָר געמאַכט דערפֿאַר, — װײל ס׳ביסל מענטשן האָט באַדאַרפֿט גײן אַ הײם...

װאָרן, אַ כופר בעיקר, װאָס באַרימט זיך: „גאָט, — לא היה ולא נברא; װי לאַנג די עלעקטרי גײט, — גײט מען; און אַז די עלעקטרי גײט אױס, — איז אױס!‟ און מ׳קען אַזאַ אײנעם דאָרט אױבן נישט פֿאַרטראָגן; מ׳װיל זיך אױף דער גיך מיט אים אָפּ־פֿאַרטיקן, — אַזױ נעמט מען אַרײַנלײגן אין אים, אחת ואחת: איין באַכע פֿון פֿאַרענט און צװײ פֿון הינטן, — און מ׳האַלט זיך דערבײַ בײַ די זײטן פֿון געלעכטער: „װי לאַנג די עלעקטרי גײט, — גײט מען; און אַז די עלעקטרי גײט אױס, — ליגט מע, א?‟ אַז ס׳פֿליען

רעמיטלעך, קריכן נישט די אַלע בייזע מחשבות אין קאָפּ; פאַרגייט דער חשק צום כשרן חזיר־פיסל, צו די שאַרע־זייף מיטן חלבן ליכטל... נאָר מ׳שטייט איינגעבויגן, און מ׳בעט זיך:

— כ׳וועל שוין זיין גוט און פרום, נאָר מ׳זאָל שוין אַ מאָל אויפהערן...

אַזוי, מער־ווייניק, האַלטן די באַיאָרטע יידן, קוקענדיק אויף דעם משוגענעם געלויף:

— אַז ס׳קומט אַ צרה, — גייט מען אַ היים; ווייל דער שכל איז מחייב, — דאָס די היים ברויך מער זיין מבית ווי מחוץ; יעדנפאַלס, — איז נישט קיין גרויסער חילוק צווישן זיי ביידען; און אויב די וועלט האָט באַדאַרפט גיין אַ היים, ווייל זי איז שוין געווען אויף דער מדרגה פון יענעם אפיקורס, — דהאָט מען איר אָנגעשיקט די מלחמה אויפן קאָפּ אַרויף.

מ ס ח ר

די ערשטע שאָסן זענען געווען ווי די ערשטע ווייען, און מ׳איז זיי איבערגעקומען, — ווי לייכטע מאָזלען; אַז מ׳האָט זיך אָפּגעשאָסן, און דערשמעקט: אַז אַ האַרמאָט איז נישט קיין בער, — איז עפּעס ווי אַ שטיין פון האַרץ אַראָפּ; און אַזוי ווי מ׳האָט זיך נענטער באַקענט מיט די קאַרטעטשן, באָמבעס, און די אַנדערע גוטע זאַכן, — האָט זיך אַרויסגעוויזן: דאָס נאָך איידער גאָט האָט אויסגעטראַכט די מלחמה, — האָבן שוין פון פריער די מענטשן געהאָט צוגעטראַכט די רפואה פאַר איר, און, דאָס מיינט מען: דעם קעלער; ביז צו דער מלחמה, האָט מען געוואוסט, — דאָס אַ קעלער איז בלויז אויף אַרונטערצושטעלן עסן, אַז עס זאָל, אום זומער, אויף די היצן, — נישט קאַליע ווערן; נאָר אַז ס׳איז אויסגעקומען צו ליגן אין אים, נישט טויט און נישט לעבעדיק, ווען אַרום און אַרום האָבן זיך געריסן און געפּליקט די האַרמאָטן, ווי טויזנטער הינט וואָלטן געבילט אויף דער שטאָט, און איבער די קעפּ האָבן געפּיפן די גראַנאַטן: „זש־זש־זש... דהאָט מען זיך ערשט געכאַפּט, אַז

וואָס מ׳דאַרף אים האָבן; און ווי מ׳וואָלט אויסגעזען, — אַז מ׳זאָל דענצ־מאָל ברויכן זיין אין שטוב, אָדער גאָר שטיין אונטערן פרייען הימל...

אַז ס׳האָט זיך גענומען שיטן חיילות פון אַלע עקן וועלט, און ס׳האָבן אָנגעשפּאַרט קיין באַגריע טיראָלער, עסטרייכער, טשעכן, אונגאַרן, בייערן, זאַקסן, סיבירער, אוראַלער, דאָנער, קאַווקאַזער, אוקראַיִנער, און נאָך אַנדערע, — וואָס דער גוטער יאָר ווייסט אַלץ פון זיי, זיך אומגעביטן אַהער און אַהין: צום ערשטן מאָל, צום צווייטן מאָל, און אויך צום דריטן מאָל; געמאַכט הקפות אַרום יעדן ביימל, יעדן פלויט, און נאָך יעדן מאָל, געמיינט:

— שוין; אַז די וועלט עקט זיך, און האָט זיך נישט געעקט.

נאָכמער: אַז מ׳האָט יעדעס מאָל, ווען ס׳לעבן האָט געהאָנגען — אויף אַ האָר, איינגעזען: אַז די האָר איז שטאַרקער פון אַ שטריק, און די מלחמה הרגעט נישט אינגאַנצן אַוועק, און מאַכט מיט אַלעם דעם טויט (אַז זי וואָלט אַוועקגעהרגעט מיט אַ מאָל, — וואָלט שוין נישט אויפגעמאַכט; זי מיטשעט אָבער פריער גוט אויס און דערנאָך הרגעט זי ערשט אַוועק) און אַפילו זעלנער, — וואָס ברויך מען נאָכמער ווי די זעלנער? וואָס ווייסן נישט, צי דער מאָרגנדיקער טאָג איז זייער? און אויב זיי לעבן היינט, — צי זיי וועלן נאָך מאָרגן אויך לעבן? און ברויכן, פונדעסטוועגן, פון אַלעם וואָס אַ לעבעדי־קער מענטש ברויך האָבן, — און אויב נישט נאָכמער; ווייל, ער איז אַ ביסל צעיושעט פון דער מלחמה: „אויב כ׳לעב, — ווייל איך נישט עסן, נאָר פרעסן; און נישט טרינקען, — נאָר זויפן; ווייל ס׳איז היום היינט, און מחר, — אַ ברירה צו ליגן מיטן הינטן אַרויף, און מער גאָרנישט דאַרפן!" נו? ווי האָט דאָס איין באַגריע, צי אַפילו מיט נאָך זיבן באַגריעס, זיך געקענט איינרעדן: אַנטקעגן צו קומען אַזוי פיל מיליאָנען זעלנער, — מיט אַלעם וואָס זיי האָבן באַדאַרפט? צי אַפילו נישט מיט אַלעם, נאָר בלויז אויף אַ חיו־שעה? אָט איז דענצמאָל, אין דער ביטערער שעה, געבוירן געוואָרן דאָס מלחמה קינד, וואָס מ׳האָט גערופן מיט דעם ממזרישן נאָמען:

— מלחמה־מסחר.

דער דאָזיקער מסחר איז נישט געווען דער זעלביקער וואָס פרי־ער, ווען דער האַנדל האָט געבליט; עס האָט געגאָלטן אַ וועקסל, אַ וואָרט, אַ באַנק, און מ׳האָט געקענט קויפן און פאַרקויפן אויף אַ

טעלעגראמע, — יענע סוחרים האבן כאטש, ווייניקסטענס, געוואוסט
דעם פירוש המילות פון מסחר; דאס געטרויען אין די גרויסע שטעט
האט מען געהאט, אויף א ווארט זיך סומך געווען, און אויף דער
דאזיקער חזקה געקענט פירן וואגאנעס מעל, צוקער, הערינג, האלץ,
בלעך, אייזן, און, אדער־אדער... ס'האט זיך אויסגענומען, און מ'האט,
בחרפתינו, אנגעזעצט, געבליבן ביי גארנישט; צי גאר־גאר הויך
ארויף, געווארן א גביר עצום... און אז ס'איז געווארן די מלחמה:
דאס וועקסעלע האט אויפגעהערט גילטן, ס'איז נישט געווען מער
קיין באן, קיין טעלעגראף, און אויך נישט קיין באנק, — וואס דיס־
קאנטירט, דרייט און פירט, רעגולירט; אזוי האט מען איבער א נאכט
זיך געמוזט אומקערן צו יענעם אלטן און היימישן מסחר, פון פאר־
צייטענס: צייל מיר אפ כך וכך, אין מזומן, און נעם דיר דעם אקס,
צי דעם זאק גערשט, וכדומה... און וואס האט דער איינגעשטעל־
טער סוחר, דער וואס האט געפירט זיינע מסחרים אויף טויזענטערס,
— דענצמאל געקענט אויפטון? קודם־כל, ביי וואס איז דער דאזיקער
סוחר, אין דער ערשטער רגע, אז די מלחמה האט אויסגעבראכן, —
געבליבן? ווי האט אזא סוחר בכלל געהאט ליגן געלט אין מזומן?
אז אין די שטילע יארן — האט זיך זיין פארמעגן געשאצט אין האנדל־
וואנדל, אין די שענק מיט סחורות; און אז דאס האט, מיטן ערשטן
שאס, — אויפגעהערט צו גילטן, צי גאר געווארן אפגעמעקט? צי
ער האט אפילו געזאלט האבן ליגן א גרויסע אפותיקא אין דער באנק,
— נאר זי האט א זאג געטון, אזוי זיך, א זאג: „אז זי האט נישט מער
גאר צוריק צוגעבן!" נו? איז דאך באלד אזא סוחר, ווי רייך ער
האט נישט געזאלט זיין, — אויפצומארגענס, ווי מ'האט אויסגערופן
די מלחמה, געווען א ריינער ארימאן, און אים באדארפט גיין צו־
גויפנעמען אויף אן אנבייסן, אויב ס'איז געווען ביי וועמען.

אויפגעהויבן די קעפ האבן יענע, וואס זענען, אויף דער הייסער
מינוט, — געבליבן ביי מזומן; בעלי־מלאכות, וואס האבן ס'גאנצע
לעבן געקליבן א גראשן צו א גראשן, און עס אפילו נישט געטרויט
דער באנק, נאר געלייגט אונטערן קישן, צי גאר אין א לופט פון
אויווען; זעקל־יידעלעך, וואס זענען איבער א נאכט געכאפט גע־
ווארן פון דער מלחמה, — און געווען פטור פון צאלן זייערע וועק־
סעלעך; געהאט ליגן אין שיפלעדל דאס דראבנע ביסל לייזונג פון

נעכטן און אייער נעכטן; און יענע אַלע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט מער געוואוסט, ווי אָפּצוציילן זעקס־זיבן איינציקע קערבלעך, — און זיך נעמען זייער זעקל מעל, צי וועגעלע קלאָים... וואָס מיר וועקסל? באַנק? קרעדיט? יענע אַלע, האָבן זיך, מיטן ערשטן שאָס, — גלייך אַרויסגעריקט פון פּאַרענט, און זיך גענומען וואַרימען די הענט ביים גליענדיקן אייוועלע פון מלחמה־מסחר.

און צי די דאָזיקע יידן זענען אויך באַגליקט געוואָרן? ווי, ווּעלכער... אין דער מלחמה, ווי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, — האָט מען גאָר בכלל נישט באַדאַרפט קיין געלט; יענע וואָס זענען יאָ געבליבן ביי אַ לעק און אַ שמעק, — האָט זיי דאָס, וואָס זיי האָבן, לכתחילה, געדהאַט, — בלויז געגעבן דעם ערשטן שטויס; אָבער געמאַכט געלט, האָט נישט יענער צוליב דעם, ווייל ער האָט גע־האָט מיט וואָס צו מאַכן, — נאָר ווען ער האָט פאַרמאָגט געגוג כח איינצושטעלן; און ס׳איבעריקע, — ווי עס האָט אָפּגעקליקט; האָט ער נישט געמאַכט קיין געלט, האָט ער, ווייניקסטענס, — זיך געמאַכט דעם טויט.

סוחרים
און סחורות

מלחמה סחורות, זענען אַזוינע זאַכן: וואָס מ׳ברויך, ס׳רוב, האָבן פאַרן חומר, פאַרן גוף, ווי, למשל: צו־קער, מעל, זייף, זאַלץ, שמאַלץ, פעפער, נאַפט, טאַבאַק, און אויך אַ שטיק פלייש, אַ גלאָז מילך, — וואָס מ׳קען זיך אָן דעם נישט באַגייך, און אָן דערין אויסקומען.

אויף צו קויפן און פאַרקויפן די דאָזיקע סחורות, ס׳וועגדט זיך: וויפיל? אויב נישט קיין גאַנצע וואַגאָנעס, וואָס די מלחמה האָט אונטערגעברענגט, נאָר דריי קוואַרטנדיקעביינקעלעך, מיט צוויי פינ־טיקע טאַרבעלעך, — ברויך מען דערצו קיין געניטער סוחר נישט זיין; עס שטעקט נישט אין דעם קיין שום באַזונדערע חכמה. די אַלע סוחרישע דריידלעך זענען איבעריק, און מ׳ברויך זיי נישט האָבן. יעדער שניידער און יעדער שוסטער־ייִנג האָט זיך צו דעם גרינג געקענט צוכאַפּן; עס איז געווען גענוג אַ שמעק צו טון: וואו, למשל,

ס׳איז פאַראַן קאַרטאָפל, און וואו — ס׳איז נישטאָ; און זיי אַדיבער־פירן פון דאָרטן וואו ס׳איז לרוב, — דאָ וואו ס׳פעלט אויס, און מ׳זאָל מאַכן אַ מסחר; אַ געשעפט ווערט, ס׳רוב, געמאַכט צווישן צוויי ווערטער: אײנער נעמט דאָס געלט, און דער צווייטער גיט די סחורה; יענער קען דעם נישט, און דער, — יענעם נישט; דער ברויך נישט וויסן פון יענעמען, און יענער, — נישט פון דעם; אַ מינוט דערנאָך בלייבט מען צווישן זיך, — אַזוי אייגן ווי מ׳איז געווען אַ מינוט פריער, — פרעמד, און ווי קיינמאָל גאָרנישט; און צי דער ווערט אויסגעריסן ביים געלט וואָס ער נעמט, און יענער: באַגראַבן ביי דער סחורה, וואָס ער האָט זיך איינגעהאַנדעלט, — ווייסט אויך קיינער נישט, און ס׳איז קיינעם פון זיי נישט געלעגן דאָס צו וויסן; ס׳איז נישטאָ דאָס געפיל פון פאַרטרויען, פון אחריות, פון איין סוחר צו דעם אַנדערן, אפילו נישט פון גניבה, — וואָס האַלט צוויי סוחרים אינאײנעם, און אַ סך מאָל אויך ביי די קעפּ.

אַז ס׳קומט צום אַהיימפאָרן מיט די דאָזיקע סחורות, — דאָ עקט זיך די וועלט; ס׳רוב: ווערט זי געפירט אויפן אַלטן, פאַרצייטישן שטייגער, ווי־ווען ס׳איז נאָך קיין באַן נישט געווען, — מיט אַ פיר; די מלחמה האָט אונטער־געבערענגט די באַן. אויב זיין אַ סוחר, — מוז מען דערצו אויך זיין אַ גאַנצער בעל עגלה, און האָבן אַ פערד מיט אַ וואָגן; ריכטיקער: איז דער בעל־עגלה, דער וואָס האָט דאָס פערד מיטן וואָגן, — דער סוחר; און נאָכדעם ווי אַזאַ סוחר ווערט אויסגעריסן און פאַרשוואַרצט, ביז ער קריגט אַ היים דאָס וועגעלע סחורה, קומט אים אַ סך מאָל אויס, נאָך דעם גאַנצן מי־און־מאַטער, — צו דעם צו דערלייגן; און דאָס קען דער גראָבער קאָפּ זיינער נישט באַנעמען: אַלמאַי האָט זלמן, גרונם, — וואָס האָבן זיך גלייך מיט אים איינגעהאַנדעלט דאָס אייגענע וועגעלע סחורה, און אויף דעם זעלביקן מקום; באַצאָלט גלייך מיט אים, — דאָס זעלביקע געלט; נאָר דאָס איינע, — וואָס זלמן, צי גרונם, זענען אַריינגעקומען מיט דעם קיין באַגריע: מיט איין שעה פריער, צי מיט איין מינוט פריער, — האָבן די גוט פאַרדינט, און ער זאָל ברויכן צו דערלייגן? אַלץ, צוליב די איינע מינוט? פאַרשטייט נישט דער דאָזיקער סוחר, וואָס איז בטבע אַ שניידער־יינג, אַ סטאָלמאַך, אַ סמאָלע־קאָפּ, צי, ס׳גילדענע־און־גוטע: אַ בעל־עגלה, — אַז ס׳איז מלחמה, און אַז מלחמה האָט ס׳קדחות; אַ

מינוט האָט אַ ברירה צו זיין גוט, און אין אַ מינוט אַרום, — גוט אין דרערד; אַז מ׳האָט איבער דער איינער רגע אָנגעברענגט אַ סך חיילות, — קען נישט קלעקן קיין מעל, וויפיל מ׳זאָל נישט צופירן; און אַז מ׳האָט פון אונטער דער האַנט אַוועקגענומען דאָס חיילות, — ברויך מען שוין דאָס מעל אויף כפרות; און ס׳איז נישטאָ ווער, וואָס זאָל עס נעמען אין מויל אַריין, — גאָר אויך נישט אין דער האַנט אַריין.

אַ סך מאָל איז עס גאַנץ פשוט: אַז דאָס ערשטע וועגעלע סחורה קומט אַריין, — זענען נאָך פאַראַן בעלנים אויף דעם; קומט אָבער נאָכדעם אַריין נאָך אַ וועגעלע, און נאָך אַ וועגעלע, — איז שוין דאָס צופיל פאַר באַגריע, און דער מאָגן אירער קען עס נישט פאַרדייען; צו וואָס, למשל, קען באַגריע, אַז ס׳איז שטיל אין שטעטל: מ׳שלאָגט זיך נישט, מ׳דרייט זיך נישט אַרונטער די קעפּ, — ברויכן אַזוי פיל וועגענער מיט מעל, צוקער, און זייף? זי וועט זיך גיין באַוואָרענען מיט דעם, אויף הונדערט יאָר אַרויס?

און האָט אַזאַ סוחר פאַרלוירן ביי זיין קרעמל, — האַלט דאָס אים לחלוטין נישט צוריק, צו פאָרן נאָך אַ צווייטס, און נאָך אַ דריטס; ראשית, איז ער דען, אין די גוטע צייטן, אַז ס׳איז קיין מלחמה נישט געווען — נישט געפאָרן שוין האַנדלען? מכל־שכן, איצט: אַז ס׳איז מלחמה, האָט ער געזאָלט ווערן גוט און פרום (ס׳וואָלט גאָר נישט אויסגעמאַכט, — אַז יאָ!), און זיך אַוועקזעצן, במה־טילה, אויפן דאָס? מע האָט אים נאָך אין וויגל דערמיט פאַרוויגט, און אַז זיין מסחר וועט באַשטיין פון ראָזשינקעס מיט מאַנדלען! און, והשנית, — איז דען דאָס אָנווערן ביי אַ קראָם, צי דאָס פאַרדינען ביי איר, — אויף עפּעס אויסגערעכנט? ס׳איז דאָך נישט מער ווי אַ ווינט, אַ טראַף, און אויב נישט מער ווי אַ טראַף, — קען דאָך געמאָלט זיין: אַז יענער זאָל ביים צווייטן, אָדער ביים דריטן מאָל, ווי עס איז טאַקע, — טרעפן? אַז מ׳זאָל גראָד האָבן אָנגעברענגט אַ סך חיילות, זיך האָבן געשלאָגן אַ מינוט צום טויט, זיך אַראָפּגעדרייט די קעפּ, — און מעל, זאַלץ, פעפער, זאָל טאַקע זיין דריף? און זיך ביי דעם אָפּנעמען פאַרן פריערדיקן, און נאָך פאַרן פריערדיקן, — פריערדיקן?

ביי אַ סך טרעפט: אַז זיי טרעפן טאַקע צו, און נעמען זיך אָפּ; אָבער, ס׳רוב, — ווערן זיי באַגראָבן; און פונקט ווי ביי קאָרטנ-

שפּילער, אַז ס׳גייט זיי אין די קאָרטן, — לאָזן זיי זיך ערשט אַריין איבער די אויערן, און זענען מער נישט בײַ זיך אין די הענט; וואָרן דער יצר הרע נעמט דאָך אַזאַ איינעם גלייך אין דער אַרבעט אַריין: „שטיי נישט אָפּ; פּרוואוו נאָך אַמאָל, און נאָך אַ מאָל, — ביז ס׳וועט דיר אָפּגליקן!“ אַזוי, פאַרקערט, — לאָזט עס ווידער יענעם נישט איינרוען, ווען ער האָט פאַרלוירן: „וואָס עפּעס אַוועקגיין אַ פאַר־שפּילטער? נעם נאָך אַ קאָרט, און נאָך אַ קאָרט, און נאָך אַ קאָרט!“ עס הייסט: „לאָז דיך נאָך אַ מאָל אַרויס אין וועג אַריין, און ווי שייך, — דו זאָלסט דאָס מאָל נישט צוטרעפן?“

און איבער דעם, ווי איבער יענעם, איז אַלץ דער מסחר אַזוי נישט זיכער, פאַרנעפּעלט, אַז ס׳קומט, ס׳רוב, בײַ אים אויס צו פאַרלירן; איז דאָך די שאלה: למה זה אנכי? וואָס גייט דאָס די באַג־ריער יידן אַזוי אין לעבן, — צו פטרן זייער געלט? אַזוינע גרויסע גבירים זענען זיי? איז אָבער דער תירוץ: ווען מ׳וועט אַפילו נישט באַ־גליקט, — לעבט מען דאָך אין צווישן; און פון מאַכן ביז צום פאַר־לירן, — האָט מען דערווייל, ווי־ס׳איז, דעם ווייב עפּעס צו געבן אין דער האַנט אַריין.

אַז מ׳האָט אַ מאָל, נאָך פאַר דער מלחמה, געפרעגט בײַ אַ באַגריער ייד:

— צו וואָס ער פאָרט אויפן יריד, — אַז ער דערלייגט איט־ליכעס מאָל די הוצאות?

האָט ער נאָך דערצמאָל געוואוסט צו ענטפערן:

— אַז ער זאָל נישט פאָרן, — פון וואַנעט וועט ער נעמען צו דערלייגן? ——————————————————————

על אחת כמה וכמה כפולה ומכפלת, — אַז ס׳איז מלחמה?

ו ו ע ג ן

אויב אַ וועג שמעקט מיט סכנות נפשות, און מ׳ברויך גומל בענטשן, ביז מ׳קומט אים בשלום איבער, — דאָס ווייסן שוין אַפילו קינדערלעך אין די וויגן; וואָרן, ווער האָט זיך נאָך אין

דער מלחמה, נישט אַרויסגעלאָזט אויף די וועגן,—האַנדלען, וואַנדלען? און אויב די מענטשן האָבן זיך אויך צוגעוואוינט, ביי דער דאָזיקער מלחמה, צו גיין אין פייער אַריין, — ברויך מען אויך קיינעם נישט זאָגן; וואָרן, ווער איז נאָך, אין דער איצטיקער מלחמה, — נישט געגאַנגען אין פייער אַריין?

אַז מען זאָל געווען, פאַרצייטענס, ס'הייסט: פאַר דער מלחמה (זי איז נאָך קיין האַלב יאָר נישט אַלט, און אַלץ פון פאַר איר, — איז שוין ווי פאַרצייטענס) אַז מ'זאָל דאַן נאָך געווען אָנכאַפּן אַ ייד: אַ פּשוטן ייד, נישט קיין איבעריק רייכן, און אויך נישט קיין גאַנץ אָרימען; אַזוי, אַ דורכשניטס־ייד, וואָס האָט זיך געדאַט זיין פּרנסה בכבוד, און אים אָנבאָטן אַ הונדערטער, אויב ער וועט זיך וועלן אַרויס־לאָזן אין אַ וועג אַריין, סך הכל: זיבעצן־אַכטצען מייל, — מיט אַ פיר, און ס'זאָל אים דערביי אויסקומען צו גיין דרייסיק־פערציק וויאָרשט צו פיס, — ווי וואָלט אייך אַזאַ ייד געווען אָנגעקוקט? מכל שכן: מ'האָט נאָך געקענט דאָבן דערביי אַ קלער, אַז מ'זאָל נישט זיין זיכער מיט ז י ך אויף אַ האָרעלע, אויף אַ ברעקעלע, — נו, האָט מען זיך נישט אָפּגעשאָקעלט דערפון, און געשלאָגן טויזנטער פאַר אַ כפרה? און געפאָרן איז מען, ווי פריער, — מיט דער באַן; און אַז מע האָט זיך געפילט אַ קאַפּיטשקע נישט שוה מיטן געזונט, — האָט גאָט פאַר דאָס געגעבן אַ צווייטע קלאַס, וואו מ'האָט זיך געקענט אויסלייגן ביים טאָטן אין וויינגאָרטן, — אויף אַ געבעטער באַנק; אַריינ־כאַפּן אויף איר אַ זיס דרימעלע, אַ געשמאַקס, אַ טייערס, וואָס זאָל זיך צעגיין אין אַלע אברים; און אפילו נישט אַריינשמעקן אין דער דריטער קלאַס.

און, וואָס די מלחמה האָט געמאַכט? עפּעס זענען די מענטשן ווי אַנדערע געוואָרן, — דורך איר; ס'לעבן אַזוי נידריק געפאַלן, געוואָרן ביליק, און ס'געלט, דאָס אַלמעכטיקע געלט, וואָס איז, אַגב, גאָר קיין געלט נישט, — אַזוי טייער, אַזוי חשוב ונחשב, אַזוי נתעלה געוואָרן...

וואָרן, אַז מ'קומט זאָגן:

— יענער איז געהרגעט געוואָרן פון אַ קויל, פאַרענדיק; דער, געוואָרן צעטרעטן פון אַ מיליטערישן פערד; און דער, צעשניטן פון דעלנערישע מעסערס...

שטעלט זיך דער פרישער גישט אָפּ, און פרעגט זיך צומאָלט גישט איבער: „ווי אַזוי? און ווען?" און טאַקע אויך מיט קרעכץ, דערביי: „אַזאַ טייערער מענטש!" ווי ס'געשיקט זיך; אָדער מ'זאָל זיך צעראָפּנעמען אַ ראיה, און אַוועקזעצן... זיצן... גיין, נאָר מ'זוכט ווייטער צו לויפן, ווי אַריבערצושפּרייזן דעם טויטן, איידער ער האָט זיך נאָך אָפּגעקילט...

גישט בחנם זאָגט די וועלט:

— אַז די מלחמה הרגעט אַלעמען, גלייך.

ס'שלאָגן זיך, מכלומרשט, זעלנער, אָבער ס'איז נישט קיין חילוק, — יענע וואָס גייען נישט אין שינעל, און ליגן נישט אין די אָקאָפּעס, שמעקן אויך צו דעם זעלביקן פּולווער; טרייבט זיי ווידער די מלחמה אַרויס אויף די וועגן, — און די וואַסערן ברויכן אויך מער צונעמען, די וועלדער פאַרשלינגען...

לאָזט עס איבער צו דער מלדרמה; זי האָט שוין אירע פאַרטלען, ווי אַזוי זיך צאין יענעם איינצוהילן, און אים דעם טויט צו מאַכן.

און נ אָ ך די אַרבע מיתות בית־דין, אַז מען גייט זיך שוין צאָן די זיבעציק־אַכטציק וויאָרשט, — נאָך דעם שווערן און אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט סחורה; מ'ווערט אָפּגעברענט ווי אַ ציגיינער, שוואַרץ ווי אַ טאָטער, די קעל פול מיט ביטערן שטויב; און ס'האַרץ, — אויב איר האָט אַ געזונט האַרץ, און ס'האָט זיך אייך דורכאויס נישט געוואָלט נאָכגיין נאָכן וואָגן, נאָר זיצן אויף איבם, — ווי קען מען דאָס גיין זיבעציק־אַכטציק וויאָרשט, צו פיס? זייט זיכער, אַז איר וועט דאָס טרייסלען שפּירן איבער אַ יאָר, איבער צען יאָר, ביז איבער, גאָט וועט שענקען ס'געזונט מיטן לעבן, — אויב די מלחמה וועט עס נישט פריער פאַרענדיקן...

וואָרן, ווער איז דאָס נאָך, אין דער איצטיקער מלחמה, אַזוי גיך ווי ס'איז געוואָרן אויס באַן, — נישט געפאָרן מיט קיין וואָגן, ריכטיקער: אים נאָכגעגאַנגען צו פיס אַ גאַנצן גייענדיקן וועג, און זיך ס'לעבן פאַרשאַלטן? מקנא צו זיין איז, אסור, — קיינעם נישט; און ווען אַפילו איינער האָט זיך שוין אַוועקגעריסן עטליכע טויזנט קערבלעך, — איז ער שוין זיכער מיט דעם, אַזוי ווי פאַרצייטענס, ווען דאָס גבירישקייט איז געקומען, שווערלעך אָבער ערלעך, — אַז ער איז שוין געבליבן דערמיט; און אַז עס האָט זיך באַזעצט ביי אים,

ווי אַ יוסטער בעל־הבית? וואָרן, מיטן געלט וואָס ער האָט זיך אַוועקגעריסן, — איז ער נישט זיכער, און מיטן לעבן דערביי כּסדר איינגעשטעלט.

די מלחמה גיט מער צום טויט ווי צום לעבן; זעלטן, — אַז עס האָט זיך עמיצער ביי איר עפּעס אָוועקגעריסן; און אויב נישט קיין געלט, — איז אַ שטיק האַרץ פאַרגעווים.

פּראַנטן

אין מיטן פעלד, איבער הונדערטער און אפשר איבער טויזנטער וויאָרשטן, — לייגט זיך אויס דער פּראָנט; שניידט זיך פאַרביסן אַריין אין דר׳ערד, און וויקעלט זיך אַרום ווי אַ פייערדיקער שטריק אַרומ׳ן האַלדז; אויף די הונדערטער און אפשר טויזנטער וויאָרשטן, — זענען פאַראַן, ווי געוויינטלעך, שטעט מיט שטעטלעך, דערפער מיט דערפלעך, — וועלכע ס׳קומט אויס צו ליגן דאָרט הינטערן פּראָנט, און אויך אָפּגעריקט אויף עטליכע וויאָרשט פון אים.

מילא: פון יענע אַלע שטעט, וואָס כאַפּן זיך אויפן סאַמע פּראָנט, מוז מען, אָן שום טענות ומענות, — עוקר זיין; כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס, און מאַכן אַ ויברח; זיין אַ בעלן צו שטיין אויף אַזאַ אָרט, ווען מ׳זאָל אַפילו לאָזן, — וואו ס׳הערן נישט אויף צו ברומען די האַרמאַטן מיט די ביקסן, דאָס אַפילו אַ זעלנער, ווען ער וואָלט נאָר געקענט, וואָלט ער אויך אַנטלאָפן געוואָרן, — איז נישטאָ; מע זאָל אַפילו אַנבאַלייגן אַ פולע שטוב מיט גאָלד.

ס׳איז דאָך נישט מער ווי אַ ריינער צופאַל, און דאָך: יענע אַלע שטעטלעך, וועלכע ס׳האָט געטראָפן אַ נס, פשוט: אַ נס, מיט דעם וואָס דער פּראָנט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ האַלבן מייל, צי אויף אַ מייל פון זיי, — איז אויף זיי דערמיט געקומען אַן אויפריכטעניש; און די מענטשן איז געפאַלן דאָס גרויסע געווינס, — אין קאָפּ אַריין; און יענע שטעטלעך, וואָס דער פּראָנט האָט אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ, ביי די פיס און ביים האַלדז, — איז דאָס ביסל מענטשן אין זיי אויסגעריסן געוואָרן צום טויט.

דאָס אומגליק פון איין שטעטל: וואָס, לאָ־די, עס איז געוואָרן אַ מוכן לפורעניות, אַז מ׳זאָל ברויכן אין דעם אַריינהאַקן פון אַלע זייטן מיט האַרמאַטן, מיט קוילנוואַרפערס, — און מיט וואָס נישט? האָבן די מענטשן פון דעם, וואָס ס׳איז זיי אויסגעקומען צו אַנטלויפן, — נישט געקענט, ס׳רוב, באַוויזן מיטצונעמען דאָס קישן פון אונטערן קאָפּ אַפילו, און דעם לעפל, וואָס מ׳ברויך צו טראָגן צום מויל; און אין יענעם שטעטל, וואָס דער פּראָנט איז אויסגעפאַלן בלויז אויף אַ האַלבן מייל פון דעם, — איז געוואָרן לעבעדיק, אויף טיש און אויף בענק; עפּעס אַ קלייניקייט; מען נעמט און מע טרייבט־אָן אַ מיליאָן זעלנער, אַ מאָל: נאָך מער פון אַ מיליאָן, און דאָ, — מען זאָל אויסשאָקלען דאָס גאַנצע מקום, זענען אין דעם נישט פאַראַן מער ווי דריי הונדערט נפשות; און וואָס האָבן קיינמאָל נישט מער געוואוסט, — ווי צו פאַרזאָרגן אַ דאָרף מיט פּויערים; פאַרזאָרגן מיט גאָפּט, מיט זאַלץ, חזיר־שמאַלץ, לעדער צו פאַריכטן די שטיוול, — און זיי ברויכן מיט איינמאָל פאַרקאַשערן די אַרבל, און זיך אָפּגעבן מיט אַ גאַנצן מיליאָן זעלנער?

אמת איז: אַז צו עסן, צו טרינקען און צו באַקליידן, — גיט מען זיי, די זעלנער; און אַ דרוץ דעם, זענען זיי אַ ביסל אויסגעטון פון עולם הזה אויך; אָבער, ווען מע זאָל אַפילו אַראָפּוואַרפן האַלב אין וואַסער אַריין, אַ דריטל אָפּגעבן דער וואַנט, אַ פערטל דעם שטיין, — קען מען נאָך אַלץ ביי אַזאַ חיילות, קיין עין הרע, בלויז פון נעבעך זאַכן, וואָס ווערן גאַרנישט אַרויפגענומען אויפן צעטל, — אויך אָפּלעקן אַ פעט ביינדל...

אַ שטעטל גרויס ווי אַ גענעץ, וואו דער קרעמער האָט געהאַט מאַרק־טאָג איינמאָל אין צוויי וואָכן, און די גאַנצע דרייצען טעג געקוקט אין הימל אַריין, געלייגט די ציין אין בייטל, די הענט מיט די פיס אויף די פּאָליצעס, — אַזאַ שטעטל ווערט איבער אַ נאַכט אַ שטאָט פון אַ גאַנצן מיליאָן מענטשן; און נאָר די קרעמער (קיין אַנדערע לאָזט מען נישט צו, — ס׳איז אויפן פּראָנט!) זאָלן זיך ברויכן מפלפל זיין מיט זיי; פאַרשטייט זיך, אַז מע זאָל אַפילו נישט צו־טון קיין האַנט, נאָר בלויז אַ פינגער, — און ס׳זאָל שוין אַריינרינען דורך אַלע שפּאַלטן און לעכער, שלאָגן מיט טיפע קוואַלן פון האָניק און מילך.

אַ שטעקן האָט צוויי עקן, און אַ פּראַנט וואָס גיט, — האָט אָבער אויך ליב צו נעמען; גראַבעלט מען זיך אַזוי לאַנג אין גאָלד, דאָס הייסט: דער פּראָנט לאָזט אַזוי לאַנג אַרומקריכן אויף זיך, ווי אַ געפּאַלן פערד, וואָס גיט זיך מיט אַ מאָל אַ טרייסל אויף: „כ׳לעב נאָך, ברוך השם, און בין נישט מיט אַלעם טויט...״ און אַז מ׳האָט שוין גענוג אַנגעהאַנדלט, זיך אָנגעקראָכן אונטער די קוילן, אַרויסגעכאַפּט דאָ אַ שילגער, דאָרט אַ גראָשן, און דערביי נישט דערשלאָפן, נישט דערעסן, זיך אָנגעקוקט יעדע רגע מיטן טויט; האָט זיך, צום סוף, דער דאָזיקער פּראָנט, נישט מער באַדאַרפט ווי אַ בייזער־טון, זיך אַ קליינעם בייזער־טון; אַרויס ווי אַ צעקאָכט וואַסער פון די ברעגעס, ווען עס גיט דעם אַ ברי, ס׳הייבט דעם אונטער, — און מ׳זאָל נישט נאָר אָנטלויפן אַ צעממיתטער, אַ צעהרגעטער, נאָר אַ סך מאָל אויך: אָן אַלעם, אַזוי ווי מ׳גייט און שטייט, מיטן בלויזן שטיקל לעבן אויף זיך...

אַזוי איז געווען דער פּראָנט; מ׳האָט זיך אַזוי געהאַט איינגעלעבט מיט אים, ווי מיט אַ קאַץ; און ווי לאַנג זי האָט נישט געדענקט, — זיך געלאָזט גלעטן; אָבער אַזוי גיך ווי דאָס גלעטן איז איר נמאס געוואָרן, — איז זי, איבער איין רגע, נישט מער געווען די לאַשטשענדיקע קאַץ, נאָר אַ צערייצטער טיגער, ריכטיקער: אַ פּראָנט, וואָס האָט נישט בלויז צעדראַפּעט, נאָר מ׳האָט אויך גאַנץ שיין ביי אים געמוזט צו־מאַכן די אויגן, און גיין שלאָפן; זאָגן: אַ גוטע נאַכט, אויף תמיד.

אָן אַ געלעכטער

וואָס אַ מלחמה איז?

אַז איר זעט: איך זיץ אויף דער קעלניע, און האַלט אַ פּאָר לייצן אין דער האַנט, טרייב־אָן מיט אַ פערד און וואָגן, — מיינט איר, אַז איך בין אַ בעל־עגלה? ס׳הייבט זיך נישט אָן! מיינע אַבוראַנטי זענען קיין בעלי־עגלות נישט געווען, און איך, — אודאי נישט; מ׳זאָל מיר געווען קומען זאָגן מיט זעקס־זיבן וואָכן צוריק, — אַז איך וועל דאָס טון, וואָלט איך יענעם אַנגעשפּיגן אין פּנים אַריין.

און אויב איר ווילט וויסן, — ווי כ׳קום דערצו? אַזוי מוזט איר זיך שוין אויך אומקוקן אויף דעם, מיט וואָס איך האַנדל; און אויב איר פרעגט: מסחר שלי? אין וואָס איך בין עוסק? כ׳ווייס? היינטיקע צייטן, איז דען שייך צו זאָגן: מסחר, — אַ באַשטימטע זאַך? אויף צו האַנדלען ברויך מען איצט דהאָבן איין זאַך: דעם קאָפּ; און אויב מ׳האָט צו אים אויך אַ קליין פּיצעלע מזל, מילא... ברויך מען גאָר־נישט בעסער... וואָרן, פריער, אַז ס׳דהאָט נישט צוגעשפּילט אין מסחר, — איז דאָס אויסגעגאַנגען בלויז צום בייטל; און איצט, — קען עס אויסגיין צום גאַנצן לייב־און־לעבן; און אין דערין האָט די מלחמה שטעקן אַ יד; די מלחמה, — וואָס האָט זיך צעלייגט איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון דער וועלט, און וואַרפט יעדן איינעם אין היץ און אין קעלט.

דאָס איינע: מיט וואָס די מלחמה געפעלט מיר גראָד יאָ, איז, — וואָס זי מאַכט כלו זכאי, גלייכט אַלעמען אויס; נישטאָ קיין מיוחסים; אָרעם, רייך, — אַלע זענען ביי איר גלייך! „דו, גביר, וואָס האָסט ליגן דיינע מאה אלפים קערבלעך אין דער באַנק (און אַזוינע זענען דאָך פאַראַן!), — איז פונקט אַזוי ווי דו וואָלסט זיי נישט געהאַט!״ און אַז מ׳זאָל זיך נישט דערבאַרימען, און אים אַרויסגעבן עטליכע קערבלעך, — וואָלט ער געקאָנט אַוועק שטאַרבן ביי זיי פון הונ־גער; און אַז די זעלביקע באַנק זאָל אים ווידער געבן אַ מנה יפה אויף צו האַנדלען, — פון דעם מעג שוין ער פאַרגעסן; זי גיט נישט; ס׳איז נישט מער ז י י ן, נאָר די באַנקס געלט; אין יחוס איז ער נאָך,

לעת עתה, דער זעלביקער גביר, נאָר אַז ס'קומט צום איבערציילן, — איז נישטאָ וואָס; און אויף להבא ברויך ער האָבן אַ סך רחמים: אַז דאָס בענקל, וואו ער האָט ליגן די מזומנים, — זאָל האָבן כח און קראַפט איבערצוהאַלטן דאָס חולאת, די מלחמה, און נישט אויסציען ביי איר די קאַפּיטעס מיט אַלעם; און אויף דעם חולאת ליגן זיי, נעבעך, אַלע, די בענקלעך, — אַז איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין. מיך אַרט עס גאָר ווייניק. וויל, דאָס געלט וואָס איך האָב אין זיי ליגן, — מי יודע? וועל איך עס נישט האָבן! איי, וואָס ס'איז שאָד: די נדנים? דאָס יתומים־געלט?... מילא... ווי זאָגט מען? אַ שידוך גייט איבער קיין געלט נישט אָפּ. אוןווידער, — מע קומט מיך עפּעס פרעגן? ס'אי ליכא ברשותי. ווען איך זאָל האָבן צו זאָגן, וואָלט איך אודאי גע־זען, — אַז ס'זאָל קיינער נישט באַ'עולהט ווערן מיט קיין פּרוטה. און אויב די מלחמה וועט זיך פאַרציען, וועלן, באין ברירה, חתן־כלה ברויכן דיתונה האָבן אָן נדן. וואָרן, באמת, וואָס איז? מ'האָט שוין געזען: ווי ייִנגע פּאָר־פּעלקער, וואָס האָבן חתונה געהאַט אָן איין שילגער, — האָבן אָנגעשיט פּילע זעק מיט געלט, און לאַכן פון דער וועלט; און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַוואָרענט: זענען אַרויסגע־גאַנגען אויף דער וועלט אַנגעלאָדענט, פון קאָפּ ביז צו די פיס, — און דער שלימזל האָט זיך ביי זיי געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, ביז זיי האָבן עס צעפּטרט, — און זיך דערנאָך ערשט אַוועק־געשטעלט אויף די פיס זייערע. און דאָס, וואָס די אַמאָליקע גבירים וועלן ברויכן אַרויסגיין מיט די שטעקעלעך אין די הענט, זוכן אויפן טאָג פּרנסה, — פּלאַצט מיר אויך נישט דער עלנבויגן! זאָלן זיי אויך וויסן דעם טעם פון אַן אָרימאַן; און צוריקגעשמועסט: וואָס האָב איך מיר צו ברעכן דעם קאָפּ פאַר די גבירים? אַ סך האָבן זיי זיך גע־בראָכן די קעפּ פאַר מיר? אַז ס'וועט וועלכער פון זיי צוקומען, און וועלן: איך זאָל אים אויפנעמען אויפן וואָגן, — מהיכא תיתי; כ'וועל אים אודאי אויפנעמען; און אפילו ביי אים נישט נעמען גאָר. וואָס קען דאָ זיין? ער ברויך נאָר הייס צו בעטן: אַז כ'זאָל נאָך דערנצמאָל זיין אַ בעל־עגלה! וואָרן, ביי די איצטיקע מסחרים, טאָמער ווייסט איר... היינט טרייב איך אָן מיט אַ פערד און וואָגן, און אויף צו מאָרגענס האָב איך אַ ברירה צי זיין, כ'ווייס — אַ פּורים־שפּילער! ווי קום איך בכלל צו אַ פערד און וואָגן? אַז, סך הכל, מיט זעקס־זיבן וואָכן צוריק,

— בין איך געווען אַ יושב אוהל, אַ היימזיצער, און מיר איינגעשאָצט אין מיין פאַרמעגן: פינפצען זעקלעך מעל. מיך האָבן זיי געקאָסט צו איך־און־צוואַנציק ריבל, אַ זאַק; און געוואָלט געבן ריוח האָט מען מיר, — אַ ריבל אויפן זאַק; פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב מיך נישט געאיילט צו נעמען; מי יודע, — פיפצען קערבלעך ריוח, ביני ובינך? מאַכט זיך דערווייל אַ מעשה: דאָס לאָדזש, וואָס איז צוגעכאַפּט געוואָרן פונעם דייטש, — ווערט אָפּן; אַזוי כאַפּ איך אַרויס ביינאַכט אַ וואָגן פון שטאָל, לייג־אויף די פיפצען זעקלעך מעל, און פאַטש אַריין מיט זיי קיין לאָדזש. איי, וואָס מ׳טאָר נישט פאַטשן? פאַרוואָס האָב איך געזאָלט וואַרטן, ביז מע וועט מעגן? — כ׳האָב נאָך פריער געזאָגט: אַז צום מסדר ברויך מע בלויז האָבן דעם קאָפּ אויף די רעכטע זייט, און אויב מ׳האָט נאָך דערצו אַ ברעקעלע מזל, — וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן? נאָך איידער דער פאַרפּאָסט האָט זיך רעכט באַוויזן אין שטאָט, — בין איך שוין געזעסן אויפן וועגעלע מיט מעל, געריבן דערמיט אויפן שאַסיי, און געשניטן די וויאָרשטן.

נאָך הינטער דער שטאָט, אַז כ׳בין געקומען, — האָט מען מיר שוין אָנגעהויבן אַנטקעגן צו גיין, — און מיר אָפּגעבן דעם ברייטן שלום עליכם; מיינט איר דאָך אודאי, — משפּחה? אַ נעכטיקער טאָג! נישט איך האָב מיך באַלד נאַריש געמאַכט, און איר צו וויסן געטון פון מיין קומען אַהער, — ווי אַזוי? מיט דער פעלד־פּאָסט? מיט אַן עקסטרע קוריער? און נישט זי וואָלט זיך אין זינען געהאַט נאַריש צו מאַכן, און מיר אַרויסצופאָרן אַנטקעגן מיט פיר פּאָר פערד, — נאַ שפּיץ; אַז כ׳וועל מיר שוין די מי געבן איר ערגיץ צו גיין אָפּזוכן אויפן באַלוט, — וועט זיין קבצנו יחד; און כ׳וועל איר נאָך דאַרפן איבערלאָזן אויף אַן אָנבייסן! בקיצור, וואָס מער כ׳בין אין דער שטאָט אַריין, — אַלץ מער האָט מען גענומען לויפן אויף מיין בייז וואונדער; און אַז כ׳האָב מיך אַרומגעקוקט, — איז שוין איבער מיר געשטאַנען גאַנץ לאָדזש, פון די זגערזשער גאַס ביז גייערס מאַרק, און מיך געשאָקעלט ווי אַ לולב: „וואָס, איר זענט אַ באַאַגריער? אַ באַ־אַ־אַ־גרי־ער? אַ באַ־אַ־גרי־ער?“ וואָס איז ס׳געוואָלט, האָב איך געוואָלט וויסן, מיט באַגריע, — דאָ אַזוי גרויס? ווער האָט זיך אויף איר אַ מאָל אומגעקוקט? און עס איז מיר דאָ גלייך אין דער נאָז אַריין: אַז איך בין דער ערשטער ייד, וואָס האָט דערגרייכט לאָדזש, נאָך דעם ווי דער

פראַנט האָט איר געהאַט אָפּגעשניטן ווי מיט אַ מעסער, פון באָגריע; און מע האָט זיך נישט געקענט רירן פאַר זעקס־זיבן חדשים, — נישט אַהין און נישט אַהער; מע האָט געשריגן צו מיר, זיך געריסן דעם גאָרגל, און דאָס, — נישט איין ייד, נישט הונדערט, נאָר טויזנט אויף אַ מאָל: „וואָס טוט זיך עס דאָרט אין יענע מקומות? ס׳זענען נאָך געבליבן עפּעס יידן, לעבן? און די רוסן האָבן זיי נישט אָלע אויפגעהאָנגען?"

איך האָב דאָס וועגעלע מעל פאַרצוקערט, ווי דען? וואָרן, דאָ וואו דער דייטש איז געהאַט איינגעשטאַנען, — איז אַ לעק מעל געווען מיט גאָלד צו גלייך; און כ׳האָב פאַר דעם אָפּגענומען, — עס האָט דען אַ שיעור, — וויפיל כ׳האָב פאַר דעם אָפּגענומען? כ׳האָב מיך אָנגעשטאָפּט! און אַז איך האָב שוין געהאַט דאָס געלט אין קעשענע, שטיי איך אַזוי און טראַכט: וואָס פירט מע דאָ אַ היים? דעם ליידיקן וואָגן? מע וועט דאָך מיר אויסרייסן די אויגן; אין לאָדזש געווען, און גאָרנישט האָבן מיטגעברענגט? און עס קומט מיר אין קאָפּ אַריין: שניט־סחורה! וואָס דען קען קומען אין קאָפּ אַריין, — אַז מ׳איז אין לאָדזש? לאָדזש איז דאָך די סטאָליצע פון שניט־סחורה! אין באָגריע, וואו פּאָניע האָט זיך געהאַט אַזוי ברייט צעלייגט, — ברויך זיין אַזוי פיל שניט, ווי מעל אין לאָדזש; דער פרעסט מעל, און יענער, — שניט; וואָס פרעסן זיי נישט, — אין דער מלחמה? איי, וואָס כ׳בין נישט בקי דערין? אַ נפקא מינה: שניט איז שניט. כ׳האָב נאָר באַדאַרפט זען: אַז מ׳זאָל מיר אָנשטאָט דעם נישט אָנלייגן קיין האָנער, קיין קלאָים, — אויב זיי וואָלטן דאָס יאָ געהאַט וואו צו נעמען. און באַלד דערנאָך בין איך מיר שוין צוריקגעפאָרן אויף דעם אייגענעם וועג, מיט דעם אייגענעם וועגעלע, און אָנשטאָט מעל, — געהאַט ליגן אויף דעם שניט־סחורה. ס׳איז גראָד געווען פאַרנאַכט, אַ מדינה, און מיר צו געזינגען:

אבינו מלך,

ס׳דהאָרץ איז מיר פריילעך.

ווי די גאַנצע וועלט וואָלט נישט געווען פּאָניעס, נישט דעם דייטש׳ס, — נאָר מיינע; און אַז כ׳בין שוין געקומען עטליכע וויאָרשט פון באָגריע, דערזע איך: ווי ס׳קומט מיר אָנטקעגן אַ צווייטער קוני לעמל, אַ ייד מיט אַ פערד און וואָגן, מיין איך, — וואָס האָט זיך מיט

אַ מאָל געגעבן אַזאַ שטעל־אָפּ, אַז ער האָט מיך דערזען, — אַז בײדע פערד האָבן זיך כמעט צעקישט מיט די נעזער! און ס׳איז אַװעק אַ שמועס: „װאו פאָרט אַ ייד?" „קײן לאָדזש!" „און פון װאַנעט פאָרט אַ ייד?" „פון לאָדזש?" „נאָך װאָס פאָרט אַ ייד קײן לאָדזש?" „נאָך װאָס קען אַ ייד פאָרן קײן לאָדזש, אויב נישט נאָך אַ ביסל שניט?" „מיט װאָס פאָרט אַ ייד פון לאָדזש?" „מיט װאָס קען אַ ייד פאָרן פון לאָדזש, — אויב נישט מיט קײן ביסל שניט?" אויב אַזוי, איז דאָך גוט. און ער גיט אַ קוק צו מיר אויף דער פיר, אַ שניפּ מיט דער נאָז: „מה בקשתך?" „װאָס זאָל אַ ייד װעלן? — זאָג איך, — ריוח; אַז ער זאָל נישט האָבן בחינם געפאָרן!" זאָגט דער ייד: „דאָס פאַרדינען צו פאַרדינען איז נישט גלײך. פאַראַן יידן, װאָס פאַרדרײען דעם עק, און, יידן, װאָס לאָזן זיך בײגן... און אויב כ׳װעל לאָזן צו זיך רעדן, ס׳װעט זײן במקח, — קען ער זיך טוישן מיט מיר: איך זאָל מיך אויפזעצן צו אים אויפן לײדיקן װאָגן, און פאָרן מיט אים, אויב כ׳װיל ריזיקירן, — נאָך אַ מאָל קײן לאָדזש; און ער, צו מיר אויפן װעגעלע שניט, און פאָרן דערמיט, װאו איך האָב בדעה געהאַט צו פאָרן, — קײן באַגריע; און, אויס נסיעה! װי דען, אַנדערש? מ׳קען זיך דאָך נישט אַװעקשטעלן אין מיטן װעג, צװישן פעלדער, — איבערלײגן די שניט סחורה פון מיר צו אים אויפן װאָגן? אַ װאָרט צו אַ װאָרט, און כ׳בין אַדורכגעקומען מיט אים אויף דער שניט־סחורה מיטן פערד און װאָגן, בנאמנות ריודת, — זיבן הונדערט ריבל, און מ׳האָט זיך געביטן מיט די יוצרות; װי כ׳האָב דערנאָך געהערט: האָט מיך דער זעלביקער ייד אָפּגענאַרט פון קאָפּ ביז צו די פיס, און בײ דעם געמאַכט אַ שלל מיט געלט, נאָר — ס׳האָט מיך נישט אָנגעהויבן צו אַרן! װאָרן, איך האָב דען דערלײגט? אַז איך האָב מיר אָפּגענומען דעם קרן מיט ריוח, פאַרװאָס האָט ער נישט געזאָלט מאַכן? און, אומגעקערט: װען ער זאָל דערלײגן, — װאָלט ער געקומען צו מיר אָפּװײנען? איך װאָלט אים געהאָרכט װי המן דעם גראַגער.

יאָ: האָט זיך דער באַגריער ייד, נאָכדעם װי כ׳האָב געקריגן פון אים די ממתקים, — אַרויפגעזעצט אויף מײן װאָגן, און הלך לדרכו, — זיך געגאַנגען אין מ י י ן װעג אַרײן, װאו כ׳האָב באַדאַרפט גײן; און איך בין געבליבן שטײן אויפן שאָסײ װי אַ נאַר, בײם לײדיקן װעגעלע, נאָר מיט פּילע קעשענעס געלט, און זיך געקראַצט אין קאָפּ: „װי

שיין די פיפצן זעקלעך מעל האָבן זיך דאָ אַרויפגעאַרבעט?״ כ׳ווייס אָבער נישט וואָס מ׳הייבט־אָן צו טון? און דאָ דערזע איך: ווי פּויערים טרייבן אַרויס די פערד פון זייערע שטאַלן, גיבן זיי, יעדער: אַ בריקע אין בויך אַריין, און פאַריאָגן זיי דערמיט אין די פינצטערע וועלדער אַריין: „גייט, אַז ס׳זאָל אייך אפילו קיין ייד נישט קענען!״ אַזוי פויל איך מיך נישט, און גיי צו פרעגן: „וואָס ס׳אי די מעשה מיט די פערד? זיי זענען געוואָרן פאַרכעוואַטע?״ הער איך די מעשה: „זיי האָבן מורא, — אַז מע זאָל זיי נישט קומען צונעמען!״ „איז, מה רעש?״ „זיי וועלן שוין געוואוינט, — זאָגן זיי, — אַז מ׳זאָל ביי זיי צונעמען, נישט נאָר ס׳פערד נאָר אויך די קאַרטאָפל, די צוויקל, די מייערן, די ריבן, דעם קאָרן, — אַלץ וואָס זיי האָבן; דער חילוק איז נאָר: אַז נאָך די קאַרטאָפל, נאָכן וויץ, נאָך די גערשטן מיטן האָבער, אַז מ׳קומט, — נעמט מען דאָס צו, און פּטור, אַראָפּ פונעם מאַרק; און נאָך די פערד, אַז מ׳קומט, — גייט עס נישט צו אויף טרוקן; נעמט מע נישט בלויז דאָס פערד, נאָר מען הייסט עס איינשפּאַנען אין וואָגן (זיי ברויכן דעם וואָגן נישט ווייניקער ווי דאָס פערד!), און מע מוז זיך דערנאָך ערשט, — אַרויפזעצן פאָרן דערמיט; לייגט מע נישט בלויז אַריין דאָס פערד אין עסק, נאָר דעם וואָגן אויך, און, וואָס ס׳איז ערגער פאַר די ביידע, — זיך אַליין; איז מען נישט קיין זעלנער, מ׳האָט נישט גענומען אויף דער מלחמה, און מ׳ברויך זיך, אַלצאיינס, — אַרומשלעפּן מיט אַ פערד און וואָגן: פירן גרויפּן, מעל, קאַרטאָפל, זעקלעך צוקער, קוילן, — און נאָך אַזוינע גוטע זאַכן; און צו דעם האָבן זיי זייער נישט קיין חשק, די פּויערים; פאַרוואָס זאָלן זיי דערצו יאָ האָבן חשק? ס׳פערד איז טאַקע די רעכטע האַנט, אָבער זיין דערפאַר די כפרה? איז, אַ זעץ אין בויך אַריין: „ס׳זאָל דיך אפילו קיין ייד נישט קענען!״ און ס׳אי נישט בלויז אויס פערד, — נאָר אויך אויס פאָדוואָדע, אויס אָנטרייבער, אויס זעלנער!

פאַרשטייט זיך: אַז עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, ווי כ׳בין כמעט געוועזן נקי, ריין פון געלט, און פאַר דאָס געהאַט אַ סטאַדע פערד, אַ וואַלד מיט פערד. איי, וואָס כ׳בין נישט קיין גרויסער בקי אין פערד? וואָס ברויך מע זיין אַ מבין אויף אַן אָקס פאַר אַ גראָשן, — מיט אַ קאַלב פאַר אַ צולאָג! אַדרייערל פאַר אַ פערד, — האָב איך ערשט געברויכט זיין אַ מבין, און דעם געזאָלט גיין קוקן

אַהין די ציין אַריין? און אַ דרייערל האָב איך געמוזט געבן, אַ נישט, האָט דער פֿויער געזאָגט: זאָל עס גיין אין דר׳ערד אַריין, — אָן אַלעם; און גיי, יאָג דיך נאָך זיי נאָך, און קלויב זיי אויף פֿון די וועלדער! איך האָב נאָך געברויכט זען: אַז זיי זאָלן מיר, אַנשטאָט פֿערד, — נישט געבן קיין קעלבער; כ׳האָב אפֿילו דאָס אויך נישט געברויכט זען, ווייל ביי די פֿויערים איז דאָס קאַלב געווען מער נחשב פֿאַרן פֿערד, און עס ביי אים פֿאַר קיין דריי דרייערלעך אויך נישט געקענט אָנקריגן. איך האָב מיך גענומען צוגויפֿבינדען די פֿערד איינעם מיטן אַנדערן, אין אַ לאַנגע, לאַנגע שנור: איינע, אַ צווייטע, איר געטאָפּעלט אין דרייען, אין פֿירן, און אַזוי ווי כ׳האָב אַ ריר געטון מיטן וועגעלע מיינעם, האָבן זיי נישט געהאָט קיין אַנדערע ברירה, — ווי נאָכצולויפֿן נאָך דעם. און וואו האָב איך מיך אָוועק געלאָזט מיט זיי? קיין לאָדזש! איי, וואָס פֿערד איז נישט ס׳אייגענע וואָס מעל? ווער ווייסט, וואָס ביי דער מלחמה ס׳איז עפּעס, און ס׳איז נישט? מעל? פֿערד? הירזש? קאָזעס? אַנשטאָט בענדין, סאָסנאָוויצע, — איז מיר לאָדזש נענטער, כ׳האָב זיך שוין געהאָט אויסגעטרעטן אַ וועג, און, פֿון פֿריער, — אויך מזלדיק... נאָר, אין פֿאָרן, אַז מ׳פֿאָרט פֿאַרביי פּיעטריקאָוו, — האָב איך מיך געמוזט אַביסל אָפּשטעלן. ראשית: אפֿשר וויל וועלכעס פֿון זיי אַ טרונק וואַסער? ס׳זענען דאָך פֿאָרט לעבעדיקע באַשעפֿענישן! און, והשנית, — וואָס עפּעס אַדורכלויפֿן אַזאַ שטאָט, — מיט איין אָטעם? און איך וויל שוין דאָ, אין איין וועגס, דערשנאַפּן: „ווי טייער ס׳שטייען צי ס׳ליגן פֿערד? אויב גוט אין דרערד, — וועל איך זיי דאָ גלייך באַגראָבן; וואָס האָב איך מיך נאָך מיט זיי ווייטער צו שלעפּן?" ערשט, מ׳לאָזט מיך גאָרנישט אויפֿמאַכן ס׳מויל. אַזוי ווי מ׳האָט זיי נאָר דערזען, די לאָשיקלעך, — האָבן די אויגן גענומען גלאָצן ביי מענטשן, ווי אויף חידושים: „פֿערד? לעבעדיקע פֿערד? פֿיר פֿיסיקע? סוסים?" דאָ האָט שוין דער דייטש, אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן, — פֿון לאַנג געהאָט אויסגעקראַצט, וואו ס׳אי נאָר געווען אַ שטיקל שקאַפּע, און אויף דעם אָוועקגעריטן! „וואוהין פֿירט איר די פֿערד?" — באַפֿאַלט מיך איינער. „קיין לאָדזש!", זאָג איך. „וואָס עפּעס, קיין לאָדזש?" קריכט אַ צווייטער אַריין: „ס׳היגע געלט איז קיין געלט נישט? מ׳וועט אייך צאָלן מיט וואָס איר ווילט נאָר אַליין: מיט דייטשישע מאַרקן, עסטרייכישע קראָנען, רוסישע רובלס (די רוסן זענען שוין געלעגן אונטערן

פערד, און ס׳געלט זייערס איז נאָך אַלץ געווען אויפן פערד!); שטעל איך מיך שוין ברייטער אָפּ: „וויפיל, אַ שטייגער, וועט איר צאָלן אַ שטיק?״ אַזוי וויל מען מיך מאַכן פלאַטשיק: „ס׳גייט ביי אייך אויפן שטיק?״ אַ פערד צו אַ פערד איז דאָך נישט גלייך; איינס האָט אַ מוח פון אויבן־אויף, און ס׳אַנדערע, — באַהאַלטן...״ ווייס איך נישט פון קיין חכמות; כ׳וועל זיי דאָ גיין לאָזן קלויבן? קוקן אויף די פיס? אין די ציין אַריין? און זיי זאָלן מיר איבערלאָזן בראָקעס! ביי מיר איז יעדעס פערד, — אַ פערד! זעען שוין די יידן, מיט וואָס פאַר אַ פערדסהענדלער זיי האָבן צו טון; און גיבן אַ זאָג, די׳היפ־טראַף: פיפציק ריבל אַ שטיק (רוסיש געלט), — איז גוט? „אַזוי ווי זיי גייען און שטיין?״ „אַזוי ווי זיי גייען און שטיין!״ און, כ׳האָב נישט געזאָלט צוכאַפּן מיט ביידע הענט? אין עטליכע מינוט אַרום, — איז שוין געווען אויס כלה און צוריק מויד; געשטאַנען ביים לייטיקן וועגעלע, און אַ שווערע קעשענע מיט געלט.

איך שטיי, אַ גולם־נאַר, און ווי כ׳וואָלט מיר אַליין נישט צוגע־גלייבט: „צו וואָס די פיפצען זעקלעך מעל האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט?״ איי, ווען כ׳זאָל איצט גיין קויפן אַנדערע פיפצען זעקלעך מעל, — וואָלט מיר אפשר נישט געקלעקט די גאַנצע קיפע מיט געלט? און פאַר דעם וואָס כ׳האָב, — נישט מער געקריגן ווי דרייצן מיט אַהאַלבן זאַק, און דאָס אפשר אויכעט נישט; אָבער כ׳וויל נישט מאַלד דערין אַריינקלערן... איך ברעך מיר נאָר דעם קאָפּ: וואָס, למשל, מ׳פירט דאָ אַ היים? אַ וואָגן מיט אַ פערד, האָב איך, און ווי שייך, — ס׳זאָל דאָ עפּעס נישט זיין אַרויפצולייגן אויף אים? און דאָ ריקט זיך מיר גלייך אונטער אַ ייד, וואָס, — הלואי וואָלטער זיך נישט געווען אונטער־געריקט; און רעדט מיך צו, ווייל ער איז, מסתמא, געלעגן טיף אין דר׳ערד מיט בראָנפן, — אַז איך זאָל ביי אים קויפן בראָנפן. „וואָס וועל איך טון מיט בראָנפן?״ „דאָס, וואָס אַלע יידן טון!״ „וואָס טון אַלע יידן מיט אים?״ „פירן אים קיין טשענסטעכאָוו!״ אין טשענס־טעכאָוו איז בראָנפן, — וואָס אי דען בראָנפן נישט אין טשענסטע־כאָוו? ס׳אייגענע וואָס דאָ פערד, שניט־סחורה אין לאָדזש... איי, ווען ער זאָל האָבן זיין אייגענס: אַ וואָגן מיט אַ פערד, — שטייט ער דאָ נישט קיין איין מינוט מיט אים; נאָר ווער פאַרמאָגט עס, זאָגט ער, אַ וואָגן מיט אַ פערד? און איך טראַכט נישט קיין סך, — וואָס

איז דאָ דאָ צו טראַכטן? אַז ס'גאַנצע געלט, ברויך איך אין דעם בראָנפֿן נישט אַריינלייגן; עס בלייבט מיר נאָך שפּאָר איבער; און הייס דעם ייד אַרויסקוילערן עטליכע פֿעסער, און זיי אויפֿלייגן צו מיר אויפֿן וואָגן.

באַלד דערנאָך בין איך שוין געזעסן אויף דער קעלניע, און זיך געלאָזט פֿונעם פֿערדל פֿירן קיין טשענסטעכאָוו; דער קאָפּ האָט ביי מיר געאַרבעט, אויף וואָס די וועלט שטייט: „פּ״ש־ש״ש־ש, ווען כ'זאָל אַזוי, אין טשענסטעכאָוו, אַרויסקריגן פֿון בראָנפֿן דאָס זעלביקע, וואָס דאָ פֿון די פֿערד, — וואו איך וועל שוין אָנשפּאַרן?״ אײַן זאַך האָט מיך געאַרט, און זייער: אויב ס'אי טאַקע אַזוי ווי יענער ייד האָט מיר געזאָגט, — וואו זענען עפּעס אונדזערע יידן? וואָס שלאָפֿן זיי? און מ'זעט זיי דאָ נישט איבער דער גאַנצער לענג פֿונעם וועג, מיט די בריקעס בראָנפֿן, — אַז מ'זאָל קענען גאַנץ טשענסטעכאָוו אין זיי דערטרינקען? ס'איז נישט אַנדערש, טראַכט איך, — ווי יענער ייד פֿירט מיך אין באָד אַריין. און ס'אי נישט, מיינט איר, — אַזוי געווען? אַזוי ווי כ'בין געקומען הינטער דער שטאָט, — די קלאָג איז דאָ; זי האָט מיך אָפּגעוואַרט, און אָנגעקריגען מיט ביידע הענט; מ'גיט אַ קוק צו מיר אויפֿ'ן וואָגן, בלײַז איין קוק, און, — אַו — וואָ! בראָנפֿן! און ביים דייטש, כ'האָב גאָרנישט געוואוסט אַזוי ווייט: אַז ער כאַפּט אַריין אַ ביסל בראָנפֿן, — פֿאַרדרייט זיך אים גלייך דער קאָפּ; געדעכט איז טאַקע געווען דער פּיעטריקאָווער ייד: אַז בראָנפֿן איז אין טשענסטעכאָוו, דאָס אייגענע וואָס ביי זיי פֿערד; נישט מער, ער האָט מיר אויך באַדאַרפֿט זאָגן, — אַז ס'איז דאָ טריפֿה; און אפֿשר דהאָט ער מורא געהאַט, — ס'וועט צוליב דעם נישט ווערן פֿונעם מסחר? אָבער אַז ער האָט שוין געהאַט ס'געלט אין קעשענע, האָט ער דאָך שוין געמעגט אויסזאָגן דעם סוד, און כ'זאָל, על כל פּנים, וויסן ווי אַזוי צו פֿאָרן? דורך אַ וואַלד, מיטן פֿעלד, און אויב מיטן גלייכן וועג, — ווייניקסטענס, האָבן גרייט עפּעס אַריינצומאַכן יענעמען אין דער האַנט אַריין; איצינד איז מיר שוין נישט געווען מער קשה: וואָס כ'בין אויפֿן גאַנצן וועג געווען אַ בן־יחידל, און מ'האָט נישט געזען אויף אים קיין בריקעס מיט יידן, וואָס זאָלן האָבן אויף זיי פֿעסער בראָנפֿן? מ'נעמט מיך אויפֿן צימבל: „פֿון וואַנעט איך פֿאָר? און וואו איך האָב בדעה געהאַט צו פֿאָרן?״ ס'טוט זיך עפּעס! איך, גולם נאַר, קוק זיי אין מויל אַריין, — כ'הייב נישט אָן צו וויסן פֿון

גאָר ; מה גאמר ומה נדבר, — וואָס קען איך זאָגן ? און וואָס כ׳וועל זאָגן, — וועט עס עפּעס האָבן אַ פּעולה ? מ׳האָט מיך, מחילה, אַראָפּ־געבעטן פון דעם וואָגן, און נישט נאָר אים צוגענומען מיטן בראָנפן, נאָר גאַנץ שיין אויך איינגעשיבנט ; און געמאַכט אַ ברכה איבער דער קאָזע ; אָפּגעקוועטשט, נישט קיין סך (דער דייטש מאַכט עס קורץ און שאַרף), עטליכע טעג, און עפּעס מיט נסים, אַז כ׳בין אַרויס, נישט מער ווי מיט אַ דהונדערטער, — וואָס כ׳האָב געברויכט צו צאָלן צום פערד און וואָגן, מיטן בראָנפן.

ד׳האָט דאָך מיך עפּעס דאָס געברענט, הע ? וואָס די פּיפּצען זעקלעך מעל האָבן שוין געהאָט פאַרארבעט ? איז געקומען דער בראָנפן, אַ שוואַרץ יאָר אויף אים, — און דאָס אַזוי צערעכט געמאַכט ? נאָך גוט : וואָס כ׳האָב ביי די פערד אַזוי פיל אַריינגעכאַפּט, אַז ס׳איז מיר, נאָך אַלעם, — נאָך גענוג געבליבן, און אַ שפּיי געטון אויף די אַלע מסחרים ; געלט האָב איך, — וועל איך זען צו זיין אַ סוחר מיט סוחרים צו גלייך ! איך קוק מיך אַרום אין דעם כאָליערעדיקן טשענס־טעכאָוו, וואו כ׳האָב געכאַפּט אַזאַ ביטערן אָפּשניט, — מיט וואָס יידן האַנדלען דאָ ? דערגיי איך : אַז ס׳איז דאָ די סטאָליצע פון צוקער. אַזוי האַנדל איך מיר תיכף איין אַ וואַגאָן צוקער, — מ׳זאָל אים אַריינ־שיקן קיין קעלץ ; וואָס עפּעס קיין קעלץ ? ס׳זענען דאָרטן פאַראַן גרעסע־רע נאַשערס אויף צוקער, ווי ערגיץ אַנדערש וואו ? ניין. פּשוט, ווייל ס׳איז מער צו דער האַנט : מיט דער נייער הערבי באַן, — און כ׳וועל אים דאָרט האָבן אין צוויי דריי טעג אַרום ; אַז ער זאָל דאַרפן לאַנג גיין, ווער ווייסט, ווי מ׳קען שוין דערנאָך האַלטן מיט אים ? מיט קיין שום זאַך : אפילו מיט געלט, נישט נאָך מיט צוקער, — טאָר מען זיך נישט צו לאַנג אַרומשפּילן ; געקויפט און — פאַרקויפט. אויס פערד, אויס וואָגן, — איך נעם מיר אַ בילעט, און פאָר, מעשה סוחר, מיט דער באַן, (דאָס קליינע שטיקל באַן, וואָס קריכט יאָ, — שטייט מער ווי זי גייט, נאָר ס׳אי דאָך פאָרט אַ באַן!) און אַז כ׳קום שוין מיט מזל, אַריין קיין קעלץ, — איז אין בית אשר אין שם צוקער!! און טאַקע דערפאַר, ווייל ס׳איז נאָענט, האָבן זיך צו דעם נאָך אַנדערע יידן אויך אויסגעטויגט, — און נאָך בעסער פאַר מיר אויך ; אָבער צוגעלייגט האָב איך, פונדעסטוועגן, — נישט ; פאָרט צוקער ! כ׳האָב מיר אָפּגע־נומען מיין געלט. אַז ס׳איז פּשוטער מסחר, איז דער ריוח גאָר

אַ קלייגער. וואָס טוט מען? דאָס לאַך וואָס דער בראָנפן האָט אויסגע־מאַכט, — איז נאָך אַלץ לאַך! אַזוי בין איך מיך מיישב, און גיי צוריק צו די פערדלעך. די פערד זענען נאָך אַלץ, ווייזט אויס, — אַ ווילדע זאַך; און נישט יעדער שניידער און שוסטער, ווייסט ווי מ׳עסט דאָס; איך רייס אַרויס פון דאָרף עטליכע דרייסיק פערדלעך, און, כ׳קען זאָגן: אַז כ׳האָב דאָס מאָל מער געצאָלט ווי דריי ריבל פאַר אַ פערד: אַדרבא, ס׳האָט נאָך אַלץ געלוינט. כ׳האָב זיי צונויפגעבינדען ביי די ווייַנדלען, און אויפרייטנדיק אויף איינעם, — זיי, שוין דאָס מאָל געטריבן ווי אַ פאָלגער פערדס־הענדלער, און אָן אַ וואָגן (כ׳האָב שוין ס׳קדחות געהאַט פאַר אַ וואָגן!), — קיין לאָדזש; עפּעס האָב איך שוין געהאַט די נאמנה אין דער שטאָט; דאָרט האָב איך פאָרט דער־זען דעם ערשטן שפּיץ פון אַ הונדערטער. און קוים עפּעס, האָב איך געטראַכט, — וועט שוין לאָדזש אַרויסשלעפּן. און וואָס קלערט איר, צי לאָדזש האָט אַרויסגעשלעפּט? פערד איז נאָך דערוויל נישט קיין צוקער, און אויך נישט קיין בראָנפן, — וואָס אַ ליאַדע שוסטער און שניידער־יונג, זאָל זיי קענען איינבייסן. איי, וואָס ס׳אי נישט שיין זיך אָפּצוגעבן מיט פערד? אין דער איצטיקער מלחמה, זאָגט מען, האַנדלען שוין יידן אויך מיט חזירים, — און מיט וואָס זענען פערד ערגער פון חזירים?

נאָכן פאַרקויפן די פערד, איז ביי מיר געבליבן די אַלטע קאָבילע, געהרגעט זאָל זי ווערן, — מ׳האָט איר נישט געוואָלט צונעמען ביי מיר, אפילו בחנם. און נישט ווייל זי לאָמט אויף אַ פוס, איז בלינד אויף אַן אויג, — דאָס וואָלט שוין נישט אַזוי פיל אויסגעמאַכט; נאָר ווייל זי איז פאַרשיווע, קרעציק, — און האָבן איר נישט געוואָלט האָבן איינאייגעם מיט די אַנדערע פערד, — יענע זאָלן ביי איר אויך ווערן קרעציק; האָב איך געטראַכט: אַז עס וואָלט געווען איין יושר, איר אָפּצולאָזן איבער דער וועלט, — זי זאָל זיך גיין לחיים ולשלום! ווארן, דאָס געלט וואָס זי האָט מיך געקאָסט, — האָב איך מיר אָפּגענומען ביי די אַנדערע פערד; און צו וואָס זאָל איך מיך מיט איר אַרומטראָגן? נאָר, מעשה שטן, — רעדט מיר אַ ייד איין אַ וואָגן. „ס׳הייבט זיך שוין ווידער אָן מיטן וואָגן?“ „אַ פערד, — זאָגט ער, — האָט איר; איי, וואָס ס׳אי נישט אַזאַ מצאַצעדיק פערד? אַז איך וועל געמען פאַר אים דעם וואָגן, — וועל איך כאָטש האָבן אַ לייטישן

וואָגן. „איך וויל נישט זיין מער קיין בעל־עגלה, — און אַנטרייבן מיט אַ פערד און וואָגן!“, — שריי איך. „איר וועט מיר ווייניקער געבן פאַר אים. ווי איר וועט ברויכן באַצאָלן פאַר אַהיימפאָרן קיין באַגריע, — עסט ער זיך איין אין מיר, — און פאַר דער זעלביקער פורמאַנקע, קענען אַהיימקומען אויף אייער אייגענעם וואָגן מיט אייער אייגן פערד; און אַז מע האָט שוין, היינטיקע צייטן, אַ פערד מיט אַ וואָגן, — איז מען נישט מיט די ליידיקע הענט; באין ברירה, האָט איר אפילו וואָס אָוועקצושענקען!“ און, אַזוי־ערגאָך, געהרגעט זאָל ער נישט ווערן, — בין איך געבליבן ביים וואָגן; מיך דאָ אויפס כח געמאַכט פאַר אַ בעל־עגלה. טראַכט איך מיר: אַ וואָגן מיט אַ פערד האָב איך, אין לאַדזש בין איך, און אין געלט איז אויך קיין מניעה נישט, — וואָס האָב איך מיך עפּעס אָוועקצולאָזן אַ היים, — מיטן ליידיקן? מ'ברויך זען אויפצולייגן אַ ביסל שניט. כ'האָב נאָך געהאַט דעם טעם אין מויל, פון יענעם וועגעלע; נאָר אַז איך האָב געגעבן אַ קוק, — ווי קען מע שוין צו דעם צוקומען? פאַר דעם געלט וואָס איך האָב, און, זאָל זיך אייך דאַכטן: אַז מער ווי דענצמאָל, אַ סך מער, — וועל איך שוין איצט קריגן אַזוי פיל שניט, כ'זאָל עס קענען נעמען אונטערן אָרעם, און ברויך נישט האָבן צו דעם קיין פערד און וואָגן. „אלמאַי, טראַכט איך, וואָלט איך שכל געהאַט: זיך צו האַלטן מיט יענעם וועגעלע שניט־סחורה, ווי אַ סך אַנדערע יידן, — וואָלט איך מיך נאָך באַדאַרפט אַרומשלעפּן מיט דער אַלטע געפּגרטע קאָבילע, אויף דער מדינה?!“ און זיך אַרויסגעלאָזט אַ היים, אָן אַלעם, און מיט אַ ליידיק וועגעלע. כ'האָב עס אין דר'ערד! און אַזוי ווי כ'בין אָנגעקומען קיין ראַדים אויפן „וואָול“, — אַ תרדום שבת פון באַגריע; אַזוי בין איך דאָ אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ באַנדע גנבים, מעקלערס, האַלדז־שניידערס, — ברענען זאָלן זיי, און געקריגן אין מיר אַ קרבן! אויפן אָרט מיך איינגעשלייערט צוואַנציק קעסטלעך מאַכאַרקע, און אָנגעזאָגט, ס'לעבן: כ'זאָל מיך נישט זוימען קיין איין איבריקע מינוט, נאָר גלייך אַנטלויפן מיט זיין קיין לובלין; אין לובלין, — האָבן זיי געזאָגט, — איז מאַכאָרקע, וואָס איז דען אין לובלין נישט קיין מאַכאָרקע? דאָס זעלביקע וואָס די פערד אין פּיעטריקאָוו; בראָנפן אין טשענסטעכאָוו; איך האָב זיך אפילו פון זיי נישט געלאָזט; און זיך געפּרוּווט ראַנגלען, ווי איינער מיטן מלאך המות: „צו וואָס טויג עס מיר? אַז,

כ'וויל שוין רייכער נישט ווערן!" און נאָר געוואָלט דערציען דעם איינעם תּרח־טום שבּרת, ביז באַגריע; זיך אַ ביסל אָפּרוען; אָפּכאַפּן דעם אָטעם נאָך די אַלע מסחרים, פּשוט, — איבּערציילן דאָס געלט, באַטאַפּן די רוחים; און הלואי וואָלט טאַקע אַזוי געווען, — וואָלט איך, ווי ניקסטענס, געבּליבּן בּיי דעם וואָס כ'האָב געהאַט, און נישט בּיים לייזיקן וואָגן מיט דער געפּגרטער קאָבילע; נאָר די ראָדימער מעקלערס, אָפּגעהאַקטע יאָרן זאָלן זיי נישט האָבּן, — וואָס קענען זיי דען נישט? אַ טויטן אויף די פּיס אַוועקשטעלן! איינרעדן אַ קאַץ אין בּויך! האָבּן זיי מיר דאָס צעלייגט אויף אַלע טעלערלעך: „אַ וואָגן האָט איר? איבּערפּיר־געלט וועט אייך נישט קאָסטן? בּאין ברירה, וואָס אַנדערע צאָלן אַוועק פאַרן בלויזן איבּערפּירן, אַז ס'זאָל זיך אייך אָפּשטעלן, — זענט איר דאָך אויך אַ גבּיר!" און יידן, זע איך, לאָדענען־אַן גאַנצע בּריקעס, און פּאַטשן אין וועג אַריין! זאָגן־צו די בּעלי־עגלות, — גוזמאות, זיי זאָלן נאָר לאָזן אַרויפלייגן די מאַכאָרקע צו זיך אויף די פּירן; מען שלאָגט זיך איבּער אַ שטיקל פּיר, איבּער אַ ווינדל פון אַ פערד; יידן דרייען זיך איינער דעם אַנדערן, — די קעפּ אַראָפּ; מען צעטראָגט די בּעלי־עגלות אויף שטיקער: „וויפיל גיט איך יענער פאַרן אַריבּערפּירן, — דריי טויזנט ריבּל? גיבּ איך פיר טויזנט!" און דהלואי וואָלט איך דענצמאָל מרוצה געוואָרן, צו זיין אַ בּעל עגלה פאַר יענעמען, און נישט קיין חשק געהאַט אַליין אַלץ אַראָפּצושלינגען: אי דאָס בּעל־עגלה־געלט, און אי דעם ריוח פון דער מאַכאָרקע, — וואָלט איך געוואוסט: אַז כ'בּין געבּליבּן אי בּיי מיין געלט, און נאָך מיט דעם וואָס כ'וואָלט גענומען בּיי ווענען, — פאַר אַריבּערפּירן זיים זיין מאַכאָרקע; האָט אָבּער דער יצר־הרע אַזוינע גרויסע אויגן, — אַז ער וואָלט גערן געוואָלט אַלץ איינשלינגען; און, ס'פאַרשטייט זיך, — אַז כ'בּין שוין מער קיין לעבּעדיקער פון זיינע הענט נישט אַרויס.

באַלד דערנאָך האָב איך פאַרקירעוועט דעם דישל, קיין לובּלין; און כאָטש דער וועג איז געגאַנגען כשורה, מ'האָט בפירוש געקענט זען: אַז ס'אי נישט קיין בראָנפן, — ווייל ער איז געווען בּאַלייגט מיט יידן, מיט יידישע פּירן, וואָס האָבּן געפירט די זעלבּיקע מאַכאָרקע, — האָב איך, פונדעסטוועגן, געהאַט אַ פאַרשווערט האַרץ; און כ'האָב מיר אַ נדר געטון: ווי באַלד כ'וועל דאָס איינע מאָל נאָך איבּער־

קומען, און אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון דעם וואָגן מאַכאַרקע, — וועל איך אָפּזיצן; לכל הפחות, — אויף אַ פּאָר וואָכן; זיך נישט צו ריירן צו גאָר: נישט צו קיין פּעל, נישט צו קיין ברילאַנטן, נישט צו קיין איידל־שטיינער, און אַפילו נישט צו קיין פערד; און אַזוי טראַכטנדיק, בין איך צוביסלעך אָפּגעפאָרן דעם וועג, — די קאָבילע האָט אים אָורכגעשלעפּט מיט די פיר שווערע פיס, אירע; נאָך איין נאַכט, און אין דער פרי, — וועט אונדז שוין לובלין אָנקוקן מיט די צלמים פון די אַלטע טומאה׳ס אירע, און מ׳וועט וויסן ווי טייער קאָרן גילט? און אַזוי איז מען דערווייל צוגעקומען צו דער ווייסל, וואו מ׳ברויך אַריבער איבער אַ בריק, וואָס פון ברעטלעך און דרענגלעך, ריכטיקער: פון שפּינוועבס, — וואָס מ׳האָט אויף דערווייל צונויפגעשטיקעוועט; פון איין זייט שטייט אַן עסטרייכישער זעלנער, שטייט ווי אָפּגעדאַנקט: „לאָז מיך געמאַך!“ און ער קוקט זיך אפילו נישט אום אויף די יידן מיט די וועגן מאַכאַרקע; נאָר, אַז מ׳קומט אַריבער אויף דער אַנדערער זייט, — שטייט אַ דייטש, ברענען זאָל ער, — און ער נעמט אַן דאָס פערד ביים ציימל פון יעדע בריקע באַזונדער, וואָס קומט נאָר אַריבער צו אים, און פירט איר אַראָפּ אַן אַ זייט פונעם וועג; מיין איך: אַז ס׳איז שוין אָפּגעקאָכט, — הייבט זיך נישט אָן! מאַכאַרקע איז נישט קיין בראָנפן. מען מעג האַנדלען מיט איר. נישט מער, דייטש גנב, געהרגעט זאָל ער ווערן, — האָט זיך צערעכט געמאַכט אַ גאַנצע קראָם מיט איר. ער לאָזט אויסציילן יעדעס קעסטל, וואָס ביי יעדן ייד אויפן וואָגן, אויסוועגן יעדעס פּעקל. און גיט יעדן ייד אַ חשבון, דעם, — זעקס טויזנט קערבלעך אָפּצאָל־געלט; יענעם דרייצען טויזנט; און נאָך איינעם, וואָס האָט זיך אים פאַרוואָלט אויף אַ מאָל רייך ווערן, און אָנגעלאָדנט אַ בריקע ביז אונטערן הימל, — זיבעצן טויזנט קערבלעך! ווילט מע אויסדרייען דעם דישל, — זאָגט ער: געזונטער הייט! נאָר די סחורה בלייבט ביי אים איבער. נו? זאָלן זיי נישט ברענען ווי העלישע סמאָלע, — די ראָדימער מעקלערס? אַז זיי האָבן, צוליב זייער מעקלעריי, — יענעם גאָרנישט געזאָלט באַרעכענען? נאָר אַזוי געזוכט אַריינצולייגן? איר ווילט לא יחרץ געלט, — נאָט אייך, אַ קרענק אין אייערע קעפּ; וואָס האָט איר נאָך צו נעמען על מנת, אַז מע זאָל צו דעם וואָס מ׳גיט אייך, — דאָס איבעריקע דערטאָפּיען? און, נישט בלויז פאַרלירן דעם קאָפּ, — נאָר אויך בלייבן אָן הויזן?

און אפשר האָב איך צו זיי בחנם טענות? ס'קען דאָך זיין, און מער ווי זיכער, — דאָס זינט כ'האָב מיר איינגעקויפט די מאַכאָרקע, און ביז כ'בין מיט איר אָנגעקומען אַהער, — לערנט מען שוין אַ נייע סדרה? ס'איז דאָך מלחמה! נאָר וואָס איז מיר דער חילוק? דורך וואָס און דורך וועמען איך בין געשלאָגן געוואָרן, — אַז כ'בין געשלאָגן! איך האָב נאָך אַליין, מיט די אייגענע הענט, באַדאַרפט אָראָפּנעמען אַ קעסטל נאָך אַ קעסטל, און דאָס אַפּלייגן: „נאַ דיר, דייטשל, — פרעס דיך אָן דערמיט, און ווער דערשטיקט אויפס טויט!" כע־כע... קוקט אייך נאָר אַרום: ווי די מלחמה האָט מיט מיר געפירט? אַרויסגעפאָרן, לכתחילה, מיט פיפצען זעקלעך מעל, — ביני ובינך, — וואָס איז פיפצען זעקלעך מעל? און ווי שיין כ'האָב מיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבעט ביי זיי? געהאַנדלט מיט שניט־סחורה, מיט פערד, מיט בראָנפן, אַ וואַגאָן צוקער! און פון דעם אַלעם זיך אַרויסגעדרייט אויף די אַלטע געפגרטע קאָבילע, מיט דעם צעלעכערטן און חושכדיקן וואָגן? נאָר אויף וועמען, און וואָס פריער, — זאָל איך דען האָבן פאַראיבל: אויפן בראָנפן? אויפן צוקער? אויף דער מאַכאָרקע? אויפן מעל? צי אויף די פאַרשיווע קאָבילע? נאָר, מ'האָט דאָך שוין געזען: ווי מ'איז ביי דעם אַלעם, אויך געבליבן אָן אַ קאָפּ? און אַז כ'וואָלט געהאַט ס'געלט, און געבליבן אָן קאָפּ, — וואָלט בעסער געווען?

איר פרעגט מיך: וואָס כ'פאָר נישט אַ היים, קיין באַגריע? און טרייב מיך אַרום ווי אַ פאַרשאָלטענער ציגיינער? וואָס זאָל איך טון, אַז כ'קען מיך נישט דערהאַלטן אין שטאָט... ס'טרייבט מיך אַרויס.. כ'האָב מורא, אַז כ'זאָל נישט צעפּלאַצט ווערן... און מיינט איר: אַז צוליב דעם פאַרמעגן, וואָס כ'האָב געפטרט? ס'אַרט מיך אַזוי פיל ווי דער פאַר אַ יאָריקער שניי; ס'אי גאָר צוליב מיין שכן, — זלמן הויקער; ער, זלמן, האָט אויך געהאַט די זעלביקע פיפצען זעקלעך מעל, נאָר אָנשטאָט אַרויסצופאָרן, — איז ער געבליבן זיצן מיט זיי; און וויפיל מ'איז נישט צוגעשטאַנען צו אים, האָט ער געהאַט איין תשובה: „ער האָט נישט גאָר צו פאַרקויפן!" אַצינד האַלט ער: אַז ער וועט פון זיי האָבן צו עסן, אַזוי לאַנג ווי די מלחמה וועט געדויערן, און דערנאָך ערשט, אַז זי וועט שוין האַלטן ביים סאַמע סוף, — זיך אָפּנעמען ביים לעצטן האַלבן זעקל. מער ווי די אַלע פיפצען זעקלעך וועלן אים האָבן געקאָסט.

אַ מעשה
מיט אַ קאָזאַק
און אַ זאַק האָבער

אין יענע טעג, ווען ס'האָט זיך נאָר וואָס געהאַט צעפּלאַקערט דאָס פלאַם־פייער איבער דער וועלט, אַזוי בין איך, צוגלייך מיט אַ סך אַנדערע, — אַנטלאָפן פון דער גרויסער שטאָט אַ היים, אין דעם קליינעם שטעטל אַריין; כאָטש דאָס קליינע שטעטל איז מער געווען אויסגעשטעלט צו אַלע שבעה מיני פּורעניות, האָב איך, ווי יענע אַלע אַנדערע, געטראַכט:

— דאָס אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, וועט זיך אַלץ גרינגער זיין צו באַהאַלטן, ווי אין דער גרויסער שטאָט, — און אונטער קיין שום פאַרטוך נישט.

מ'האָט נאָך דעם ביטערן טעם פון דער מלחמה נישט געהאַט פאַרזוכט, און גלייך געוואָרן אויפגערוימט, צעוואַרימט, — ווי געקריגן הייך; מ'האָט געפילט: ווי ס'האָט זיך עפּעס פאַרצויגן, און געבליבן הענגען איבערן קאָפּ, — אַ בלייענער הימל, אַ שטיק כמאַרע; דער טאָג אַליין האָט עפּעס אַרויפגענומען אויף זיך אַן אַנדערע מראה, — און ווי עס וואָלט געוואָרן פאַרענדערט דער גאַנצער הילוך; די זון און די שטערן אָנגעהויבן גיין אויף צוריק; די טעג זיך שטעלן מיטן קאָפּ אַראָפּ, און די נעכט אַריינפאַלן באַלד אין דער פרי, צי דערנאָך, — געמאַכט פונעם טאָג אַ פּיצל; עס האָט זיך עפּעס גענומען קאָכן אין דער טיף, און מ'האָט נאָר געקוקט, — וואָס ס'וועט זיך אויסקאָכן; די גאַנצע מלחמה איז דערווייל באַשטאַנען אין אַן אויפגערודער פון מיליטער, — עס האָט געשוויבעלט און געגריבעלט מיט זעלנער; יידן אין די געוועלבער האָבן פאַר דאָס אַ סך געלייזט; געגראַבעלט אין געלט; זאַכן, וואָס מ'האָט שוין געהאַלטן פאַר אַ בבל, און נישט געדענקט פון ווען עס ליגט און שימעלט, — האָט מען געריסן פון די הענט, און ס'איז צעכאַפּט געוואָרן ווי מצה־וואַסער; ס'פלעגט זיך מאַכן: אַז אַ קאָזאַק האָט געקריגן דורשט צו אַ פּאָר שטיוול, וואָס אַ ייד

האָט באַנייט, — און זיי אים אַראָפּגעצויגן פון די פיס, — האָט ער נאָך געהאַט אויף אַזוי פיל, אַ לב, אים אָוועקצוגעבן פאַר זיי זיינע, די אַלטע; פון אויפהייבן אַ האַנט אויף אַ ייד, אים אַריינוואַרפן אַ מתנת־יד אין פּרעסער אַריין — האָט ער נאָך נישט געוואוסט; ס'זענען געווען אָרנטליכע קאָזאַקן, איידער מ'האָט זיי אויפגעשרויפט די קעפּ, און וואָס זענען זיך, פאַר דער האַנט, געגאַנגען שלאָגן מיטן דייטש.

דאָס געלויף האָט זיך געשטאַרקט, דאָס דאַנדלען זיך געריסן, געצאַפּעלט, און ס'איז אַלץ געפאַלן, ווי די צעבראָכענע טעלער, — פון די הענט; מ'דהאָט, להכי, פאַרדינט, זיך געזעגן מיט געלט, אָבער, ס'איז עפּעס נישט איינגעגאַנגען; די ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן אַזוי שאַרף, — האָבן צעטומלט, געדרירט דעם קאָפּ, און מ'האָט זיך אַלץ איינאיינעם, אָפּגעשטעלט ווי די וועלט, און געקוקט אין דעם געדיכטן נעפּל אַריין, — וואָס איז, ווי געשטאַנען צווישן הימל און ערד:

— אוי, וואָס פאַר אַ בער פון אַ האַרמאַט, — מ'פירט; און אַן עראָפּלאַן וואָס פליט, מיט אַזוינע גרויסע פליגל.

און זיך צונויפגענומען ווי די זומער־פייגעלעך, אויף וועלכע אַ שלאַקס־רעגן מיט דינערן און בליצן פאַלט אַראָפּ:

— ווער ווייסט, ווער ס'וועט בלוטן ביי דעם אַלעם?

אין יענעם גאָלדענעם פרילינג פון דער מלחמה, בין איך איינמאָל אין אַ פאַרטאָגט געלעגן אינעם בעט, וואָס איז געשטאַנען אין דער קיך, הינטערן ווענטל, און מיטן פּנים צום אויוון; אין דרויסן איז נאָך געווען גוט פינצטער, ס'האָט געקענט זיין אַ שעה צו טאָג, און אין דער שטוב האָט געברענט אַ קליין פינפערל לעמפּל; מיין שוועסטער ייטל, מיין ייִנגסטער ברודער יאַנקל, — זיי זענען נאָך געשלאָפן אין דער אַנדערע שטוב; מיין ברודער שלמה מיט מיר אין בעט; נאָר די מאַמע האָט שוין געהאַט אויפגעמאַכט דאָס געוועלבל, געזעסן הינטערן קאַסע־טיש, און אַרויסגעקוקט אויף אַ פּאָר גראָשן לייזונג; אפשר וועט זיך ווער אָפּרייסן, אַ שטיקל קונה; האָט זיך מיט אַ מאָל אַריינגעשטעלט אין דער טיר אַ קאָזאַק, אַן אָנגעמאָרדעוועטער, אָנגעבויגן פון טראָגן אַ זאַק האָבער אויפן אַקסל; קענטיק: ער האָט זיך

קוים דערשלעפּט אַהער, וואו ער האָט, מיט מזל, אָנגעטאַפּט דאָס ליכ־טיקע געוועלבל פאַר די אויגן, — און אים דאָ אָפּגעלייגט:

— די מאַמע זאָל אים קויפן.

דער טאַטע, וועלכער האָט געמאַכט פייער אינעם אויווען: אים געקעכעלט מיט פּעניצלעך קין, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט דערבּרענגען, — האָט גלייך, מיט דער מינוט, דערשמעקט דעם קאָזאַק, ביי די מאַמען אין געוועלבל; און אַזוי ווי ער וואָלט דערשפּירט אַן אומגליק איבער זיין קאָפּ, — זיך געגעבן אַ שטעל אַוועק אין דער טיר, — אַ געשטאָרבענער, און אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר פינצטערע ברעמען; און נאָך איידער די מאַמע האָט זיך דאָ עפּעס געקענט מיישב זיין, — איר אָפּגעזאָגט ס׳לעבן:

— זי זאָל נישט דערוועגן צו קויפן ביי אים, דעם האַבער.

דער טאַטע: אַן אָפּגעשראָקענער פון דער מלחמה, מיט אַלע אירע פּורעניותן, — האָט געציטערט, און די נשמה איז אים אויסגעגאַנגען פאַר די אַלע זאַכן; פאַר אַ נאָדל, אַ קלעצל גאַרן, פלעגט זיך אים דאַכטן, — גייט מען אים גלייך פירן הענגען; מעג ער זיך אָפּגעזעג־נענען מיטן לעבן; און וועט נישט זען מער די לעבעדיקע וועלט פאַר די אויגן זיינע. די מאַמע, פאַרקערט, וואָס האָט געטראָגן דעם גאַנצן עול פּרנסה: פון פאַרדינען אַ פּאָר שיך, ס׳זאָל זיין אַ העמד אויפן לייב, — האָט, ווי יעדער אַנדערער: יאָ געחלשט פאַר אַ שטיקל זעלנערישע מציאה, און ס׳האָרץ האָט איר געפּישטשעט פאַרן זעקל האַבער; אָבער, ווי אַזוי קויפט מען דאָס? אַז ער שטייט איבער איר ווי אַ גזלן, און זאָגט איר נאָכאַנאַנד אָפּ ס׳לעבן? טאָמער, חלילה, מאַכט זיך טאַקע עפּעס? מ׳קען ביי דער מלחמה אַ סך וויסן? נאָכדערצו, אַז ער האָט שוין געמאַכט אַ שאלה? און אַרויסלאָזן איבער מיטן זעקל האַבער, — דאָס זי אויך קיין האַרץ נישט; מע קען דאָך, שונאים, פּלאַצן, — אַז מ׳לאָזט אַרויס אַ מציאה, ווען אין דרויסן שטייט אַן אַנדערער, וואָס כאַפּט איר אויס? מ׳טאָר טאַקע נישט קויפן, — אָבער ווער קוקט דאָס אויף די פינגער, אַז די פינצטערע מלחמת האָט אַזוי פאַרצויגן דעם שטריק איבערן האַלדז? און אַז מ׳זאָל אַזוי וועלן אַלץ פאַרקוקן, — ברויך מען זיך אויפבּייען אַ טאַרבע און גיין איבער די הייזער! און מ׳קען דען גיין? ס׳איז דאָך מלחמה!

און זיך גענומען בעטן ביי אים:

— טו מיר אַ טובה: און גיי צוריק אַריין אין דער שטוב; און אַזוי ווי דו וועסט נישט וויסן, — אַזוי וועט דיר נישט שאַטן; וועסט אַרויס־קומען דערנאָך, נאָך אַלעם, — און שוין פֿאַרשפּאָרן צו ציטערן... וואָס האָסטו דאָ מורא? מ'וועט דיך נעמען צום קאָמענדאַנט, ווייל איך האָב געקויפֿט דעם האָבער? אַז מע וועט קומען נאָך דיר, — וועל איך זיך אַרויסשטעלן: מע זאָל מיך פֿירן הענגען! אַז דו וועסט אַזוי נאָכאַנאַנד שטיין איבער מיר, און מיך מונטערן: „חנה, קויף נישט; כ'קען זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן...״ וועל איך נישט ברויכן וואַרטן, ביז די מלחמה וועט מיך הרגענען מיט אירע קוילן און האַרמאַטן, — נאָר דורך דיר אַראָפּגיין אין קבר אַריין...״

דער קאָזאַק האָט זיך נישט געכאַפּט גאָר; און אויב ס'איז אים יאָ עפּעס געגאַנגען אין דער נאָז אַריין, — האָט זיך אים אויך סיי ווי נישט געחלומט: אַוועקצושלעפּן מיטן זאַק האָבער; ראשית, וואו וועט ער זיך מיט אים שלעפּן? און, צווייטענס, ווער ווייסט: מיט וויפֿיל טויט־שרעק ער האָט אים אָנגעקריגן? און די אויגן זענען אים געקראָכן פֿונעם קאָפּ אין אַזאַ פֿינצטערע נאַכט, אַ פֿאַרהעמערטע, — ביז ער האָט שוין דערלעבט צו זען דאָס שטיקל געוועלבל? וועט ער זיך ברויכן אַרויסצולאָזן זוכן אַן אַנדערס? כאָטש אַ קאָזאַק, — האָט ער יאָ כּדי דערצו? און נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם, פֿאַרדרייט אַ פּאַפּיראָסל, זיך אָנגערופֿן:

— וואָס הערט זיך מיטן עסק?

האָט זיך די מאַמע גאָר מורא געהאַט אָפּצורופֿן.

דער קאָזאַק איז געוואָרן אָנגעצויגן; ס'פּנים ביי אים טונקל; וואָרן, ווער ווייסט: ווי ביטיק ער האָט באַדאַרפֿט האָבן די עטליכע רובל; און אויב נישט צוליב זיי, לכתחילה, ריזיקירט ס'לעבן; זיך אָפּגעריסן ס'געזונט; לאָזט אים ערשט די ייִדענע שטיין אין דער וועלט אַריין; אַזוי האָט ער שוין אַ פֿרעג־געטון מיט אַ באַהאַלטענע רציחה:

— דו ווילסט קויפֿן דעם האָבער?

איז דער טאַטע אַרויס, אָפֿן:

— ניין; אַז ער האָט אים גאָרנישט בדעה צו קויפֿן.

איז דער קאָזאַק געבליבן געפּלעפֿט; הע? ער וועט נאָך דאָ ברויכן איבערלאָזן דעם זאַק האָבער, אַן אַלעם; נאָר דאָ האָבן זיך אָבער

אַריינגעמישט די פּאָר ריבל, וואָס ער דאַרף האָבן, — וואו און פאַרוואָס וועט ער זיי קריגן, אַז ער וועט נישט האָבן גאָר צו געבן? (אַז מ׳קען, אַן אַלעם, אָנכאַפּן אַ ייד ביים ד״האַלדז: ס׳וועט אַ רוח אין דיין געפּגרטן טאַטן, — אַז דו וועסט קיין געלט נישט געבן; דערפון ד״האָט מען נאָך נישט געוואוסט); ביז ס׳איז אים מיט אַ מאָל ליכטיק געוואָרן אין זיין פינצטערן קאָפּ: „נישט אַנדערש, ווי דער ייד מיינט: מי יודע, וויפיל ער וועט דאָ אויפזינגען פאַר אים? זיך וועלן איינהילן אין דעם זאַק האָבער?״ און זיך אָנגערופן מיט אַ צעגאָסן ווייך קול:

— כ׳וועל מיר קיין סך נישט הייסן געבן פאַר אים; אינגאַנצן: אַזוי ווי ער גייט און שטייט, נאָר אָן דעם זאַק, — איין דרייערל, איז גוט?

נעמט די מאַמע אָפּבינדן דעם זאַק האָבער, נישט קוקענדיק אויפן טאַטן, וואָס בייסט זיך די ליפּן: „חנה, קויף נישט; דו גייסט אויף מיין לעבן! דו שטעלסט אין דעם קאָפּ מיינעם; כ׳וועל דורך דיר גיין פון דער וועלט...״ ביז די הענט האָבן גענומען ציטערן ביי איר, און, מיט טרערן אין די אויגן, זיי אָפּגעלאָזט פונעם זאַק:

— מיין כפרה איז ער, דער גאַנצער האָבער; אַז ער פאַנעוועט אַזוי אַרום? וויפיל מאָל אין טאָג קען איך דאָס גיין נאָ־שטיכי מיט אים?

כאַפּט זיך דער קאָזאַק: אַז דער טאַטע שטייט אים דאָ ווי אַ ביין אין האַלדז; און גיט זיך, מלא רציחה, אַ דריי אויס, און פאַרפּאַרט אים, אָן שום טענה־ומענה, — אַ זעץ אונטערן האַרץ; און אויב דאָס איז ווייניק, קריכט ער נאָך צו דעם־צו, — אַריין מיט אַלע פינף פינגער אין דער באָרד זיינע:

— ס׳וועט דאָ זיין דיין טויט אויפן אָרט, — אַז דו וועסט איר נישט לאָזן קויפן דעם האָבער.

גיט שוין די מאַמע אַ געשריי מיטן גאַנצן כח:

— כ׳וועל אים קויפן, נאָר לאָז אָפּ די באָרד!

לאָזט דער קאָזאַק אָפּ די באָרד, און ווערט ווייכער:

— הע? אויף אַזאַ ייד טרעפט ער צום ערשטן מאָל; ער ברענגט אים אַ מציאה אין דער שטוב אַריין, — און יענער בריקעט זיך נאָך? טרייבט אים אַרויס מיט איר? אויף אַזאַ ייד טרעפט ער צום ערשטן מאָל...

אז דער טאַטע האָט אַרויסגעקריגן די באָרד פֿונעם קאָזאַקס הענט, — האָט ער זיך, מיטן קוק, — אַריינגעכאַפּט אין דעם קליינעם קעמערל, וואָס ביים געוועלב; וואו עס פֿלעגן, אין די גוטע יאָרן, — ליגן זעק מיט שפּייז: הירזש, רייז, קאַשע, היידן, און זיך דאָרטן פֿאַרשטעקט אין אַ מויזענלאָך.

דער קאָזאַק, אַז ער האָט אַרויסגעפּטרט דעם טאַטן, — האָט ער ערשט, ריכטיק, צענומען די הענט; און ווי ער וואָלט זיך דאָס אַלץ נישט געקענט שענקען, ברומענדיק: „אַזאַ ייד, אַזאַ ייד!" — זיך פֿאַרדרייט דאָס היטל, פֿאַרשאַרצט די אַרבל, און גענומען איבערשיטן דעם זאַק האָבער; אים אויפֿגעהויבן אין דער הייך, מיט אים רעגירט, געהייסן די מאַמע צוהאַלטן דעם ליידיקן זאַק אירן, אַזוי און אַזויערנאָך; דערנאָך צוגענומען דעם דריי ריבלדיקן, זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ האַלב זעקל קלאַים, ווי זיך אָפּרוען נאָך דעם שטיקל אַרבעט; געדרייט אַ שטיקל ביבולע מיט טיטין, דאָס געקלעפּט מיט די ליפּן, און זיך אַראָפּגערעדט פֿונעם האַרץ:

— געזען עפּעס? אַ ייד, אַ צלמניק? אַ נקי־כּפּימניק? ער וויל גאָרנישט דעם האָבער! פֿאַר וועמען האָט ער אים דען געגעבעט, אויב נישט פֿאַר זייבעטוועגן?

און אַזוי ווי ער קלעפּט דאָס שטיקל ביבולע, — פֿאַלט אַריין אַ רייטער אין דער טיר פֿונעם געוועלבל; אַ רייטער, — נישט טויט און נישט לעבעדיק; דאָס פּנים פֿאַרשמירט מיט קויל און שוויס; ער שרייט אַריין:

— האָ־בער! אויב ער וועט נישט קריגן דאָ קיין האָבער צו קויפֿן?

הע? די מאַמע קוקט אויפֿן זאַק האָבער, קוקט אויפֿן קאָזאַק, — און הייבט נישט אָן צו וויסן: וואָס זי זאָל דאָ טון? אין די אויערן בויערט איר דער טאַטע פֿונעם לאָך אַרויס: „נו? ווי וועסטו אַצינד אָפּשניידן? ס'אַראַ פּנים האָסטו? און ווי זעסטו אויס?" און, וואָלט איר כאָטש דער קאָזאַק אָפּגעטרעטן? אַזוי נישט געזעסן איבער איר, און איר אַפּהיטן די נשמה? ווי אַזוי קען זי פֿאַרקויפֿן דעם האָבער צום רייטער, — פֿאַר אים אין די אויגן? וועט זי ביי אים נעמען מער, — ווי ער האָט געקריגן ביי איר, — קען זי דאָך זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן ביי אים; און וואָס ער זאָל איר דערנאָך נישט טון, —

דאָך אַלץ זיין געדעכט; און אים אָוועקגעבן פאַרן אייגענעם געלט, — צו וואָס האָט עס איר ווידער אינגאַנצן געטויגט?

דער רייטער שטייט אַלץ אין דער טיר פונעם געוועלבל; ער רייט שוין זינט נעכטן אויף דער נאַכט, — און אויב ער זאָל נישט האָבן דעם פערד עפּעס צו געבן אין מויל אַריין, וועט עס זיך אָוועקלייגן אונטער אים, און בלייבן ליגן אויפן בויך...

און אַז די מאַמע איז אַלץ אַזוי געשטאַנען, אָן שום לשון, — האָט זיך ווידער דאָ עפּעס גענומען רירן אין דעם גראָבן קאָפּ פונעם קאָזאַק: אַז זי וואָלט אים גערן פאַרקויפט דאָס טעפּל האָבער, — נאָר מוז אודאי מורא האָבן פאַר אים; און זיך אָפּגערופן:

— אויב דו האָסט אים מורא צו פאַרקויפן, וועל איך אים פאַרקויפן דעם האָבער.

דער רייטער איז אַריין מיטן זעקל, וואָס ס'פערד טראָגט אויפן האַלדז, — און גאַרנישט געוואוסט, וואָס ער זאָל דאָ מיט אים טון, מיט דעם קאָזאַק:

— גאָט איז זיין, די גאַנצע וועלט איז זיין, און די מלחמה וועט אויך זיין זיין, — אַז ער האָט אַרויפגעטראָפן אויף האָבער; און ער וועט דאָס האָבן פאַרן פערד זיינעם; ער לויפט שוין אַרום פון אַ גוטע שעה, — און קוקט זיך אויס די אויגן פונעם קאָפּ; די געוועלבער זענען נאָך פאַרמאַכט, און גיי רייס האָבער פון די ווענט... ס'איז זיך נאָר געווען, צוזעענדיק דאָס צער פונעם פערד, ווי עס שטייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און פאַרנעפּלטע אויגן, — אַ מעשה: אָנצוטון...

דער קאָזאַק, ווידער, ער האָט זיך גאַרנישט איבערגענומען פון דעם צלמען זיך: „דריי מיר נישט קיין היטל מיטן פערד דיינעם!" נאָר אים געהייסן אָוועקלייגן פאַרן טעפּל האָבער, אַ ריבל אויפן טיש, — און זיך גיין זיין וועג; דעם רייטער האָט עס, אַז ס'איז געקומען צום ריבל, — נישט איבעריק געשמעקט; אַ ריבל פאַר אַ טאָפּ האָבער? נאָר אַ ברירה האָט ער? אַז דער קאָזאַק איז דער סוחר! ער האַנדעלט דען מיט דער יידענע? איר וואָלט ער שוין געוואוסט צו דערציילן אַ מעשה... און, בחרפתינו, אָוועקגעלייגט דעם ריבל אויפן קאַסע־טיש...

אַז דער קאָזאַק הייסט? און נאָך איידער דער רייטער איז אַרויס, — בוך! איז אַ צווייטער אויף אים אַרויף כמעט אין דער טיר:

— הע? ס'איז דאָ דאָ האָבער צו קריגן? אין דעם געוועלבל?

דער קאַזאַק שטייט, פאַרשאַרצט די אַרבל, מיטן ליידיקן טאָפּ אין דער האַנט, גרייט:

— אויב דו האָסט נאָר אַ ריבל אָוועקצולייגן אויפן טיש, — וועל איך דיר אויך צוגרייטן אַ טעפּל האָבער אַרײַנצושיטן אינעם זעקל.

— אודאי; ווי דען? ער האָט נישט? און, צען ריבל? צי, נאָך מער? אַבי ער זאָל נאָר קריגן דאָס ביסל די האָבער פאַרן פערד; נישט קיין פערד, — וואָס פאַר אַ רייטער וועט ער זיין?

און איידער דער טאָפּ האָבער איז נאָך אַרײַנגעפאַלן צו אים אין זעקל אַרײַן, — איז שוין נאָכגיכער אויסגעוואַקסן אַ פרישער רייטער הינטער זיינע פּלייצעס; און נאָך אַ רייטער הינטער יענעמס פּלייצעס; אַ רייטער הינטער אַ רייטער; און אַלע מיט די זעקלעך אין די הענט; אַפּנים: ווי זיי זאָלן זיין פון דער זעלביקער ראָטע, — וואָס יענער; און נישט בלויז יענעמס פערד האָט אים געטראָגן אַ גאַנצע נאַכט אָן אַ לעק האָבער, — נאָר זיי האָבן אויך זייערע פערד נישט געהאַט וואָס אין מויל אַרײַן צו געבן; און נישט בלויז יענעס פערד קען זיך נישט מער רירן, — מיט זייערע פערד איז אויך נישט בעסער: זיי האָבן אַלע, ווי אָפּגערעדט, — אַרויסגעשטעלט די זעלביקע פייג! און נישט נאָר יענער לויפט אַרום אַ גוטע שעה, אין דער פינצטער, און טאַפּט אַ וואַנט, — זיי האָבן שוין אַלע באַלד נישט קיין פיס פון אַרומלויפן; און נישט בלויז פאַר אים זענען די געוועלבלעך פאַרמאַכט, — נאָר זיי זענען פאַר אַלע פאַרמאַכט... און איצט שטייען זיי, אַז זיי האָבן יאָ דערטאַפּט דאָס איינע און אָפענע שטיקל געוועלבל, — איינער הינטער דעם אַנדערן, ביי דער אָפענער טיר, און וואַרטן אויפן טעפּל האָבער, — וואָס זיי וועלן אַרײַנכאַפּן אינעם ליידיקן זעקל אַרײַן; דער קאַזאַק שטייט אין געוועלב, פאַררוקט דאָס היטל אויפן שפּיץ־קאָפּ, די פּאה אויפגעשטעלט, און טיילט אויס יעדן באַזונדער זיין פּאָרציע; נישט מער, נישט ווייניקער: „גיב מיר דיין טאָפּ האָבער, און לייג אַוועק דעם ריבל דיינעם אויפן טיש!" די ריבלעך פליען אויפן קאַסע־טיש אַרויף, און לייגן זיך אָן די הויך, — אַ גאַנצע קיפּע; די מאַמע שטייט, — אַזוי ווי זי וואָלט געאַרבעט געוועזן דערביי... זי קוקט אויפן קאַזאַק, וואָס וואַרפט זיך מיט די רייטערס, אַזוי ווי זיי זאָלן זיין הינט; און מוזן שטיין פאַר אים ווי די דינער; גלייך, אויסגעצויגן, — און אַז ס׳קומט צום אַוועקלייגן דעם ריבל אויפן טיש, גיט נישט איינער פון זיי אַ מרוקנע מיטן מויל: „ס׳זאָל אַזוי

נישט זיין דער קאָזאַק, — וואָלט ער צעטראָגן ס׳געוועלבל אויף שטיקלעך!״ (כאָטש די מאַמע וואָלט זיך באַלד נישט אונטערגעשטעלט ביי זיי דאָס צו נעמען; און מער ווי אַ פּירציקער פאַר אַ טאָפּ גאָרנישט געוואָלט!) און מוז נאָך דערצו האָבן כח אויסצושטיין דעם טאַטן, וואָס הערט נישט אויף צו בויערן דעם קאָפּ, פון לאַנג אַרויס:

— איצט וועט זי זיך האָבן אַריינגעלייגט; און האָבן צו געדענקען, למען ידעו, — זיך נישט צו יאָגן נאָך די וועלנערישע מציאות...

דער קאָזאַק האָט אַזוי לאַנג געשעפּט די זעקלעך האָבער פונעם זאַק, — ביז ס׳איז נישט געבליבן מער קיין זשאַרנע אין אים; אַ ברונעם שעפּט זיך דאָך אויך אויס... אַזוי איז ער געבליבן שטיין: טאַקע נישט קיין האָבער, — אָבער ס׳זענען קיין רייטער אויך מער נישטאָ; יעדער האָט עפּעס געקריגן, ער זאָל האָבן צו געבן דעם פערד, — אַז ס׳האָרץ זאָל דעם נישט אָנטגיין; און האָבן כדי ווייטער אים צו טראָגן...

דערנאָך האָט ער זיך פאַרקנעפּלט דעם שינעל, צוריקגעדרייט ס׳היטל אויף גלייך, פאַריכט די פאה, צערעכט געמאַכט דעם פּאַסעק, און דאָס אפשר זיך אַזוי געגראַבעלט, — ווי ער וואָלט נישט קיין כח געהאַט אָוועקצוגיין פון דער קיפּע געלט, וואָס איז געלעגן פאַר אים אויפן טיש, און אים אָפן גערייצט... צי גאָר זיך נישט געקענט באַרעכענען: אויף ווי־ווייט ער האָט שלעכט אָפּגעשניטן, און די מאַמע, — געוואָרן באַגליקט ביי אים? ביז ער האָט זיך פאָרט ערגיץ דערשלאָגן מיט זיין דעם מורשן קאָפּ:

— אַז זי וואָלט אים, על פי יושר, באַדאַרפט עפּעס געבן; נישט, חלילה, אויפן זאַק האָבער, אויף וועלכן ער זאָל זיך האָבן אָפּגענאַרט פון קאָפּ ביז צו די פיס; נאָר פאַר דער טירחא זיינע, — וואָס ער האָט זיך אַזוי שווער אָנגעאַרבעט ביים אויספאַרקויפן אים...

האָט זיך די מאַמע אָנגערופן:

— נעם דיר, וויפיל דיין האַרץ גליסט; וואָס האָסטו ביי מיר צו פרעגן? ס׳געלט ליגט אויפן טיש, און ס׳איז אַזוי גוט דיינס ווי מיינס...

האָט ער געקוקט, געקוקט דערויף, עס אַדורכגעשטאָכן מיט די אויגן, און עפּעס ווי נישט ווויסנדיק, זיך, צום סוף, אַראָפּגענומען צוויי איינציקע ריבעלט פון דער גאַנצער קיפּע: „ס׳וועט נישט זיין צופיל?״ זיך צוגעזעגנט מיט אַ ברייטן יישר־כח.

אַז דער קאַזאַק איז אַרויס — איז אויך דער טאַטע אַרויסגעקראָכן פונעם לאָך, און געבליבן שטיין מיט אַ נאָז; ער האָט געקוקט מיט די אויגן, — ווי זיך דאָס אַליין נישט צו געגלייבט:

— הע? ווער זאָל זיך דאָס ריכטן אויף אַ קאָזאַק?

די מאַמע האָט איבערגעציילט דאָס געלט, און ס'פּנים האָט ביי איר געלויכטן; די טרערן געשטיקט אין האַלדז:

— נו, יצחק, וואָס וועסטו אַצינדערט זאָגן? ס'אי גוט פאַר דיר,

— וואָס דו האָסט אַריינגעכאַפּט; זייער גוט; האָסט דיר דאָס ערלעך פאַרדינט; דאָס האָט מען דיר געוויזן פון אויבן: זאָלסט נישט זיין קיין היצל... ביזט נישט מחויב נאָכצולויפן נאָך דעם... אָבער, אַז מ'קומט דערמיט צו דיר אין שטוב אַריין? וואָרן, איך קויף, חלילה, פאַר נחת? וואָס, איך וויל רייך ווערן ביי דער שריפה? און נישט, — וויל די מלחמה האָט אַזוי ענג פאַרצויגן דעם שטריק אַרום האַלדז?

פעפער

באַגריע האָט זיך צוביסלעך אויסגעלייטדיקט; מיט יעדן טאָג איז געוואָרן ווייניקער מעל, ווייניקער מייערן, און ווייניקער קאַרטאָפל; די אַלע גוטע זאַכן האָבן געצאַנקט, צוביסלעך אָפּגעדאַנקט, און מ'האָט אַרויסגעקוקט אויפן געבענטשטן טאָג: ווען יעדער וועט אַרויסגיין פאַר דער טיר, און בלייבן שטיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן: „שוין! מ'ברויך פאַרנייען דאָס מויל; ס'איז נישטאָ מער וואָס דערין אַריינצולייגן!" מילא: אַז ס'איז נישט געווען קיין צוקער, קיין קאַווע, קיין צימעריננ, — האָט מען געקענט מאַכן שבת אָן דעם; אָבער מעל אויף ברויט צו באַקן? קאַרטאָפל? מייערן? ריבן? פאַרמאַכן דאָס מויל מיט אַ קייטל, אָדער גאָר מיט אַ פּרענט, ווי די יידן פאַרמאַכן די טירן פון זייערע קלייטלעך, און אויפהענגען אַ שלאָס אויף דעם, — ס'איז נישטאָ מער וואָס אַריינצולייגן אין דעם; און ס'איז איבגאַנצן איבעריק... מ'וועט זיך דאַרפן באַגיין אָן דערין, — וואָס טוט זיך דאָ עפּעס?

אַז אַ יידענע האָט זיך געקלאָגט ס'פּנים: זי קריגט נישט קיין זאַפראַן צו די חלות, קיין נעגעלעך, קיין ענגליש־געווירץ, קיין באָבקע־בלעטער, וואָס פלעגט קומען פון די מרחקים, איבער ימים, — האָט מען פון איר געמאַכט ס'גרעסטע געלעכטער; באָבקע־בלעטער גיב איר! וואָס נאָך וועט זי זיך אויסבייטן? אפשר רויטן צימערינג צו ברוינען די קניידלעך? אָדער גאָר פעפער צו די פיש? אַנישט, וועט זי נישט קענען אויסקומען? אלא־מה, די אַפּטייק האָט נישט מער קיין רעבאַרבערע? קיין שטיקל מאַטש אויף אייבצורייבן אַ זייטל? און נאָך אַנדערע רפואות, וואָס מ'ברויך מיט זיי היילן חולאים, — אַז זיי זאָלן נישט פאַלן ווי די פליגן, און מ'קען זיך נישט אָוועקהרגענען, — שמעקט יענע גאָר אָן צימערינג!

יינגע קינדער, אַזוינע וואָס די מלחמה האָט געכאַפּט ווען זיי זענען אַלט געווען פינף־זעקס יאָר, און זענען אונטערגעוואַקסן ביי איר, געוואָרן פאַרשטענדיקער; זיי האָבן, — אַז זיי האָבן געהערט

רעדן פון די אַלע גוטע זאַכן, ווי זאַפּרען, צימערינג, פעפער, — אויפ־געשטעלט די אייערלעך, געקוקט מיט די אייגעלעך, און זיך ליב־געהאַט צו פרעגן:

— מאַמעשי, וואָס איז פעפער?

— מאַמעשי, וואָס איז צימערינג?

— און וואָס איז דאָס?

— און וואָס איז יענץ?

און מ׳האָט זיך געבוריכט אוועקזעצן זיי דערציילן פון יענע ווייטע מקומות, וואו דאָס וואַקסט; און אַז מ׳ברענגט דאָס איבער די ימים, — מיט שיפן; און זיי האָבן געקענט פרעגן אַזוינע קינדערשע שאלות:

— צי פעפער איז זיס?

און אַז מ׳האָט זיי געזאָגט: אַז פעפער איז ביטער, און ס׳רייסט אין די אויגן, אין דער נאָז, — האָבן זיי שוין גאָרנישט געקענט פאַרשטיין: וואָס מ׳נעמט דאָס נאָך אין מויל אַריין, און מ׳רעדט גאָר דערפון? אַז מען באַווייגט צוקער, ווייסן זיי: צוקער איז זיס, און ס׳איז גוט צו נאַגן; אָבער אַז מ׳זאָל באַווייגן אַ זאַך, — וואָס רייסט אין די אויגן און אין דער נאָז?

און גראַד דעמאָלט, ווען ס׳האָט שוין אַזוי געהאַט אויס־געזען; און מ׳האָט שוין געהאַט איינגעוויגט די קינדער, ווי צו מאָל מיט ראַזשינקעס און מאַנדלען, מיט וואָס מ׳פלעגט אין די גוטע יאָרן, איידער מ׳האָט אויסגעטראַכט די מלחמה, — מיט דעם אויך האַנדלען; גראַד דעמאָלט איז אַרויסגעקומען אויפן מאַרק אין באַגריע, אַ ייד, אהרן שלמה; אַ ייד, — גראַד נישט קיין גביר; וואָס האָט זיך אין די גוטע יאָרן געדרייט מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, און ביי דער מלחמה אויך נישט אָפּגעלעקט קיין ביין; און זיך צוהערנדיק צו די מסדרים וואָס יידן פירן: ווי איינער קויפט־אָפּ ביים צווייטן דאָס לעצטע ביסל קלאַים; דער אַנדערער ביים דריטן, — ס׳ביסל מייערן; דער פירטער ביים זיבעטן — די ציבעלעך מיט די קאַרטאָפל; אַזוי האָט ער, פאַרבייגייענדיק, אַז מ׳האָט אים אָנגעכאַפּט, ווי געוויינטלעך, ביי דער האַנט: „אהרן שלמה, וואָס האָסטו צו פאַרקויפן?" כאָטש מ׳האָט גוט געוואוסט — וואָס ער קען האָבן; האָט זיך אַראָפּגעגליטשט ביי אים

פון דער צונג, און מעשה תם: „פעפער!“ האָט אים יענער אָנגעכאַפּט בײַם אַרבל און געוואָרן אײַנגעצן שטײף: „אהרן שלמה, דו ווייסט וואָס דו רעדסט? דאָ האַנדלען שוין יידן מיט שאָלעכטס פון אייער, — און דאָס איז שוין באַלד אויכעט נישטאָ; און ער נעמט אַזאַ זאַך ווי פעפער, אויף די ליפּן? האָט דער ייד, אהרן שלמה, אַ לייכטן קנייטשגעטון: „וואָס דען, ער ווייסט נישט? ער רעדט פון הוילן קאָפּ?“ „פעפער, האָסטו געזאָגט, — פעפער?“ „אודאי פעפער, און נישט קיין אַרבעס!“ איז שוין יענער, זעענדיק זיין בטיחות, געקראָכן פון דער הויט: „וויפיל, אַ שטייגער, — האָסטו?“ (פון וואַנעט ער האָט, — האָט ער זיך נישט אונטערגעשטעלט צו פרעגן; ס'איז קיינעמס עסק נישט; און ער וואָלט אים נישט געזאָגט אויך; אַז ער האָט, — האָט ער; קיין מלאך האָט אים געוויס פון הימל נישט אַרונטערגעוואָרפן... אלאַמה, וועט ניצן דאָס פרעגן? נאָר אַז ער האָט אים אָבער געפרעגט: „וויפיל?“ דאָס איז שוין אַ דבר אחר. האָט ער אים געזאָגט, אהרן שלמה: „אַז וויפיל ער האָט, — וועט ער נישט קענען קויפן; ווייל ער וועט נישט זיין בכח!“ „וויפיל, למשל, קען ער דאָס אַזוי האָבן? אַ פונט? אַ האַלב פונט? צי אפילו אַ פּאָר לויט?“ און ווען אפילו אַ פּאָר לויט, — וואָלט שוין דאָס אויכעט געווען אַ היבשער משא־ומתן! האָט זיך ביי דעם ייד, אהרן שלמה, צעלאַכט אַ האַלב פנים:

— ער וועט זיך גיין נאַריש מאַכן מיט אַ פונט, אַ פּאָר לויט, צי אפילו מיט אַ זעקל?

דאָ איז שוין ס'פּנים ביי יענעם ייד, געווען האַלב בלאָ, ווי ביי איינעם וועלכן עס כאַפּט־אָן אַ נישט גוטיקייט צו חלשן, און קוים געקענט איינהאַלטן דעם אָטעם, וואָס איז געלאָפן פון אים, — ער זאָל נישט מיט אַלעם אויסלויפן; און ער האָט אים געזאָגט: אַז ער האָט, און אַז גאַנץ באָגריע זאָל וויסן, ווען אפילו זי זאָל ברויכן פּלאַצן — גאַנצע צען זעקלעך!

האָט זיך באָגריע דאָ געגעבן אַ צאַפּל, אַ וואָרף, אַ זאָרג אין דר'ערד, — און זיך גלייך אויפגעכאַפּט; אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ ווי אַ נאַקעטער און אָפּגעצוואָגענער בטלן אין דער מקוה, וואָס וויל באַווייזן אַ בריהשקייט, — אַז ער איז געלעגן טיף אונטערן וואַסער, און אויך גענוג לאַנג, אַז מ'האָט שוין אָנגעהויבן שרייען געוואַלט

אויף אים, — ער איז דערטרינקען געוואָרן; זיך אויפגעהויבן, פול מיט וואַסער אין דער נאָז, אין די אויגן, אין די אויערן און מיט אַ געלעכטער אויפן פּנים: „איך בין דערטרינקען? כע־כע־כע...“

אַזוי אייגן בייםן פּעפּער, אַז ער איז געוואָרן מפורסם, — האָט די שטאָט אַרויסגעשטעקט די נאָז ווי פון אונטערן וואַסער, זי וואָלט געלעגן:

— הע? וואו? ס'האָט ווער געהאַט אַ חלום אַזוינעם? און נאָך אַזאַ זיסן? צען זעקלעך פּעפּער?

— צען זעק־לעך פּע־פּע־פּער?

יעדער איינער באַזונדער פאַר זיך, און אַלע צוזאַמען, — האָבן געקייכט:

— גאַנצע צען זעק־לעך פּע־פּער?

— און דאָס האָט אַ ייד אין באַגריע? רבונו של עולם, — אַזאַ זאַך זאָל געמאָלט זיין?

יידן האָבן גענומען לויפן, פאַרקאַטשענשדיק זיך די אַרבל, פאַרשאַרצנדיק די פּאָלעס, — כמעט פליען; אַלע: מיט אָפענע דהאַרצער, צעפלאַדערטע, ווי אויסגעפלינדערטע, פאַרוואונדערטע, — ווי זיי וואָלטן נישט מער גאָר געזען, נישט מער גאָר געהערט, ווי: צען זעקלעך פּעפּער! אַלע מילן געמאָלן: פּעפּער! און ס'וואָלט אַראָפּגעשריגן פון אַלע ווענט: פּעפּער! איינער איז געלאָפן, צוויי זענען געלאָפן, — עס זענען געלאָפן צען, דהונדערט; די אַהין, יענע, — אַהער, איבער די קעפּ, און זיך געשטויסן; האָרמעס גאַנצע, האָרמעס יידן, קיפּעס יידן:

— וואו איז דער ייד, אהרן שלמה?

— מ'קען אַ שמעק־טון צום פּעפּער?

(כאָטש אַ שמעק־טון צו אים!) ווייל קויפן צען זעקלעך פּעפּער, מי ומי? ווער קען זיך דאָס איינרעדן? זיך דאָס גאָר נעמען אין זינען אַריין? צי אפילו חלומען דערפון? נאָר, פונדעסטוועגן: ווען דאָך יידן, צוליב דעם וואָס זיי וועלן נישט קענען, — זיך נישט וועלן באַטעמט מאַכן ס'מויל? נאָכדערצו, ווען ס'דאַרף נישט קאָסטן גאָר? און ווען זיי וועלן אפילו נישט קענען קויפן, וועלן זיי, בלויז פון רייבן זיך אַרום אים, און אַרום אַזאַ מסחר, (צען זעקלעך פּעפּער!) — נישט קענען עפּעס נהנה זיין? ווי שייך, ס'זאָלן נישט אַראָפּפאַלן עטליכע זשאָרקעס? אַ פּאָר פּעפּערלעך? אַ פּע־פּער־ל!

אהרן שלמה, וואָס איז צוליב זיין אָרימקייט גאָרנישט געווען קיין שטאָטישער; און געווען ווי פֿאַריקט ערגיץ הינטער דער שטאָט, — אין אַ העק; צווישן טרעגערס, בעלי־עגלה־יידלעך; וואָס פֿאַר אַ באַ־גריער ייד, אַ בעל־הבית איז עס געווען אַ גרויסער פּסיל, — צו אים האָט איצט גאַנץ באַגריע, מיט אַלע אירע שיינע יידן, חשובֿע בעלי הבתים, אפֿילו כּלי־קודש — פֿאַרריסן די קעפּ; וואָס מיר העק, ער־גיץ אין סאַמע־עק, צווישן קליינע הייזלעך, אין שכנות פֿונעם היצל, סתם פּעל־שינדערס, — מ׳האָט געקוקט אַרויף צו אים, כאָטש ער איז גאָרנישט געווען אַזוי הויך, ווי צו עפּעס אַ־ן עוג מלך הבשן; נאָר ער איז נישט נתפּעל געוואָרן פֿון גאָר, נישט אויף אַ האָר, און שאינו יודע לשאל׳דיק געקוקט אַלע אין די פּנימער, אַ קאַלטע לונג־און־לעבער, אַ טאָטערישע, אַ בלאָטערישע: „די צען זעקלעך פּעפּער לאָזן אייך נישט צורו? מהיכא רבֿיתי...״ און אַראָפּגעגאַנגען, ווי געווייניטלעך, אויפֿן מאַרק (סרעדט זיך: געגאַנגען, אַז מ׳האָט זיך געשטופּט און גע־שטויסן פֿון אַלע זייטן!), דאָ: וואו יעדער קנין ווערט אַדורכגעפֿירט; פֿון אַ זעקל קאַרטאָפֿל ביז צו אַ הויז; פֿיר איילן לייווענט (תכריכים פֿאַר אַ טויטן), ביז אַ פּוד לעדער (אויב ס׳אַ זעלכעס בנמצא); דריי רע־דער צו אַ וואָגן! אַ לאַטקעלע צוצולייגן צו אַ שוך, ביז צו אַ פּאָר שיך בכבודם, אַליין (אויב ס׳איז דאָ אַ זעלכעס); און זיך דאָ אָנגעשפּאַרט אויפֿן מאַגערן שטעקעלע, — אויף וועלכן יעדער ייד שפּאַרט זיך, עבֿעך, אָן; און, ס׳פּנים זיינס האָט אויף זיך אַרויפֿגענומען דאָס קלוג־ציטעריקע און איבערגעשפּיצטע שמייכעלע: „וואָס, איר פֿרעגט; וואָס איך וויל פֿאַר די צען זעקלעך פּעפּער?״ און אָנגעטייט מיט דער האַנט אויף די הייזער: נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, נישט זיבן, נישט ניין, נאָר גאַנצע צען! און די גרעסטע אויפֿן מאַרק; קיין גרע־סערע ווי אויפֿן מאַרק,— זענען אין דער שטאָט נישטאָ.

די באָגריער יידן האָבן טאַקע אַ ביסל, אָבער נאָך אַלץ נישט מיט אַלעם — אַראָפּגעבויגן די קעפּ; עפּעס ווי אַ טיפֿער ישובֿ־הדעת, וואָלט זיי געצווימט: גיטס אים צען הייזער! זיי זענען דען זייערע? אַז, סך הכּל: שטייען דריי אין יידישע הענט! און אַז זיי זאָלן יאָ זיין זייער, — וועלן זיי מאַכן דעם חילוף? אַ הויז פֿאַר אַ זעקל פּעפּער?

האָט אהרן שלמה זיך געגלעט די באָרד:

— נו, איז וואָס? איר וועט, חלילה, דערלייגן?

און בעת די באַגריער יידן האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעניכטערט פון די צען זעקל־עך פעפער; און נאָך אַלץ געווען פון זיי אין היבער־פלעט; דאָ געגאַפט מיט פאַרבליפטע אויגן: „צען זעקלעך פעפער?" און זיך באַלד פאַרגאַנגען אין אַ קוויטש: „צען זעקלעך פעפער?!" און נאָך אַלץ געצויגן די הענט צו זיי ווי טרינקענדיקע צו אַ ברעג; האָבן שוין נאָכגיכער אָנגעהויבן אַריינקומען קיין באַגריע יידן פון דרויסן, פון אַנדערע שטעט: „זיי האָבן געהערט זאָגן, און טאַקע נישט מער ווי זאָגן; ווייל ס'גלייבט זיך זיי סיי־ווי־סיי נישט; ס'הייבט זיך אַפילו נישט אָן צו לייגן אויפן שכל; בעת איך גאַנץ פוילן ווייסט מע שוין נישט דעם טעם פון פעפער שיינע עטליכע יאָר, מ'האָט לדרלוטין פאַרגעסן איר צורה, — זאָל זיך אין באַגריע האָבן פאַרוואַלגערט ביי אַ ייד גאַנצע צען זעקלעך?" וואָרן, באַגריער יידן, כידוע, — האָבן נישט געהאַט קיין זיך־פלייש; רק געגאַנגען און געפאָרן (גיי זעץ דיך אַוועק און פאָר נישט, — אַז ס'טרייבט נישט בלויז פון שטוב אַרויס, נאָר אויך פון דער הויט אַרויס; און דאָס צעשלעפט — וואו נאָר מ'איז געגאַנגען און געקומען; און אַזויערנאָך אָנגעברענגט סוחרים פון אומעטום: „צען זעקלעך פעפער? ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ ייד — ביי וועמען ס'האָבן זיך פאַרוואַלגערט צען זעקלעך פעפער? רבונו יונה!"

די צען זעקלעך פעפער האָבן אָנגעמאַכט אַ געשמדטן האַלדז, און באַגריע איז געוואָרן פאַרפלייצט מיט סוחרים, וועלכע האָבן זיך געשאַרפט די ציין, געשליפט די צינגער, און זיך געריבן די הענט מיט זיי; מ'האָט געבויט לופט־שלעסער, גאַנצע; ווי אַזוי מ'וועט זיך צעטיילן מיט זיי איבער שטעט; יעדע שטאָט, — לויט די גרייס: אַ צענטל פון אַ זעקל, אַן אַכצענטל פון אַ זעקל, אַ זיבעציקסטל, אַ הונדערטסטל, — און אויף יענע שטעט וואָס ס'וועט גאָרנישט אויסקומען זאָל מע זיי כאָטש ווייזן ווי פעפער זעט אויס, אַז ס'זאָל נישט פאַרגעסן ווערן פאַר די נייע און שפּעטערדיקע דורות; און אַצינד, מכח זיך אַליין? ווי מ'וועט זיך איינרייבן דעם ביילעק ביי אים? ד ע ר, זיך קויפן אַ נחלה פון אַ פּאָר פינט פעפער; י ע נ ע ר, — אַ פערד מיט אַ וואָגן, אַ קו, אַ ציג... אָדער אָפּלייגן אַ נדן פאַר אַ קינד...

דער ייד אהרן שלמה איז געשטאַנען אויפן מאַרק, אָנגעלעענט אין שטעקעלע זיינעם, דעם לופט־שטעקעלע, און ס׳פּנים ביי אים האָט געהאַט אַלע זיבן קאָלירן פון גאָטס רעגנבויגן:

— אויב אַ זעקל פעפער, — וויל ער דערפאַר האָבן אַ הויז; און נישט סתם אַ דהויז, נאָר אַ קאַמעניצע; אַנדערש האָט ער נישט צו פאַרקויפן...

אינאיינעם מיט די סוחרים האָבן אויך אָנגעהויבן אַריינצוקומען קיין באַגריע, — גנבים; דער פעפער האָט זיי אויך גענומען בייסן אין דער נאָז; וואָס דאַרפן זיי גנבענען שניט־סחורה, וואָס איז, אַגב, — נישטאָ מער; גנבע! צי לעדער, — וואו איז ערגיץ דאָ לעדער צו גנבענען? און ברילאַנטן, וואָס, אויב זיי זענען נאָך יאָ דאָ ביי יידן, — האָט מע זיי אַזוי באַגראָבן, — אַז ס׳איז זיי נישט אַזוי גרינג אָוועקצוגנבענען; און אַז זיי האָבן געהערט פון דעם פעפער, און נאָך פון צען זעקלעך דערצו, — דאָס קען מען דאָך, נאָך אַלעם, — נישט האָבן ליגן פאַרשטעקט אין אַ שיפּלעדל, ערגיץ אין אַ שפּארע, אַ שפּעלטל פון דער וואַנט, אין אַ לופט פון קוימען, — און מ׳ברויך זיי זען צו צולאַטכענען; און ווען אַפילו נישט די גאַנצע צען זעקלעך (אַז מ׳וועט קענען — איז אודאי גוט); נאָר איין זעקל, איז ווייניק? צי אַפילו עטליכע פונט? אַ פּאָר לויט? וואָס ברויכן זיי משוגע רייך צו ווערן?

און אינאיינעם מיט די גנבים וואָס האָבן זיך גענומען אונטער גראָבן בשתיקה צום פעפער, האָבן זיך ווידער, אָפּן, פּאַר אַלע אין די אויגן, — אַרויסגעלאָזט בערג מיט יידן און גויים, וועלכע האָבן גע־קריגן וואַסעריקע אייגלעך, און די שלינע האָט זיי גערינען פונעם מויל, — זיך גענומען צו צעאַקערן די שטאָט, און אויפס כח געוואָלט אַנקריגן דעם פעפער; האַרמעס יידן, ס׳רוב: בעלי־עגלות, טרעגער, ווי אויך גויים, — האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט העק, מיט העמערס, מיט רידלעס און מיט ווידלעס; און וואו מ׳האָט עפּעס דערשמעקט, ס׳איז עמיצער עפּעס געקומען זאָגן, אָדער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, — איז מען דאָרט אַרויפגעפאַלן; נישט קיין דהילוק: ס׳דהאָט געמעגט זיין אַ שטאַל, אַ סוכה, אַ קאַמער, — און איר גלייך צעלייגט אויפן אָרט; מ׳האָט געריסן פון די ווענט; און דאַ־דאָרט זענען יידן, גויים,

אַרויס פאַר די טירן, געמאַכט געוואַלטן, געשריגן, אַז די שטאָט האָט זיך געוויגט:

— וואָס פאַר אַ באַשריגעניש איז אויף זייערע קעפּ? זיי זענען משוגע געוואָרן, צי וואָס? מהאָט אָוועקגעריסן אַ האַלבע וואַנט, וואו וועט מע איצט קריגן ברעטער, צי אַפּילו נעגל, — אויף צו־צוקלאַפּן די ברעטער?

נאָך ערגער איז געווען מיט די גנבים; זיי זענען, לכתחילה, געגאַנגען גנבענען דעם פעפער; אָבער, אַז ס'האָט זיך, אַנשטאָט דעם פעפער, געמאַכט עפּעס אַ לייטיש בגד, אַ ביסל וועש, — האָבן זיי עס נישט געזאָלט צונעמען?

אַזוי האָט זיך יעדע שעה געלאָזט לויפן עפּעס אַן אַנדערע יידענע, מיט אַ געוואַלט:

— גע־וואַלט, מ'האָט איר שוין גוט צום קאָפּ געזען!

— וואָס האָט מען איך, בלומעשי, צום קאָפּ געזען?

— הייסט, מיט וואָס? מיט אַ שאַבע, וואָס מ'האָט איר נאָך גע־מאַכט מיט זעכציק יאָר צוריק, צו דער חתונה; און וואָס זי האָט אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ; האָט מען איר פון אונטער דער ד־האַנט אַוועקגענומען...

און אַזוי ווי מ'שאָקעלט מיטן קאָפּ אויף דער שאַבע אירע, — לויפט שוין אַ צווייטע מיט אַ געוואַלט איבער דער גאַס:

— מ'האָט איר חתונה געמאַכט!

אַזוי קערט מע זיך אום צו איר:

— מיט וואָס, שפרה־לעב, — האָט מען אייך חתונה געמאַכט? מיט אַ רעטאַנדע?

— זי האָט געהאַט אַ ציג, און אַ לעבעדיקע, וואָס האָט איר גע־געבן צוויי פילע גלעזער מילך אַ טאָג, — און זי איז נעלם געוואָרן; גע־שטאַנען אָנגעבינדען אויף אַ שטריקל, — און מ'האָט איר אָפּגע־שניטן; ס'גייט איר שוין נישט אַזוי אין די צוויי גלעזער מילך, נאָר אין די לעבעדיקע ציג, אין וויינענדיקן מע אירן, — ווי וועט זי קע־נען לעבן אָן דעם מע אירן?

דער ייד, אהרן שלמה, האָט דאָס אַלץ צוגעזען, — און זיך געשטאַנען, ווי פריער, אויפן מאַרק, אָנגעלעענט אין דעם מאַגערן

שטעקעלע זיינעם, אַזוי ווי ס׳וואָלט אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען; סוחרים, גנבים, — מען מאַכט יידן בדיל הדל; סאיז שוין נישט געבליבן אין גאַנץ באַגריע קיין איין גאַנץ שטאָל; קיין שטיקל סוכה; מ׳האָט שוין צעגראָבן אַפילו קברים; ס׳אַרט אים ווי דער פאָר אַ יאָריקער שניי... ס׳פּנים האָט ביי אים געלויכטן; טיילמאָל אַפילו געשיינט; ווי ער וואָלט ביי זיך געטראַכט, און ס׳האַרץ אין אים געלאַכט:

— ווי אַזוי מ׳פירט אַ שטאָט אין באָד אַריין!

יידן זענען געקומען, געגאַנגען, פאַר אים געזוכט צו צעלייגן דעם פּעפּער אויף טעלערלעך:

— מוועט זיך צונויפנעמען: דער מיט יענעם; יענער מיט דעם; און זאָל זיין, — אַז אַ גאַנצע שטאָט וועט אַריין אין שותפות; מ׳וועט זיך צונויפלייגן, אויסשאָקלען די קעשענעס אויפן טיש, — און אפשר וועט ווערן אַ זעקל פּעפּער, צי ווייניקער אפילו, וויפיל ס׳וועט זיך לאָזן... נאָר ס׳זאָל זיך רירן... עפּעס ווערן...

ביז ער איז נעלם געוואָרן, און די סוחרים, אַז זיי זענען געקומען אויפן מאַרק אַרויף, — האָבן זיי שוין נישט געהאַט מיט וועמען אַרומצעאַרבעטן מער; וואו איז אהרן שלמה?, ס׳וועט דאָ עפּעס ווערן פון די צען זעקלעך פּעפּער? מ׳וועט נאָך קענען נהנה זיין פון זיי? אָדער זיי וועלן שוין אַזוי בלייבן באַגראָבן, — ביז די גנבים וועלן זיי אַרויסגראָבן? ווי לאַנג וועט מען זיך אַזוי מאַרדעווען מיט זיי?

און אַז ער איז נישט מער געקומען צו זיי אויפן מאַרק, זענען זיי אַוועק צו אים אין דער שטוב; וואָס וועט מע זיך דאָ שעמען? מ׳וועט קוקן: וואָס מ׳וועט זיך איינריכטן דעם כבוד? אַז ער איז אַזוי גרויס אָנגעקומען, ווי צו צען זעקלעך פּעפּער, — איז פאַרפאַלן; מוז מע זיך בייגן פאַר זיין כבוד... און ביקן... און זיך צעבייזערט אויפן ווייב, אויף אַ שטייגער:

— וואָס האָט ער זיך דאָ אויפגערוימט, וואָס? און זיך מורא אַרויסצווייזן אויפן מאַרק? ס׳וועט אים עמיצער אָפּבייסן אַ שטיק נאָז? ביי אים צונעמען דעם פּעפּער באָונס? מיט געווייט?

האָט דאָס ווייב אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין:

— זי גייט שוין זיבנט עטליכע טעג אַרום אָן אַ קאָפּ, און ווייסט נישט וואָס איבערצוקלערן; קען נישט אַדורכשלאָפן קיין נאַכט... וואָס ווייסט זי, וואו ער איז? אַז צו קיין משפחה איז ער נישט געפאָרן;

ס'איז נישט געווען קיינער וואָס זאָל מאַכן אַ ברית, אויסגעבן אַ טאָכטער,
— וואָס האָט ער ווידער געהאַט צו פאָרן? און אין די וואָרים־בעדער אודאי נישט; סיי, ער האָט געזאָלט האָבן פאַרוואָס...

דאָס דערהערט, האָט עס יעדן געגעבן אַ זעץ ווי מיט אַ דהאַמער איבערן קאָפּ: „הע? ער זאָל זיי דאָ עפּעס האָבן אָפּגעטון אַ שפּיצל?" און די צען זעקלעך פעפער זענען זיך מיט איינמאָל צעפלויגן ווי אַ שיינער חלום; אַ קרעכץ האָט זיך אַדורכגעריסן, וואו און ביי וועמען: וואָס האָט פון זיי געזוכט אָפּצולייגן אויף אַ נדן פאַר אַ טאָכטער; צי אויף עפּעס אַן אַנדערע הצטרכות, און אויך אַזאַ נייטיקע; ווי וועט וועד ווידער אויסטראַכטן עפּעס אַזוינס, — מ'זאָל זיך קענען אָנכאַפּן דערין? און זיך נאָך געזוכט דאָס פאַרשידן אויסצעלייגן:

— אפשר, ווייל די מהומה איז געוואָרן צו גרויס? ס'איז אַוועק אין די הויכע גדולות! שטעט גאַנצע זיך גענומען שאָקלען. און ס'ווייב וויל עס מאַכן פלאַטשיק... זי איז צעשראָקן...

אָבער דאָס האָט אויך באַלד געפּלאַצט, ווען עטליכע גנבים האָבן אויפגעריסן די שטאָט, דערמיט וואָס זיי זענען אַריין ביי נאַכט צו איר, און איר דערציילט די מעשה:

— אויב איר ווילט זיך נאָך אַ מאָל זען מיט אייער מאַן, — זאָלט איר גלייך אַוועקגעבן, און מיט גוטן, — דעם פעפער; און אויב נישט די גאַנצע צען זעקלעך, איז אַ ביסל, איז, — וויפיל ס'זאָל נישט זיין (יידישע גזלנים); און אויב נישט קיין פעפער, — איז נישט קיין מאַן!

דאָ איז ס'ווייב, אַז זי האָט דערזען די בראָך, — געוואָרן דער־ציטערט; און זיך גענומען ברעכן די הענט:

— און איר גלייבט, אַז ער האָט צען זעקלעך פעפער? און איין זעקל יאָ? צי אַפילו אַ פונט? אַ פּאָר לויט? ווי האָט ביי אַ גאַנצע שטאָט געקענט אַוועקגענומען ווערן דער שכל, — זי זאָל נישט פאַרשטיין, — אַז ער פירט איר אין באָד אַריין! אַז ס'איז אים אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ? און איר ווילט, — אַז כ'זאָל דעריבער ווערן אַן אלמנה? די קינדער זיינע, — יתומים? בלייבן אָן אַ טאַטן? גיטס זיי אָפּ דעם טאַטן זייערן, גיטס זיי אָפּ!

און אומעטום, וואו מ'האָט זיך פאַרדרייט, — האָט מען געהערט קרעכצן:

— וואָס אַ ייד האָט געקענט איינפאַלן? נישט מער און נישט ווייניקער ווי צען זעקלעך פעפער! און מ'זאָל אים גלייבן; ס'איז נישטאָ קיין איין שטוב, — וואָס מ'זאָל צוליב אים נישט האָבן באַגנבעט; איין הויז, וואָס זאָל האָבן אַרויס גאַנץ פון די גנבים'ס הענט; חוץ די שאַדענס וואָס מ'האָט אָנגעמאַכט ביים זוכן דעם פעפער; ביי דעם אַוועקגעריסן אַ וואַנט, ביי יענעם צעלייגט אַ שטאַל, אַ קאַמער...

— וואָס אַ ייד האָט געקענט איינפאַלן? כע־כע־כע... כע־כע־כע... כע־כע־כע...

ווען פון נאַפּט
איז געוואָרן פייער

איבער אַ נאַכט, האָט פון דער העלער הויט, — אָנגעהויבן ברענען דער נאַפּט; פונקט ווי יעדן טאָג האָט זיך עפּעס אַנדערש אָנגעצינדען, און ס׳האָט אָפּגעברענט ס׳ברויט, ס׳זאַלץ, דאָס לעדער, און וואָס נישט? אַזוי האָט, אין יענער נאַכט, ווי מ׳האָט זיך געריכט: ס׳פייער אויך נישט אויסגעמיטן דעם נאַפּט; און אַז מ׳איז אין יענעם אין דער פרי אויפגעשטאַנען, איז שוין מער קיין נאַפּט נישט געווען אויף דער טאָג־ליכט: עס הייסט: געווען איז, ווי ס׳איז געווען ברויט, זאַלץ, שמאַלץ, — נאָר ווער האָט שוין געקענט גרייכן דערצו? אַז מ׳האָט זיך פּאָר איין קוואָרטירל געהייסן געבן, ווי מיט אַ טאָג צוריק, — פּאָר אַ גאַנצע קוואָרט.

האָט זיך מיישב געווען חיים־דוד, אַ יידל, נישט קיין פאַרשלאָפענס, מיט נאָך אַנדערע צוויי ייִדן, — אויך נישט קיין פאַרשלאָפענע:

— וואָרן, ס׳אי דען אַ מיגלעכע זאַך אין דער וועלט, אַז דער נאַפּט זאָל אומעטום און מיט איין מאָל האָבן אָפּגעברענט? און אויב ס׳אי נישט גלייך, אַ שפּרינג צו טון ערגיץ אַנדערש, לאָמיר זאָגן: קיין מאַניכעוו, וואו מ׳האָט נאָך אַ ברירה נישט צו וויסן פון קיין פותר און קיין חלום, — און ביי איר דאָרט אויסנאָרן אַ בייגקע נאַפּט, איידער ער וועט דאָרט אויך אָנהייבן צו ברענען?

און, אומר ועושה; אַגישט: קענען נאָך הונדערט ייִדן אַזוינע ווי ער, פאַלן אויפן זעלביקן שכל, — און זיך גלייך אַרויסגעלאָזט מיט די אַנדערע צוויי ייִדן, נאָך נאַפּט; קיין מאַניכעוו איז נישט געווען ווייט צו גיין, סך הכל, — צוויי מייל; און דאָס איבעריקע, — בלאָטע, האָט זיך נישט גערעכנט; יעדער ייד האָט זיך מיטגענומען אַ ליידיקע ביינקע, איר אַריינגעלייגט אין אַ זאַק, אַז קיין שום ערל, וואָס טראָגט אַ קנעפּל, אַ שווערד, און דעסטגלייכן, — זאָל נישט דערשמעקן; און זיך פאַרנומען אין וועג אַרייך.

אויף צו פאָרן קיין מאַניכעוו, האָט דער מסחר נישט אויסגעטראָגן; וואָרן, בלויז פּאָר אַהין־וועגס, האָט מען זיך געהייסן געבן, מי יודע...

און אַז מ'זאָל די פיס ווייזן אַ וועג, קענען זיי זיך אַ מאָל איינשפּאַרן: און צוריק צו וועגס אויך נישט וועלן גיין, — און טאַקע אויך זיין גערעכט; ווייל, מ'וועט שוין דענצמאָל צום גיין, אויך ברויכן טראָגן דעם נאָפּט אויף זיך; אויב אַזוי, וואָס זענען די פיס מער מורינו פאַר די הענט, — וואָס דאַרפן זיך מטפל זיין מיט אים? און פאַר די פּלייצעס, — וואָס וועלן אים ברויכן טראָגן? און אַז מ'זאָל אַלע אברים וועלן געניגן־טון: די הענט זאָלן נישט טון, די פּלייצעס נישט טראָגן, די פיס נישט גיין, — האָבן זיי דאָך, לכתחילה, זיך גאָר נישט גע־טאָרט אַריינלאָזן אינעם גאַנצן מסחר? און דעריבער דהאָט מען קיין דבר אחר נישט געטאָרט זיין, אַז מ'זאָל זיך איינרעדן: צו קענען רחמנות האָבן אויף זיך, און געמוזט גיין.

דער ווינט האָט געריסן שטיקער, פּשוט, — אַוועקגעלייגט צו דער ערד; אַ ביסל האָט אויך דער שניי ב'טויט געמאַכט מיט זיינע משוגענע קינצן, און ס'איז זיך נאָך, פונדעסטוועגן, — געגאַנגען; בלויז דאָס וואָס זיי ברענגען זיך איין אויפן פאָרן (פון עסן רעדט מע נישט), — האָט מען שוין אַזוי ווי געהאַט פאַראיבעריקט, און ס'איז געבליבן אין קעשענע.

אַז מ'איז זיך שוין געהאַט אָנגעגאַנגען, און געווען גוט אַדורכגע־נומען מיטן ווינט; נישט געקענט רירן מיט די פיס, וואָס זענען געווען ווי שטיינער; האָט מען זיך שוין לענגער נישט געקענט איינהאַלטן, אַז מ'זאָל נישט אויסגיסן ס'האַרץ איינער פאַרן אַנדערן:

— ווען די בעלי־עגלות, געהרגעט זאָלן זיי נישט ווערן, — זאָלן נישט וועלן שינדן די הויט; און פאַר די צוויי מייל זיך הייסן געבן גאַנצע הונדערט מאַרק, — וואָלט מע דאָך פאַרשפּאָרט אַזוי אויסגעריסן צו ווערן?

האָט זיך אָנגערופן חיים־דוד:

— ווען זיי זאָלן אפילו נעמען ווייניקער, — וואָלט אויך געווען אַ שאָד יעדער גראָשן, וואָס מ'זאָל זיי געבן; וואָרן, מ'קען דען וויסן: צי אין מאָגילעוו האָט נישט דער נאַפּט אויך אָפּגעברענט? און צו וואָס זאָל מע לייגן ס'לעבעדיקע אויפן טויטן? איי, די פיס? מילא, אין דער היים וואָלטן זיי נישט, אַלצאיינס, — אויף זיי געברויכט אַרומצוגיין?

האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער ייד, נישט קיין קלענערער חכם פון אים:

— ווי קען מע בכלל נעמען די בעלי־עגלות אין מויל אַריין, — אַז זיי פֿאָרן ערשט אַצינד אַרויס פֿון באָגריע, נאָך וואָרימס; און דעמאָלט דאַרפֿן זיי שוין זיין אין מאָגיכעוו, און וויסן: וואו זיי האַלטן אין דער וועלט? באַצאָלן, און דערצו אָנקומען נאָך הבדלה?

און ס'איז געבליבן, בהסכם כולם:

— אויב מ'זאָל מזלדיק אַריינטרעפֿן, און קריגן נאָפֿט ביליק, — אַזוי וועט מען שוין צוריק־וועגס יאָ פֿאָרן; נישט וועלן אַראָפּשלינגען די גאַנצע בייגל״, און אויף אַ מאָל רייך ווערן; מען קען די פּיס אויך נישט איינגאַנצן אָוועקמאַכן מיט די הענט...

אַריינקומענדיק קיין מאָגיכעוו, האָבן זיי זיך, ראשית, אָוועקגעלאָזט אַ טאָפּ־טון דעבב דופּק ביים נאָפֿט, און צו זייער גרויסער פֿרייד, געזען: אַז דאָ האָט אים נאָך, לערך עתה, — דאָס פֿייער נישט אָנגעצינדען; נאָפֿט איז מיט וואַסער צוגלייך; אַזוי האָבן זיי זיך גלייך געהייסן אָנגיסן די דריי בייַנקעס, און זיך, תוך כדי דיבור, אָפּגעגעסן ס'האַרץ: הלמאַי, זיי האָבן געהאַט מיטצונעמען אַזוינע קליינע בייַנקעס! אַז מ'זאָל אַזוי קענען אַריבערקריגן קיין באָגריע דריי גאַנצע פֿעסער מיט נאָפֿט, כ״בע, — וואָלטן זיי געקענט ווערן די רייכסטע לייט אין באָגריע; ווער פֿאַרמאָגט דאָס אין באָגריע דריי פֿעסער מיט נאָפֿט?

פֿון גרויס גדולה וואָס זיי דהאָבן אַזוי גוט אַריינגעטראָפֿן מיטן נאָפֿט, — זענען זיי אַריין אין אַ גאָרקיך, געלייגט טלית און תפֿילין, און זיך געהייסן געבן עפּעס אויף איבערצובייסן, — מ'קען דאָך נישט זיין איינגאַנצן אויף צו להכעיס מיט זיך? און זיך באַקלערט: אַז ס'וועט זיין געשייטער, וואָס גיכער צו גיין אַ היים מיט דעם אוצר, וואָס זיי האָבן אין די בייַנקעס; זיי וואָלטן שוין איצט באַשטאַנען, — צוריק צו פֿאָרן מיט אים; וואָרן, ראשית: איז שוין נישט געווען דער כח פֿון פֿריער, — אויף צוריק צו גיין; און, צווייטענס, האָט מען בכלל באַדאַרפֿט זען וואָס גיכער אַהיים צוקומען מיט דער מציאה; אויב נישט, קענען נאָך אַנדערע, און אויך אַזוינע חכמים ווי זיי, וואָס זענען געלאָפֿן זוכן נאָפֿט אין דער וועלט אַריין, — דאָס ברענגען צוגלייך מיט זיי; און דעמאָלט, אַז אַ האַלבע שטאָט יידן וועט מיט אַ מאָל אָנברענגען נאָפֿט, — האָט אַ ברירה פֿון אים צוריק צו ווערן וואַסער... וועט ער נישט האָבן געברענט... צו וואָס טויג עס ווידער. איינגאַנצן?

נאָר אַזוי ווי די באַגריער פירן, האָבן זיי געוואוסט, — גייען ערשט איצט פון דאָרטן אַרויס; און דאָ שטייך, וואַרטן: ביז זיי וועלן אַריינקומען, איבערפאַשען, אויפנעמען פאַרשוינען, — איז דאָס אַן עסק ביז נאַכט; און ביי נאַכט, ווידער, — איז גלאַט אַ סכנה צו פאָרן; נישט מדחמת גזלנים, וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, קענען גזלנים מער צונעמען ביי אַזוינע דריי יידן, — ווי די נשמה? נאָר, פשוט, פאַר די זשאַנדאַרן, וואָס גייען ביי נאַכט אַרויס היטן די וועגן פאַר גנבים און גזלנים, און האָבן דורכאויס אין זינען אַזוינע יידן, וואָס טראָגן נאַפט, גרויפּן, קאַשע, ליכט, מילך מיט טינט, — פון איין שטאָט אין דער אַנדערער; און זיי האָבן זיך, באין ברירה, — געלאָזט גיין אַהיים, די דריי יידן, ווי אַזוי ס׳זאָל נישט זיין: די גאַנצע וועלט איז זייער, — וואָס זיי גייען כאָטש נישט ליידיק, און האָבן עפּעס אויף זיך צו טראָגן; כאָטש די זון איז שוין נישט געווען, אַז זי זאָל וואַרימען, — און די פראָסט האָט געקנאַקט, די פינגער אונטער די נעגעל האָבן געפרירט, — איז זיך אַלץ געגאַנגען; די דריי ביינקעס נאַפט, וואָס האָבן זיי צוגע־לייגט, — האָבן אויך געהאַט אַ מעלה: וואָס זיי האָבן געוואַרימט. און נאָך אַ גליק: דער ווינט איז געווען פון די היגטן, און ער האָט זיי אונ־טערגעטריבן, — ווען זיי וואָלטן זיך געפוילט, אָדער נישט געקענט גיין, ווייל די פיס זענען שוין ווייט נישט געווען די זעלביקע ווי אין דער פרי, און האָבן שפּאַר אונטערגעהינקען, — ביים ווינט האָבן זיי גע־מוזט גיין.

דער טאָג האָט זיך דערווייל באַוויזן אַריבערצוריקן אויף דער אַנדערע זייט; דאָס האָט מען דייטלעך געקענט זען אויפן הימל, — וואָס האָט אָנגעהויבן טונקלען; זיי זענען שוין אָנגעגאַנגען אַ מהלך, און נישט מער געהאַט פאַר זיך ווי דאָס שוואַרצע וועלדל, וואו ס׳איז אַלע מאָל אַ סכנה, — און זיך אָנגענומען מיט קוראַזש: „אַז מ׳וועט דאָס איבערקומען, — וועט מען שוין זיין אין באַגריע; צוריק אין באַגריע, און מיט נאַפט...״ פון יענער זייט וועלדל, אַז מ׳קומט אַריבער, — קען מען שוין זען פלעמלעך, פלעמלעך אין פיר עקעכדיקע רעמלעך... און ווי זיי האָבן דעם ערשטן טריט געטון אין אים, — איז זיי אַרויסגע־קומען אַנטקעגן אַ גוי, טאַקע מיט אַ קנעפּל, וואָס האָט דורכאויס געהיטן די גזלנים, און זיך גאָר גענומען צו זיי:

— שטייטס, יידעלעך; וואָס טראָגט איר דאָ אין די זעק, — וואָס איר גייט אַזוי איינגעבויגן אונטער זיי?

די יידן זענען געבליבן שטיין, — אַ ברירה האָבן זיי געהאַט? און די נשמות זענען ביי זיי שיעור נישט אַרויס; „נאַ דיר אַזאַ משלחת אויף זייערע קעפּ!" און איידער דער גוי האָט אויף זיי אויפגעמאַכט אַ מויל, — האָבן זיי אין איין ציטערניש, אַראָפּגענומען די זעק פון די פּלייצעס; און אַז דער ייד'ן פונעם נאַפּט, איז אים אין דער נאָז אַריין, — האָט ער זיך גענומען צאַפּלען:

— וואָס? נאַפּט פירט איר? וואוהין?

— קיין באַגריע! — האָבן זיך הענט און פיס אונטער זיי געוואָרפן.

— פון וואַנעט?

— פון מאַניכעוו.

— פון מאַניכעוו קיין באַגריע, נאַפּט?

— איז, מה רעש? — זיך גענומען בעטן ביי אים, — וואָס קומט דאָ אַזוי צו שרייען? ס'איז נאָך גענוג פאַרבליבן אין מאַניכעוו, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן צו בלייבן זיצן אין דער פינצטער? און אַז יאָ, גייט עס דיר אַזוי שטאַרק אין לעבן? נאַ דיר עפּעס אין דער האַנט אַריין, און קוק אַוועק; ווער בלינד און זע נישט...

דער גוי מיט דער שווערד: אַ היצל, אַ רשע, אַ שונא־ישראל, וואָס וואָלט אים געקענט אַרן: אַז די דריי יידן, אָרימעלייט, — ווען אַריינברענגען די דריי ביינקעס נאַפּט קיין באַגריע? און ביי זיי פאַרדינען אויף שבת? ניין! און זיי געדרייסן פאַרקירעוון אויף צוריק; אים צוריק טראָגן, פון וואַנעט זיי האָבן אים גענומען.

— סטייטש? היתכן? — ווערן די יידן דערציטערט, — ס'איז ביי דיר אַ שפּיל־כלי? צו גיין קיין מאַניכעוו אויף אַזאַ ביטערע קעלט? און דאָס: נישט צום ערשטן, נישט צום צווייטן, נאָר צום דריטן מאָל אין דעם איינעם טאָג? און נאָך טראָגן די משא אויף זיך?

דער גוי וויל נישט הערן:

— נאָר קיין מאַניכעוו זאָל מען אים צוריקטראָגן, פון וואַנעט זיי האָבן אים גענומען.

— נעם דיר אַוועק דעם נאַפּט, אַזוי ווי ער גייט און שטייט, און לאָז אַרויס פונעם עסק; איז נישט דערויס... פאַרפאַלן... וואָס קען מע

טון? יידן האָבן געוואַלט פאַרדינגען אויף שבת, און באַשטאַנען פאַר דאָס אויסגעריסן צו ווערן; נאָר אַז ס׳איז אים אויבן ליב, — מוז זיי זיין ניחא... אָבער צוריקטראָגן אים קיין מאַניכעוו, איז דאָך, פּשוט, סכנות נפשות...

דער גוי וויל נישט וויסן:

— אויב זיי וועלן נישט גיין מיט גוטן, — זאָגט ער, — גייט ער פייפן אויפן פּאַטרול.

און געמוזט, באין ברירה, פאַרקאַטשען די פּאָלעס, און זיך נעמען גיין צוריק; וואָס דאַרפן זיי נאָך אַריינכאַפּן עטליכע קאָלבעס פונעם פּאַטרול? דאָס פעלט זיי אויס צום משא־מתן? דער גוי שלאָגט כאָטש נישט. די קעלט איז איצט שוין געוואָרן גאָר אויף אַ מדרגה; דער ווינט, וועלכן, זיי האָבן צוריקגעקריגן אין פּנים אַריין, — האָט גע־שניטן ווי מיט מעסערס; זיי עס אָפּגעשיילט; אָבער, וואָס קען מען טון? מע מוז גיין, ווען מ׳קען, נישט נאָר אויף גאַנצע פיס, נאָר אויך אויף אונטערגעהאַקטע פיס; ס׳קרענקט אָרגטלעך: ווייניק, וואָס מ׳איז שוין געוואָרן אַ תּחום שבת פון דער היים, און זיך באַלד געקענט אַריינ־לייגן אין אַ וואַרים בעט מיט בעט־געוואַנט, זיך אויסוואַרימען די גלידער, און מיט אַ מנוחהדיקן קאָפּ; מ׳האָט געמאַכט אויף שבת... מוז מען, אויף דער קרירה, ערשט אויפסנייע אָנהייבן גיין, און וואוהין? געוואַלט, קיין מאַניכעוו! שוין גאָרנישט טראַכטן פונעם ריווח, נאָר פונעם קרן, — ווי אַזוי אים דאָ אָפּצוראַטעווען? און, ווער ווייסט, — מיט וואָס מ׳וועט זיי נאָך דאָ מכבד זיין צום קרן? ס׳אַרא לאַטע מ׳וועט זיי צולייגן?

האָט זיך מיישב געווען חיים־דוד:

— וואָס ברויך ער זיך אונטערייסן ס׳הארץ ביים טראָגן די ביינקע מיט נאַפט, — אַז מ׳וועט זי דאָך, סיי־ווי ביי אים אָוועקנעמען...

און אַזוי ווי ס׳איז געוואָרן פינצטער, האָט ער אַרויסגעצויגן דעם קאָרק פון דער ביינקע, און ס׳האָט נישט געדויערט קיין צוויי־דריי מינוט, — האָט ער געהאַט ליגן דעם נאַפט זיינעם, אויפן שאָסיי; קודם כּל, האָט ער אָצינד גיכער געקענט אויסגלייכן די פּלייצע; אָבער, ער האָט דאָס נישט געטון מיט אַלעם, צוליב די אַנדערע צוויי יידן, — אַזוי האָט ער ווייטער געשלעפּט די פיס, געקראַכן, — ער האָט אַן

דער ביינקע נאַפּט, אויך געהאַט פּאַרוואָס צו גיין איינגעבויגן; די אַנדערע צוויי יידן איז, נעבעך, גאָר געוועזן צום טויט; זיי האָבן נאָכ־אַנאַנד געקרעכצט, און זיך געבראָכן אונטער די שווערע משא, ביז זיי זיינען אָנגעקומען, גישט טויט און נישט לעבעדיק, — אין ק״ק מאַניכעוו, וואו דער גוי האָט זיי פאַרקירעוועט אין דעם חסידים־שטובל זיינעם; און דאָ האָט זיך ערשט אויפגעהויבן אַ טומל, אַ גערויש, צווישן דעם געהיגעטכץ:

— מ׳האָט געכאַפּט יידן; מי יודע, וואָס זיי האָבן דאָ געטראָגן: פּיראָקסילין! באָמבעס! דינאַמיט! גראַנאַטן! אַדער גאָר אַנדערע געפערליכע אויפרייס מאַטעריאַלן; זיי האָבן, נישט מער און נישט ווייניקער, — ווי געוואָלט אַרויספירן נאַפּט פון דער שטאָט? איר הערט?

מ׳רופט צו דעם ערשטן ייד, און מ׳פרעגט ביי אים:

— וואָס האָסטו דאָ, אין דער ביינקע?

זאָגט ער, מיט אַן צוראַפּגעלאָזטן קאָפּ:

— נאַפּט.

גוט; צוגענומען אים; הונדערט מאַרק אים נאָך צוגעלייגט אַ לאַטע, און גיי לחיים ולשלום, — מיט אַ פּוס אונטערן אָרעם.

מ׳קומט צום צווייטן ייד:

— וואָס האָסטו?

די אייגענע מעשה.

צוגענומען דעם נאַפּט, און פאַר אַ צולאָג זיך געהייסן געבן הונדערט מאַרק; אַ קאַפּע אין הינטן אַריין, און אַ וואָרף אַרויס.

אַז ס׳איז געקומען צום דריטן:

— וואָס האָסטו?

האָט ער זיך צעוויינט, חיים־דוד:

— גאַרנישט, דהאַר־לעבן; אַ ליידיקע ביינקע; כ׳האָב אויך געוואָלט אַרויספירן נאַפּט, נאָר איך האָב מורא געהאַט, ווייל כ׳ווייס, — אַז מ׳טאָר נישט...

האָט מען אים אָנגעזאָגט אַ פּסוק מיט אַ שטעקן; און דערלאַנגט אַזאַ קאַפּע פון הינטן, ווי פאַר כעס: וואָס מ׳האָט נישט געהאַט ביי אים צוצונעמען קיין נאַפּט, און מ׳קען אים נישט צולייגן אַ לאַטע אויף הונדערט מאַרק, — אַז ער איז געפלויגן ווי אַ פּילקע אין דרויסן אַרויס.

ליגענדיק אין דער אכסניה, אויף דער האַרטער באַנק, וואו ער האָט זיך דערנאָך אויפגעטייעט פון דער ביטערער קעלט; און נישט געשפּירט קיין איין גאַנץ אבר אין זיך, — האָט ער באַרעכנט, חיים־דוד, דעם מסחר זיינעם, און ווי ער האָט אָפּגעשניטן ביי אים:

— ראשית: זיך נישט אָפּגעריסן ס׳לעבן ביים צוריקטראָגן דעם נאַפּט; והשנית, — זיך איינגעשפּאָרט די הונדערט מאַרק שטראָף; און, והשלישית: די לײידיקע ביינקע, וואָס ער וועט אַצינד אַהיימ־ברענגען, איז דאָך אויך אַ מציאָה, אין ברודער דעם אַנדערן, — צוויי הונדערט און פּיפציק מאַרק?

אַ מעשה מיט מעל
און מיט זעלנער

באָגריע איז איבער אַ נאַכט פאַרפלייצט געוואָרן מיט זעלנער; און אויב זעלנער, — האָבן זיי דאָך, אָן שום עין הרע, עפּעס באַדאַרפט לייגן אין מויל אַריין; האָט מען זיי, קודם אַרויסגעטראָגן פון אַלעם וואָס ס׳האָט זיך נאָר געפינען אין די הייזער און אין די געוועלבער; נאָר, אַז דאָס האָט אָבער נישט מער געקלעקט ווי אויף אײן צאָן? און עס זענען פאַראיבער עטליכע שעה, איז שוין באָגריע געווען אויסגעפרעסן, כלחוך השור, — מ׳האָט פון איר די קלאָים נישט אַרויסגעזען; און דאָ לויפן אַרום די זעלנער ווי פאַרסמט, און בעטן זיך אַ ברויט; אַ שטיקל ברויט אין מויל אַרײַן צו נעמען; נאָכדערצו, — אַז זיי ווילן נישט בחנם; זיי שטיפן ס׳געלט אין דער האַנט אַרײַן. נו, וועט אַזאַ שטאָט ווי באַגריע, וואָס איז, קיין עין הרע, אָנגעפּראָפּט מיט יידן, — בלײַבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און קוקן אין הימל אַרײַן? לאַ די, וואָס מ׳איז מקיים אַ מצוה: מ׳גיט אָנצועסן הונגעריקע מענטשן; און נישט גלאַט קיין מענטשן, נאָר אַזוינע, וואָס גייען אויף דער מלחמה, — קען מען בײַ זיי אָפּלעקן אַ פּעט בײַנדל אויך; ס׳הייסט: נישט בלויז זיך אָפּלייזן ס׳לעבן פון די הונגעריקע זעלנערס ביקסן מיט זייערע קאָלבעס, — נאָר ס׳זאָל עפּעס אויך אַרויסקומען; וואָרן, אַ זעלנער, אַז ער גייט אין דער מלחמה אַרײַן, און מ׳האָט אים נישט צו געבן גאָר אין מויל אַרײַן (וואָס עפּעס גראָד אַ זעלנער? און סתם אַ מענטש?), ווערט פון אים אַ דזיה, אַ חיה רעה, בײַ וועלכע מ׳קען זײַן אײַנגעשטעלט מיטן שטיקל לעבן.

דהאָט זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ באָגריע, און זיך אַוועקגעלאָזט, פון קליין ביז גרויס, — אין די מרחקים (וואָס קען הייסן בײַ אַ באָגריער ייד: מרחקים? מאַניכעוו!), — זוכן מעל, אַז מ׳זאָל האָבן פון וואָס צו באַקן ברויט פאַרן מיליטער, וואָס איז צו זיי צוגעקומען אויף דער מלחמה...

און אַז זיי זײַנען אָנגעקומען קיין מאַניכעוו, וואו קיין חיל איז גראָד נישט געווען לרוב, און מעל — גענוג און איבעריק; און זיך גענומען

אַנדערצײלן פון די וואונדער, — וואָס אַזוינס ס׳טוט זיך אין באָגריע, אין זײער באָגריע? האָט מען אויפגעשטעלט מויל און אויערן, און זיך דאָס נישט געוואָלט צוגלייבן:

— אַז זעלבער, און נאָכדערצו אַזוינע וואָס גייען אויף דער מלחמה,

— זאָלן נישט שעכטן, רויבן, נאָר זיך אויפירן אָרנטלעך, און באַצאָלן פאַרן ברויט וואָס מ׳גיט זײ? ס׳קען נישט זײן! נישטאָ אַזוינע זעלנער אויף דער וועלט!

און פאַרדאָס, אַז ס׳איז געקומען צו מסחר: וואָס ס׳הערט זיך מכה מעל? האָבן די ייִדן אין מאַניכעוו זײ גענומען אויפן גאַנצן זיכער; וואָרן, אַזוי ווי איר ווייסט: אַז ווייבער האָבן לאַנגע האָר און אַ קורצן שכל, — האָבן די באָגריער ייִדן, זײ זאָלן מאריך ימים זײן, — גרויסע מײלער מיט נישט קײן קלײנע צינגער; און דערמיט וואָס זײ האָבן צופיל גערעדט, אָדער גערעדט אַזוינס וואָס מ׳באַדאַרף נישט, — זיך אַלײן קאַליע געמאַכט.

— וואָס, איר ווילט קויפן מעל? מהיכא תיתי; וויפיל, אַ שטײגער — קענט איר צאָלן?

— וואָס הײסט, וויפיל מ׳קען צאָלן? — פרעגן די באָגריער ייִדן,

— ס׳אי דען עפעס טײערער געוואָרן פאַר נעכטן און אײערנעכטן, אַז מ׳זאָל זיך ברויכן פרעגן: וויפיל מ׳וועט צאָלן?

— טאַקע דערפאַר, ווייל ס׳אי נישט טײערער געוואָרן, — זאָגן די ייִדן פון מאַניכעוו, — נאָר ווייל ס׳זענען צו איך אין באָגריע אָנגעקומען אַזוינע טײערע זעלנער: וואָס שעכטן נישט, קוילען נישט, און ווילן באַצאָלן פאַרן ברויט, און נישט צו אונדז, קײן מאַניכעוו, — ווילן זײ פאַרדאָס דהאָבן מער...

קען מען עפעס האָבן צו זײ?

— ס׳הײסט? דאָס וועט דאָך מאַכן, — אַז זײ זאָלן זיך יאָ נעמען שעכטן, און קוילען, אַז מ׳וועט בײ זײ וועלן נעמען מער?

— און מיט וויפיל, מער? — קוקן די באָגריער ייִדן זײ אין די אויגן אַרײן.

— כע־כע־כע, — לאַכן די חכמים פון מאַניכעוו, — מ׳וואָלט געוואָלט אַזוי פיל, אַז ס׳זאָל אויסקומען ווי בײדע: ס׳געלט מיטן מעל! נאָר אַזוי ווי דאָס איז דאָך נישט קײן מעגלעכע זאַך; אַז זײ זאָלן צונעמען ס׳געלט, און נישט ברויכן געבן קײן מעל, — כאָטש ס׳איז

מלחמה; ווילן זיי כאַטש צוויי מאָל אַזוי פיל ווי מ׳האָט פריער געוואָלט, אײדער זיי זענען געקומען זיך נאָכפרעגן דערויף...

בלייבן די באַגריער יידן טויט:

— הירתּכן? ווי האָט מע נישט קיין גאָט אין האַרץ?

גאָר, וואָס ברויכן זיי האָבן אַ גאָט אין האַרץ, די יידן פון מאַניכעוו,

— אַז זיי ווילן בעסער האָבן ס׳געלט אין קעשענע.

— איר ברויכט האָבן מעל, — טענהן זיי, — באַצאָלטס!

— יאָ, באַצאָלן, — פּרואוון זיי די באַגריער יידן צו געבן צו פאַרשטיין, — פאַרוואָס? פאַר מעל? וואָס איז עס, — שניט־סחורה? ייִדנוואַרג? אַז מ׳וועט זיך הייסן געבן מיט אַ גראָשן אַנדער צוויי טייערער אויפן פונט ברויט, און נאָכדערצו ביי אַ זעלנער, — וועט מען דאָך זיין איינגעשטעלט מיטן לעבן.

לאָכן די יידן, די סוחרים, פון מאַניכעוו; ווייל זיי ווייסן גוט, דאָס אויב מ׳וועט ביי זיי אָנבייסן, ביי די באַגריער: איין אויער, וועלן זיי ווידער, ביי וועמען ס׳זאָל נישט זיין, — אָנבייסן ביידע אויערן; און אַז מ׳וועט ביי זיי נעמען איין צאָן, איז, אסור, — יענע מקנא צו זיין מיטן גאַנצן מויל ציין.

און דערביי גאָרנישט באַרעכנט: אַז זיי קומט אויס צו האַנדלען מיט אייגענע, — מיט יידן; זאָל זיין, מיט באַגריער יידן; און מ׳קען זיך דינגען: אַהער, אַהין, — אויסטענדהן זיך; אָבער מ׳קען דאָס נישט מיט קיין זעלנער, ביי וועלכע מע ברויך מער רעדן צו דער ביקס ווי צו אים; און די ביקס האָט זייער ווייניק פאַרשטאַנד...

בקיצור, די באַגריער יידן האָבן זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, און ס׳איז זיי גאָר קנאַפּ אַרויסגעקומען פון זייער דרייען זיך; זיי האָבן געוויינט און געצײלט; ס׳האָט נישט געטאָרט פעלן קיין פרוטה פון דעם, וואָס יענע האָבן געבעטן, דאָס איינע, וואָס זיי האָבן זיך געטרייסט:

— אַז מ׳וועט גאָר דערלעבן אַהיימצוקומען בשלום מיטן מעל, — וועט מע דענצמאָל לערנען בלק מיט באַגריע; נישט קוקן: וואָס ס׳זענען זעלנער, און מיט ביקסן, — מ׳וועט זיי הייסן משלמען; אויב זיי וועלן וועלן עסן ברויט, און נישט קיין שטיינער, — וועלן זיי ברויכן אויפבינדן דעם בייטל; און אַרויסגראָבן פון אים די גראָבע אפּותיקא...

נאָר וואָס טוט אָבער די מלחמדה, זאָל לעבן? דער ייִד טראַכט, און נאָך אַ באָגריער ייִד דערצו, און זי לאַכט:

— איר האָט שוין אָנגעכאַפּט דעם רבונו של עולם ביי דער באָרד?

און אַזוי ווי זיי זענען אַדורכגעקומען מיטן מסחר, — זיך איינגעקויפט דאָס מעל, האָט מען דאָך געמוזט טון טראַכטן:

— ווי אַזוי דאָס אַריבערצובערענגען אַ היים, קיין באָגריע?

לכתחילה, אויך אַ נאַרישקייט; מ׳נעמט, און מע דינגט פירן, און, — מ׳פאָרט; אָבער, במה דברים אמורים, — אַז ס׳איז קיין מלחמה נישט; און, אַז ס׳איז געקומען צו בעלי־עגלות, — דאָ האָבן ערשט די באָגריער ייִדן געקריגן צו וויסן, וואו גאָט וואוינט! וואָרן, אַ סוחר, אַז ער האָט גענומען די לעבער, — האָט ער זי כאָטש גענומען אויפן סוחרישן שטייגער; אָבער, אַ בעל־עגלה? אַ בעל־עגלדה, ווייסט נישט פון קיין חכמורת! ברויכסט אים, — באַצאָל; וויפיל? ס׳האָט נישט קיין שיעור! פאַר יעדן זעקל מעל, — וויפיל ס׳באַטרעפט; און, באַזונדער: פאַרן פערד מיטן וואָגן, און זיך ערשט נישט פריער רירן, — ביז מ׳וועט אים אויפציילן ס׳געלט אויפן טיש.

— ס׳טייטש? היתכן? ווי האָט מע דאָס נישט קיין גאָט אין האַרץ? (ווידער מיט גאָט אין האַרץ!)

נאָר גיי, רעד צו דער וואַנט! אַ בעל־עגלה דרייט זיך אויס צו דיר מיטן הינטן; און אַז ער דרייט זיך נישט אויס, — איז אויך נישטאָ מיט וועמען צו רעדן; אַז ער האָט אָפּגעזאָגט איז אָפּגעזאָגט.

דהאָבן די באָגריער ייִדן פאַרבראַכן די הענט:

— ווען זיי זאָלן עס געוועזן וויסן פריער, — זיך אפשר געוועזן מיישב זיין: „זייער כפרה איז עס!״ און נישט געקויפט דאָס מעל; און אַז זיי האָבן שוין אָבער געהאָט ליגן דעם פּגר איבער זיך, און די ייִדן פון מאָניכעוו, — ווידער, זייער נישט קיין חשק געהאַט אומצוקערן ס׳געלט; אַזוי האָבן זיי שוין געמוזט אַריינקלערן, — ווי אַזוי אים אויפצורוימען?

און ווי זאָגט יענער:

— אַז מ׳הענגט ביי די פיס, — זאָל מען שוין אויכעט הענגען ביים קאָפּ.

באַצאָלט די בעלי־עגלות: וויפיל זיי האָבן נאָר אַליין געוואָלט, און אויב ס׳האָט נאָך מער אויסגעמאַכט ווי זיי האָבן געוואָלט, —

וואָס האָבן זיי געקענט טון? אַבי מ׳האָט אויפגעלעגט דאָס מעל אויף די פירן, און זיך, מיט מזל, אַרויסגערירט דערמיט קיין באַגריע.

איבערן גאַנצן וועג האָבן זיך געצויגן די וועגעלעך מיט מעל, ווי איין לאַנגער וואָגן; אונדזערע באַגריער יידעלעך זענען נאָך זיי נאָכגעגאַנגען, און האָבן געקרעכצט; געשאָלטן די בעלי־עגלות און געקרעכצט; געשאָלטן די סוחרים און געקרעכצט; און קרעכצנדיק זיך גענומען אין זינען אַריין:

— אם ירצה השם, און נאָך אַ מאָל: אם ירצה השם, אַז מ׳וועט דערלעבן צו קומען אַ היים, — וועט מען זיך שוין פאַר דעם אַלעם אָפּרעכענען; זיך הייסן געבן פאַר צער, רפוי, שבת ובושת... הן פאַרן פאָרן, הן פאַרן פאַרשוואַרצט ווערן, הן פאַר די גאַלדריקעניש פון אַרום און אַרום: די יידן סוחרים, די יידן בעלי־עגלות...

און מיט אַזוינע, און ענליכע צו אַזוינע רעיונות, — אָנגעקומען מיט די וועגעלעך מעל קיין באַגריע; דאָ זענען די באַגריער בעקערס, וואָס האָבן אויף זיי אַרויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן, — זיי באַפאַלן ווי די פליגן, און געוואָלט צעכאַפּן ס׳מעל אויפן אָרט; אָבער די באַגריער יידן האָבן זיי גלייך געגעבן איבער די הענט:

— אַז מ׳כאַפּט, — בריט מען זיך; ס׳איז גישט קיין הייסע לאָקשן.

— הייסט? די זעלנער שרייען גוואַלט: ברויט! זיי רייסן שטיקער...

דערציילן די באַגריער יידן זיי די מעשה:

— אַז אַ זעקל מעל ברויך קאָסטן... וויפיל ברויך אַ זעקל מעל צו קאָסטן? זיבן מאָל אַזוי פיל ווי פריער, — אַז מ׳זאָל דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט, אויף דעם אַרויפרעכענען?

— אַזוי, די מעשה?

האָבן זיך די יידן בעקערס, דערפון אָוועקגעריקט:

— אַז מ׳וועט זאָגן צו אַ זעלנער: ער זאָל געבן זיבן מאָל אַזוי פיל פאַר אַ ברויט, ווי מ׳האָט נעכטן ביי אים גענומען, — וועט ער דען געבן? נישט מער, ווי ער וועט אַריינפּאַלן אין דער רציחה: „וואָס? ווייל ער איז אויף דער מלחמה, — גייט מען אים דאָ ראַבירן? (גאָר אַ פאַרקערטע מעשה) און דערפאַר אים דעם קאָפּ צעשפּאַלטן! און נישט, וואָס ס׳וועט אים גאָרנישט קומען דערפאַר, — נאָר אים נאָך געבן גערעכט.

און זיך בעסער אויסגעקליבן: דאָס איידער צו ווען נעמען מער, וואָס מ'וועט סיי־ווי נישט געבן, — איינגאַנצן נישט צו באַקן; און אַז די בעקערס האָבן נישט געבאַקן, און די זעלנער זענען אַרומגעלאָפן ווי פאַרסמט: „גיט אונדז ברויט, יידעלעך, — מיר וועלן אייך באַצאָלן!", און מ'האָט זיי טאַקע קיין ברויט נישט געהאַט צו געבן, אַפילו פאַר קיין געלט, — אַזוי איז מען געקומען נאָכקוקן: „וואָס ס'אי די מעשה? פאַרוואָס די בעקערס באַקן נישט? און ס'איז קיין ברויט נישטאָ?"

האָבן די בעקערס געזאָגט:

— אַז זיי זענען נישט ביכולת צו געבן זיבן מאָל אַזוי פיל פאַרן מעל, — און זיך הייסן געבן זיבן מאָל אַזוי פיל פאַרן ברויט?

איז מען געגאַנגען צו די גרויסע יידן, סוחרים:

— פאַרוואָס זיי הייסן זיך עפּעס געבן זיבן מאָל אַזוי פיל פאַרן מעל?

האָבן די גרויסע יידן, סוחרים, געענטפערט:

— ווייל זיי האָבן זעקס מאָל אַזוי פיל באַצאָלט פאַרן מעל, און ווילן נישט מער ווי ס'איינע זיבעטע מאָל דערביי פאַרדינען.

האָט מען נישט געוואוסט וואָס דאָ צו טון; און עס איז געבליבן, אַז מ'זאָל גיין צו דער מלחמה, פרעגן:

— וואָס זי, די מלחמה, האָט וועגן דעם צו זאָגן?

האָט די מלחמה געקנייטשט דעם שטערן, און צום סוף געפּסקנט:

— מ'זאָל ביי די גרויסע יידן, סוחרים, — צונעמען דאָס מעל איינגאַנצן אָן געלט.

האָבן די גרויסע יידן, סוחרים, געהאַט גרויס תרעומות: קודם כל, — אויף די בעלי־עגלות, וואָס האָבן ביי זיי צוגענומען דאָס געלט מיטן לעבן; דערנאָך, ווידער, אויף די מאָגיכעוווער יידן, פאַרברענט זאָלן זיי נישט ווערן, — וואָס האָבן דאָס גורם געווען, און די גאַנצע חתונה אויפגעשפּילט: פאַרוואָס יענע האָבן געזאָלט אַריינלייגן ס'געלט אין קעשענע, ווי קיינמאָל גאָרנישט, — און זיי, וואָס זענען דאָ, נעבעך, גאָט די נשמה שולדיק, — איינעמען אַזאַ וויסטן און ביטערן סוף, וואָס זיי האָבן דורכאויס נישט באַדאַרפט איינצונעמען.

נאָר, אויף דערויף איז דאָך עפּעס מלחמה; וואָס איז, קיין עין־הרע, קלוג ווי דער קליגסטער ממזר; וועלכע מ'קען, מיר־נישט, דיר נישט, — אַריינגנאַרן אין זאַק אַריין; איז, ראשית: אַזוי ווי די בעלי־

עגלות האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אַ היים: „זיי זענען דאָס די גאַנצע בריות, און זיי האָבן דאָס אָנגעכאַפּט גאָט ביי דער באָרד!“, — איז זיי נאָכגעיאָגט אַנטקעגן געקומען אַ גאַנצער עשאַלאָן זעלנער, מיט זייערע פערד און וועגן: וואָס זענען געווען באַלייגט פון קאָפּ ביז די פיס, — אַז זיי האָבן זיך געבראָכן; און צענומען די הענט:

— הע? ביי אונדז איז סכנות נפשות: די וועגן ברעכן זיך, מע פאַרלירט אַראָפּ אַ העלפט פון זיי, — און דאָ פירט מען זיך אַרום מיט אַזוי פיל ליידיקע וועגענער; געשפּאַנט, מיט אויסגערוטע זאַטע פערד...

און אַרויפגעלייגט צו זיי אויף די פירן פון דעם גאַנצן כל טוב זייערן: קאָרטעטשן, ביקסן, שטרוי־זעק, טרומנעס, צלמים, — דער גוטער יאָר ווייסט; און זיך דאָס געדרייסן צופירן אויף די סאַמע ריכ־טיקע ערטער, וואו מ׳גיט פולווער צו שמעקן, — און מ׳קען זיך אָן דערין נישט באַגיין.

ס׳הייסט: זיי פאַרנומען אויף פאָדוואָדעס, אויף ווי לאַנג די מלחמה האַט אַ ברירה צו זיין.

האָט דאָס ווידער גוט געקרענקט די בעלי־עגלות:

— וואָס זיי זאָלן דאָ האָבן אַזוי מיאוס צאַפּגעשניטן: און די יידן, סוחרים, פון מאַניכעוו, — וואָס זענען שוין געווען זיכער: אַז זיי האָבן אָנגעכאַפּט גאָט ביי דער באָרד, — אָפּגעלעקט אַ ביין?

האָבן זיי זיך אויך בחנם געהאַט ס׳האַרץ אָפּצועסן; ווייל מיט דער מינוט וואָס די יידן פון מאַניכעוו האָבן געהאַט אַרויספאַרקויפט דאָס גאַנצע מעל פון דער שטאָט, — איז דאָך עפּעס מלחמה? האָט זי אויך אַ לאָז־געטון צו זיי מיליטער, און נישט ווייניקער אויך ווי קיין באַגריע, — וואָס איז זיך צעלאָפן איבער די געוועלבער מיט די הייזער, מיט דעם זעלביקן פּזמון:

— ברויט; מ׳זאָל זיי געבן ברויט; זיי ווילן דערפאַר באַצאָלן, — וויפיל מ׳וועט נאָר אַליין וועלן.

האָבן זיך די בעקערס אַרומגעקוקט: אַז זיי האָבן נישט קיין מעל פון וואָס צו באַקן...

זענען די זעלנער אַריין אין גרויס גרימצאָרן:

— ס׳הייסט, איר האָט נישט פון וואָס צו באַקן? וואָס האָט איר דאָ געטון מיטן מעל? מסתמא: עס, ווי געוויינטלעך, — באַהאַלטן, צי אויפגערוימט?

— נײן, — טענהן די בעקערס, — די ייִדן, סוחרים, האָבן עס אַרויספּאַרקויפט קײן באָגריע, — פאַר יענע זעלנער, וואָס זײ האָבן דאָרטן...

— הע ? יענע זעלנער האָט איר פאַרזאָרגט, — זײ געגומען שלאָגן מכות רצח, — און אײערע זאָלן נישט האָבן וואָס אין מויל אַרײַן צו נעמען ? ברויכן שטאַרבן פון הונגער ?

— וואָס פאַר אַ פינצטערע כאָליערע אויף אײערע קעפּ ? איר האָט נישט געוואוסט, — אַז ס'וועט צו אײַך אויך אָנקומען מיליטער, וואָס וועט ברויכן עסן ?

און זיך נישט באַגיגענט מיט דעם, וואָס די ייִדן, סוחרים, — האָבן אויסגעבראָכן ביז אײן גראָשן ; נאָר זײ נאָך פאַר דעם צוגענומען ביז אײנעם, אײן לאָך אַרײַן.

ווי פון בלאָטע
איז געוואָרן גאָלד

זלמן האָט געהאַט אַ זיכערע פּרנסה, נאָר מיטן ערשטן טאָג פון דער מלחמה, — איז זי אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט; אַזוי האָט ער זיך, ווי אַלע יידן, וואָס האָבן באַדאַרפט עסן, — געוואָרפן אויף אַלעם אין דער וועלט; און כאָטש ער איז פון אַל־עם אין דער וועלט נישט באַגליקט געוואָרן, — האָט ער כאָטש אַריינגעכאַפּט אויף אַזוי פיל, אַז פון קיין עסן אין דער שטוב, און פון אַ מלבוש אויפן לייב, — האָט נישט אויסגעפעלט, צו להכעיס דער מלחמה.

און ווי אַזוי ער איז געקומען צו געלט, געוואָרן אַ מלך בגדוד, — איז נישט מער געווען ווי אַ שטיקל פון דער מלחמה, וואָס זי האָט אים צוגעטון; פון וועלכן ער האָט, לכתחילה, באַדאַרפט אַרויס אָפּגעברענט, און עס האָט זיך אויסגעלאָזט, ווי ער אַליין זאָגט:

— ס'איז פונעם טינופת געוואָרן גאָלד.

מעשה שהיה: ער איז משוגע געוואָרן, ווי מ'האָט געזאָגט, — און געקויפט פּוטער; דאָס גאַנצע ביסל מזומנים, וואָס ער האָט פאַר־מאָגט, — אַריינגעבראַכט אין דער פּוטער; ערשט: נישט אין קיין ריכ־טיקע פּוטער, וואָס ווערט אויסגעשלאָגן פון סמעטענע, נאָר קאַקאָס־פּו־טער וואָס ווערט געמאַכט, אויב מ'זאָל גלייבן יענע וואָס מאַכן איר, — פון אַזוינע פּירות וואָס וואַקסן אויף ביימער; און אויב מ'זאָל נישט גלייבן, קען זיין, גאָט דער לעבעדיקער, ווייסט: פון סקורע, פון האָר, און פון וואָס נאָך פאַר אַ גוט יאָר... און פון די פּוטער, האָט ער גערעכנט, — איבער אַ נאַכט נתעשר ווערן... ווייל, ווי מ'האָט געשמועסט, וועט ווערן אַ דוחק אין פעטס... און, אגב, מיט וואָס האָט פּוטער געזאָלט זיין ערגער פאַר יעדע אַנדערע זאַך, וואָס ער האָט נישט געזאָלט קויפן: נעגעלעך, קרעגעלעך, זעגעלעך, — מיט וואָס יידן האָבן בכלל געהאַנדעלט בעת דער מלחמה?

לכתחילה: האָט זיך אים גאַרנישט אויסגעוויזן — אַז ס'זאָל עפּעס האָבן ממשות, די פּוטער; אַז מ'ליגט אַוועק צוואַנציק־דריי־סיק זאַק מעל, באַבעלעך, הירזש, וכדומה, — איז דאָס אַ טרוקענע

זאַך, און ס׳קען ליגן, — ווען אפילו ס׳זאָל ברויכן ליגן; פּוטער, אָבער, צעגייט אין דער האַנט, — און ס׳איז באַלד נישטאָ וואָס אָנצו־נעמען; ער האָט זיך, נעבעך, געגנוג געשלאָגן מיט דער דעה, און נישט געקענט אויסקומען מיט זיך אַליין; צי ער זאָל איר יאָ קויפן אָדער נישט קויפן? וואָרן, אַז מ׳האָט אים געזאָגט: כך־וכך, — האָט ער געענטפערט מיט אַ פּרייז, יענעם אַפּצושרעקן, און ער זאָל קריגן קאַלטע פּיס; זיך פּשוט געוואָלט אַזויערנאַך אַרויסדרייען פונעם מסחר; און גאָרנישט באַרעכנט: אַז יענער זאָל רציכף ומיד נעמען אָראָפּפאַלן פון אַזוי הויך, ממש בעטן: ער זאָל עפּעס דערלייגן, אַ שבוש, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט קאַליע מאַכן מיט דעם, וואָס ער וועט גלייך באַשטיין אויפן אָנגעבאָטענעם געלט, אַז ער וועט דאָס צוכאַפּן מיט בײדע הענט; און אַז זלמן האָט זיך ווידער, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען, — איינגעעקשנט, און באַשטאַנען אויף ס׳זייניקע:

— ניין; אַז ער וועט נישט דערלייגן גאָר, אפילו קיין האַלבע פּרוטה נישט...

האָט יענער, גלייך צוגעקלאַפּט צום עסק, און שוין; איבם געהאַלטן ביים וואָרט; איז דאַן זלמנען פינצטער געוואָרן אין די אויגן; מעשה סוחר, — האָט אים נישט געפּאַסט צו טענהן חרטה, און אַריינגעבראַקט אין איר אַלצדינג וואָס ער האָט פאַרמאָגט, ס׳גאַנצע ביסל מזומן; זיך אַהיימגענומען עטלעכע פּערציק קעסטלעך פּוטער, וויפיל ס׳איז דאָרט געווען, — אין דער שטוב אַריין; פאַרלייגט מיט איר ביז אונ־טערן באַלקן, און, זכה לו...

ס׳גייט פאַרביי אַ טאָג, און ער שטעקט אַרויס די נאָז אין גאַס אַריין, זען, בכלל זען:

— וואָס ס׳הערט זיך צווישן יידן?

און ער הערט, ווי איינער פרעגט ביים אַנדערן:

— וואָס האָסטו צו פאַרקויפן?

— וואָס האָסטו?

און אַז ס׳קומט צו אים, ער זאָגט:

— פּוטער.

גיט מען אַ שניפּ מיט דער נאָז, אַ הייב מיט די אַקסלען: „ס׳איז קיין סחורה נישט!“ און ער האָט שוין נישט מיט וועמען צו רעדן מער; ווערט אים נישט היימלעך, זלמנען; וואָרן, ביי די מסדרים, וואָס

פאַר אַן אַרטיקל מ׳זאָל זיך נישט איינהאַנדלען, — טאָר מען זיך לאַנג נישט דערכמענען; ווייל, אַ דרוק דעם וואָס מ׳האָט אַ קורץ איבערבעט, און מ׳קען נישט לאַנג אויסען האָבן קיין געלט אין אַ קראָם, — איז אויך נישט כדאי צו ריזיקירן; ס׳לוינט נישט... מ׳ברויך נאָר זען: אַז ס׳זאָל זיך אָפּטוישן, און אַנבייסן יעדעס מאָל, און ביי יעדע קראָם: אַ לעק, אַ שמעק, און, — ס׳זאָל הולכן; ווייטער גיין; צו אַ צווייטן, אַ דריטן, און אַפילו צו אַ צענטן; עס איז אויך רעכט: אַז מ׳זאָל דאָס אייגענע קרעמל צוריק אָפּקויפן אויפן דריטן טאָג, נאָכדעם ווי ס׳איז אַדורכגעגאַנגען זיבן מאָל זיבן, פון דער זיבעטער האַנט, און באַצאָלן דערפאַר כפל כפלים; אָדער, פאַרן זעלביקן געלט נישט מער צוריק קריגן ווי א דריטל פון דער סחורה...

איז עס אויך קיין מעשה רע נישט.

אָבער ביי דער פוטער, ביי איר איז זלמנען מיאוס געוואָרן ס׳לעבן; ער איז איין איר פאַרקראָכן, — ביז איבער די אויערן; און ווייל זי האָט זיך נישט גערירט, — איז ער געבליבן אַן מזומן. און נישט געהאַט מער מיט וואָס צו האַנדלען; געוואָרן אויס סוחר! ער וואָלט שוין געווען באַשטאַנען היזק צו האָבן, — אַבי מ׳זאָל אַרויסנעמען דעם פגר ביי אים פון שטוב.

ער שלאָגט־אָן דעם, יענעם; זאָגט־צו די מעקלערס גוטע ריוחים, אָבער מ׳לאַכט פון אים:

— ווער ברויך פוטער?

— צו וואָס?

מ׳פאַרצאַפּט אים ס׳בלוט, און מ׳גיט אים די גאַל אין מויל אַריין:

— אַ ייד האָט נישט געהאַט אין וואָס אַריינצובראָקן זיין געלט,

— נאָר אין פוטער?

— נאָ דיר אַן אַרטיקל אין דער האַנט אַריין צו נעמען, — פוטער!

און צו דעם אַלעם: ווערט נאָך פון דער פוטער, כאָטש ער פאַר־קויפט נישט גאָר אַראָפּ פון איר, — מיט יעדן טאָג ווייניקער; זי קומט אָוועק, — קוקענדיק; עס פאַלט פון איר לעבעדיקע שטיקער; מ׳טאָר גאָרנישט איינהייצן ביי אים אין דער שטוב; אַזוי ווי מען מאַכט דעם אויוועז, — אַזוי נעמט רינען פון איר, טריפן, און דער ריח? מען מוז זיך פאַרשטאָפּן די נאָז! ס׳קומט שוין באַלד נישט אַנדערש

אויס: ווי צו דינגען מענטשן, מ׳זאָל איר אַרויסנעמען פון שטוב, — אַזאַ קלאָג?

און גראָד דענצמאָל, ווען ס׳האָט אויסגעזען: אַז עס זאָל שוין מער צו איר קיין שום תקומה נישט זיין, — איז דאָך דערויף מלחמה? גיט זי אַזוי אַ דריי ס׳רעדל, — אַז ס׳איז אים פון דער פוטער געוואָרן ליכטיק אין די אויגן; און ס׳איז פון דעם טינופת געוואָרן גאָלד.

ווי אַזוי? ס׳איז מקוים געוואָרן די נבואה: אַז ס׳וועט זיך מאַכן אַ דוחק אין פעטס; חלב וועט ווערן אָפּגעמעקט פון דער וועלט; מ׳האָט זיך געזאָלט נעמען, ווי מ׳האָט געזאָגט, — שמירן מיט איר די קאַנאַלן פון האַרמאַטן, אַז די קוילן זאָלן זיך לייכטער אַרויסגליטשן; און אַזוי ווי מ׳האָט זיך געכאַפּט, אַז מ׳קען, בשעת הדחק, — אויך מאַכן פון פוטער זייף, — האָט מען גענומען צאָלן פאַר איר אין טאָג אַריין.

טרעפט: און ס׳רוב ביי אַזוינע לייט, וואָס זענען פון די גרויטע לא יוצלחס, און ס׳איז זיי באַשערט צו זיין אָרימעלייט, — ביזן טויט אַריין, אַז זיי האַלטן אויס אַן אַרטיקל, מיטשען זיך ביי דעם גוט אָן, און, עס קומט: אַ טאָג פריער, איידער ס׳ברויך עפּעס דערפון צו ווערן, קריגן אַ חשיבות, — נאָרט מען ביי זיי אויס די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן; און, — צי זיי האָבן שוין דענצמאָל נישט מער קיין כח דאָס אויסצוהאַלטן; אָדער, זיי מוזן פאַרקויפן ווייל דער חלף ליגט שוין אויפן האַלדז; ווי ס׳זאָל נישט זיין, — זיי האַלטן דאָס אויס פאַר יע־נעמס וועגן; די כשרע מציאה זאָל אַרייפּאַלן צו עמיצן אַנדערש...

און אַזוי, און צוליב דעם, — האָבן זיך גענומען יאָוועץ צו אים יידן: מעקלערס, וואָס האָבן אים פריער גענומען די לעבער, ביי די זעלביקע פוטער; און ס׳האָט זיי, נעבעך, איצטער געפּישטשעט ס׳האַרץ פאַר איר; אָבער זיי האָבן נישט געקענט אַרויסוויזן פאַר זלמנען, אַז זיי וואָלטן איר גערן איינגעשלינגען מיט די אויגן, — זיך געמאַכט כלא ידע; אַז ער זאָל נישט האָבן מיט וואָס צו שטיין אין גרויסן, און זיך איבערצונעמען; נאָר אַזוי, תמוואַטע, אַ פיש אין וואַסער:

— דאַכט זיך, און, ס׳דאַכט זיך: אַז ס׳זעט זיך אַרויס אַ קונה אויף דער פוטער, זיינע; נאָר, ביליק, פאַרשטייט זיך... וואָרן, ס׳אי שוין נישט קיין ראַיעלע סחורה... אַלטע, איבערגעשטאַנענע פוטער... און וואָס קען זי ווערט זיין?

איז ער, זלמן, נישט געווען פון יענע חכמים, — וואָס פאַלן אַרויף מיט ביידע הענט; כאַפּן, — וואָס מ'גיט זיי; נאָר זיך געטראַכט:

— סיי־ווי האָט ער זיך שוין אָפּגעבריט ביי איר; און אַזוי ווי מע קומט זיך שוין יאָ נאָכפרעגן אויף איר, — ברענט שוין, מסתמא, פוטער, אין דער גאַס.

און זיך אָפּגערופן צו די יידן, מעקלערס:

— זי איז אַזוי לאַנג געלעגן, און מ'איז זיך נישט געקומען נאָכ־פרעגן אויף איר; אדרבא, — אים נאָך פאַרצאַפּט ס'בלוט, און געמוזט אויסשטיין איר געסרוכע; קען ער איצט באַשטיין: איר צו לאָזן ליגן, אַז מ'קומט זיך שוין נאָכפרעגן אויף איר; איצט שמעקט זי...

די סוחרים זענען אים באַפאַלן ווי די בינען; ווי לאַנג האָבן זיי זיך דאָס געקענט שפּילן מיט אים, — אין באַהעלטעניש? שיקן מעקלערס? מ'האָט געגומען אָפּשלאָגן די טירן, אַזוי ווי ס'וואָלט ביי אים נישט געלעגן קיין פוטער נאָר אימפּעריאַלן.

— ווי לאַנג וועסטו דאָס אויסהאַלטן, ווי לאַנג?

— מ'גיט דיר גוט צו פאַרדינען? לאָז אַן אַנדערן אויך צו צום עסק...

— וועסט אַליין וועלן אַראָפּשלינגען די גאַנצע בייגל, — וועסטו נאָך דערשטיקט ווערן מיט זיי...

זלמנען האָט הנאה געטון פון זייער צאַפּלען זיך; ער האָט זיך געגלעט די באָרד, און בנעימותדיק זיי געהייסן גיין:

— ס'ברענט נישט ביי אים; און די פוטער אודאי גישט; זי האָט שוין אָפּגעברענט; ער האָט איר אַזוי לאַנג געהאַלטן, — וועט ער איר נאָך אַ ביסל האַלטן; זי בעט עסן ביי אים?

ביז מ'האָט אים געגעבן פאַר איין קעסטל פוטער, ווען אפילו זי איז אַלט, איבערגעשטאַנען, און ס'שטינקט פון איר, — וויפיל ער האָט באַצאָלט פאַר די גאַנצע פערציק קעסטלעך, ווען זיי זענען געווען פריש, און האָבן געשמעקט...

און זיך באַרעכנט:

— אַז מ'טאָר נישט צופיל ציען ס'שטריקל, — ווייל עס קען זיך נאָך, חלילה, איבעררייסן; וואָרן, אַזוי ווי מ'ווייסט נישט ווען ס'קומט דער מי ירוט, אַזוי קען מען אויך נישט וויסן: ווען ס'קען קומען דער

מי ישפל, — און די פוטער זאָל געבן אַ קנאַק־אַראָפּ, אין שאול תחתיה אַריין...

ס'שטייט דאָך איין ביי דער מלחמה, אין דער האַנט.

און געלאָזט צונעמען דעם פּגר פון שטוב:

— זאָל ער אייך וואויל באַקומען; און עס אַרט מיך נישט, — ווען איר וועט אפילו מאַכן ביי איר אַזוי פיל, — וויפיל איך האָב ביי איר געמאַכט; און ס'וועט מיך גאָך ווייניקער אַרן, — ווען איר וועט פון מיר ועלן, אַז איך וועל איר קומען צוריק אָפּקויפן — אַזוי פיל פאַר איין קעסטל, וויפיל איך נעם איצטער ביי אייך פאַר אַלע.

וואָס, ס'וועט גאָר קיין גוזמא נישט זיין.

איבער וואָס,
משטיינס געזאָגט

מ׳האָט אים געהיטן: עליע בערן, מיט טויזנט אויגן, און מהאָט זיך נישט געקענט דערד׳היטן פון אים; אַלע זשאַנדאַרן, און סר׳תּם גויים, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער באַן, — האָבן אים שוין געקענט ווי אַ בייזן שילגער; און וואָס מ׳האָט אי׳ן אים אַריינגעהאַקט, אַריינגעבאַכעט: „אַז ער זאָל זיך דאָ אויפ׳הערן צו דרייען און קריכן.“ — האָט ער דאָס אַלץ נישט אויפגעהערט; וואָס מער מ׳האָט אים געיאָגט און געפּלאָגט, — מער זיך גע׳עקשנט:

— אַז כ׳וויל פון דעם גאַנצן פאָרן און רייטן נישט מער ווי אַ שטיקל ברויט פאַר מיין ווייב, מיט די קינדער; און דאָס מוז איך אַרויס־האַקן, — מ׳זאָל מיר אַפילו טרייבערן די אָדערן.

דער ייד, עליע בער, פּלעגט קומען יעדן טאָג, כאור, מיט פולע הויזן מעל און גרויפּן, מיט ליכט, טיילמאָל: אַרומגעוויקעלט מיט פּעל אויפן גאָלן לייב, און זיך אַוועקשטעלן הינטער די שטאַכייטן פון דער פורטקע; שטיין אויף די גרעסטע קעלטן, שניידיקסטע ווינטן, — אַזוי לאַנג, ביז דאָס רחמנות פלעגט זיי אַדורכנעמען, די כלבים; און דערנאָך, אַז די באַן איז אָנגעקומען, — אַראָפּנעמען פון אים די אויגן, זיך נישט מאַכן זען:

— אַ סוף, זאָל ער דורכגיין, דער ייד; עס וועט קיינער נישט אויסגיין פון הונגער אין דער שטאָט, צוליב דעם ביסל גרויפּן, — וואָס ער פירט אַרויס אין די קעשענעס פון די הויזן; און ער דערפון רייך ווערן.

לכתחילה: אַז די כלבים האָבן אים געממיתט, יעדן טאָג שיעור נישט געמאַכט פאַר אַ קאַליקע, — האָט ער דאָס אַלץ מקבל געווען באהבה; פאַר ליב גענומען אַלע יסורים; מיט דער סבלנות פון אַן אייזל אַריבערגעטראָגן די קלעפּ, — און נישט אָפּגעטרעטן פונעם טירל, וואו, ער האָט, סוף כל־סוף, געמוזט אַדורך; ערגער איז אים געווען, עליע־בערן, אַז ס׳האָט וועד פון די כלבים אַריינגעריקט די לאַפּעס צו אים אין בוזים, און אַרויסגעגראַבעלט פון דאָרטן דאָס

ביסל מעל, די פּאָר שטיקלעך זייף, — דאָ האָבן זיינע פּיס געגומען ציטערן, און זיך בייגן אונטער אים:

— אַז איר נעמט מיר דאָס אַוועק, — איז מיר ערגער ווי איר וואָלט מיך געשלאָגן; האָב איך שוין נישט מער נאָך וואָס צו לעבן; דאָס וואָס איר זעט, און איר האָט אין די הענט, — איז אַלץ מיטאַנאַנד, וואָס כ׳פאַרמאָג; און אַן דעם מעג איך מיך לאָזן באַגראָבן אַ לעבעדיקן.

און קוקענדיק אויף דעם ייד, ווי ער ציטערט און חלשט איבער דעם, — ביי אים דאָס נישט צונעמען; ס׳רוב פלעגט דער בעל־דבר אַליין זיין צו גרויסער בעלן אויף צוויי דריי קלעצלעך צוקער, אויף אַ שטיקל זייף, — און דאָס איבעריקע איבן צוריקגעבן; און דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דאָס אָפּגענומען, — איבן אַדורכלאָזן דורך דער פורטקע, צום צוג: ער זאָל זיך פאָרן וואו ער באַדאַרף.

עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט זיך שוין דערנאָך גאָר אינגאַנצן נישט אומגעקוקט אויף אים; און ער פלעגט שוין אַדורכגיין מיטן ביסל סחורה אויף זיך, דורכן טירל, — ווי ער גייט אַדורך די שוועל צו זיך אין שטוב אַריין; קיינער האָט אים שוין נישט פאַר־האַלטן; און אַז ס׳האָט איבן יאָ עמיץ אַ מאָל פאַרטשעפּעט, איז דאָס געווען לפנים, ער זאָל זיך נישט אַרויסדרייען פון אונטערשטיפּן: דאָ אַ קאַפּ מעל, אַ פּאָר שטיקלעך צוקער, אַ פּיצל זייף, אַ ליכטל, צי עפּעס אַנדערש...

— און, גיי דיר דיין וועגס...

ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעאַרבעט אַ וועג, — דאָס אַ האַלבע שטאָט יידן האָבן אים מקנא געווען:

— אַזאַ מזל ווי ער האָט צו זיי, צו די כלבים, — איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

אַריינקומענדיק אינעם וואַגאָן, איז ער נאָך נישט געווען מיט אַלעם זיכער; דאָ האָט ער ווידער געמוזט, פאַר די עטלעכע מייל, וואָס ער האָט געהאַט צו פאָרן, — זיצן ווי פאַרגליווערט; זיך נישט געבן קיין ריר; ווייל אויף יעדער סטאַנציע פלעגט אַרויפקומען אַ זשאַנדאַר, און בודק זיין אין אַלע לעכער, איבערגעטאַפּט די פּעקלעך, פון זיי צענעמען יעדעס גליד:

— וואָס איז דאָ אין דעם? און וואָס איז אין דעם דאָ?

דאָ, אינעם וואַגאָן, פלעגט ער זיך צונויפטרעפן מיט נאָך אַ סך ייִדן אַזוינע, וואָס האָבן זיך אויך ווי ער, און פאַר דעם אייגענעם, — אויך געהאַט אויסגעאַרבעט אַ וועג; אַ סטאַציע פריער, אַ סטאַציע דערנאָך, אַזוי, דאָס דער גאַנצער צוג איז, ס'רוב, באַשטאַנען פון אַזוינע גראַבע, אויסגעפּאַשעטע ייִדן, וואָס זענען געווען אָנגעפּילט, ווי גרויס און אַלט זיי זענען, — מיט הירזש, מיט מעל, מיט ליכט, פעטס, און, נעבעך, געהאַט: זייער צרהדיקע, איינגעפּאַלענע פּנימער, פאַרהוישכטע.

ביי יעדער סטאַציע, אַז די באַן האָט זיך צוגעריקט צו איר, — האָט שוין ביי איטליכן ייִד גענומען קלאַפּן ס'האַרץ ווי ביי אַ גזלן; ווייל יעדעס מאָל וואָס אַ זשאַנדאַר פלעגט אַרויפקומען, האָט ער זיך נישט באַגניגן געלאָזט אויף אַ פריערדיקן וואָס פון פאַר אים, און נאָך אַ פריערדיקן פון פאַר יענעם, — אַז ער האָט שוין, צי זיי אַלע האָבן שוין געמאַכט די ריכטיקע בדיקה, — נאָר דאָס זעלביקע אַליין ווידער געמוזט טון; נישט געוואָלט יוצא זיין מיט יענעם; און יעדעס מאָל וואָס ער איז געגאַנגען איבערן וואַגאָן, און געטאַפּט, אויף זיין אופן: די קערבלעך אויף די פּאָליצעס, — האָט מען זיך אַזוי צונויפגעריקט אינאיינעם, אַז ס'זאָל אים, חלילה, נישט אויסקומען אָנצורירן אין וועמען, און דערשמעקן:

— אַז דאָס וואָס ער זוכט אויף דער פּאָליצע, — האָט גאָר דער ייִד ביי זיך אויפן לייב, צי גאָר אין די הויזן.

און זיך דערנאָך געהאַט אַראָפּצורעדן פונעם האַרץ:

— ווען ער זאָל זיך נישט טשעפּן צו די פּעקלעך, — וואָלט מען דאָך אַמאָל געקענט מיטנעמען אַ קליין פּעקעלע; נאָר אַזוי ווי מ'קען זיין איינגעשטעלט דערביי, — נעמט מע, וואָס מ'קען, — אויף זיך, אויפן אייגענעם לייב, און ס'אי נאָך אַ גליק: וואָס מ'זוכט נישט ביי זיי, פון אינווייניק.

און אַזוי לאַנג איז געפאָרן דער צוג: אַהער און אַהין, די ייִדן: אויף זיך געפירט קאַשע, מעל, פעל, — ביז ס'האָט זיך איינמאָל געמאַכט: ווען דער וואַגאָן איז געווען פול געפּאַקט, זיך געבראָכן מיט מענטשן; ממש: געשטאַנען קעפּ אויף קעפּ... מ'קען זיך משער זיין: אַז אַ סך שייבן זענען געווען אויסגעבראָכן, און אין דרויסן האָט געריסן די פראָסט, און זיי האָבן כמעט די קעלט נישט געשפּירט...

איז, אין דער דאָזיקער ענגשאַפט, מיט אַ מאָל געוואָרן אַ געוואַלט:

— יידן, מ׳האָט מיר צום קאָפּ געזען; אַכט הונדערט רובל, וואָס מענטשן האָבן מיר מיטגעגעבן, — אויסגעשניטן פון הינטן, מיט דער קעשענע... וואָס טוט מען? און, ס׳אַרײַ עצה גיט מען זיך?

מ׳קוקט זיך אום, אויף וויפיל מ׳קען:

— הע? אַ יינגערמאַן דרולשט, איז שוואַרץ ווי די ערד, ס׳פּנים ווי קויל; ער אַנטגייט.

נאָך אַ גליק: ס׳איז זיך נישטאָ וואו אַוועקצולייגן; ער וואָלט אויך אודאי געלעגן, — ווען ס׳זאָל זיין וואו, און נישט ביי די מענטשן אויף די קעפּ...

יעדן איז אַדורך אַ סקרוך איבערן לייב:

— אַכט הונדערט קאָרבן, ס׳אי נישט פון די קליינע זאַכן.

ס׳איז געוואָרן אַ געשטופּעריי, אַ געמורמל:

— ווער האָט עס געקענט זיין דער גזלן, דער רוצח, און דער מערדער?

דער יינגערמאַן רייסט זיך די האָר פונעם קאָפּ:

— האַלט מיך צו, וואָרן, — כ׳וועל מיך אַרויסוואַרפן פונעם צוג; אַ מעשה אָנטון...

פּרוּווט מען עפּעס פרעגן, רעדן, נאָר גיי, — רעד... צו וועמען?...

יענער וואָס האָט נישט גענומען, — האָט דאָך נישט, לכתחילה, וואָס צוריקצוגעבן; און יענער וואָס האָט גענומען, — האָט זיך דאָך נישט געמאַכט קיין געלעכטער, — אַז ער זאָל וועלן צוריק אָפּגעבן.

דער יינגערמאַן, — עס שרייט פון אים, געבעך, אַרויס; אַזוי לאַנג, ביז דער צוג שטעלט זיך ערגיץ אָפּ אויף אַ סטאַציע, און ס׳קומען אַרויף די זשאַנדאַרן, לכבוד־זילדה: באַטאַפּן די פּעקלעך, און אַז זיי האָבן דערהערט די מעשה, — איז אויף זיי געקומען אַ גדולה מיט אַ שמחה; און פון דעם וואָס זיי האָבן זיך אַלעמאָל צוריקגעהאַלטן, — צו גיין זוכן ביי די יידן, — האָבן זיי איצטער ווי געקריגן אַ הכשר דערויף; מען האָט גלייך אָפּגעשלאָסן דעם וואַגאָן, און גענומען באַזוכן יעדן איינציקן ייד באַזונדער:

— זיי מוזן זען צו געפינען ס׳געלט...

האָט מען זיך גענומען שטיקן, און, נאָכמער, — ציטערן, ברעכן

די הענט, אויסרייסן שטיקער פלייש פון לייב, קנייפן די באַקן:

— מע ווייקט דאָך איין האַלבן וואַגאָן יידן; זיי זענען דאָך אַלע טריפה...

דער יינגערמאַן האָט זיי שוין דאָ אויך קנאַפּ געקענט העלפן; די זשאַנדאַרן, ווי זיי וואַלטן שוין פון לאַנג אויף דעם אַרויסגעקוקט, — האָבן איצט זיך גענומען פלייסיק אָפּקנעפּלען ביי די יידן די הויזן, די וועסטלעך, אַראָפּציען די שיך, און אַנשטאָט דאָס געלט, וואָס ס'איז זיי אפילו נישט געלעגן אין דער לינקער פּאה, — צוגענומען ביי דעם ייד אַ פּאָר פינגער זייף, ביי יענעם ייד — אַ טאָפּ באָבעלעך; ביי נאָך איינעמען אַ ביסל ליכט, אַ שטיקל פּוטער, און זיי אַלע אָפּגע־שאָכטן אויפס טויט.

ס'ביסל יידן איז דערנאָך געשטאַנען, און פאַרבראָכן די הענט:

— ס'אי נישט אַזוי דאָס, וואָס מ'נעמט ביי זיי אַוועק, דאָס איז טאַקע אויך אַ שאָד, — נאָר וואָס מ'וועט שוין מער נישט קענען פאָרן; ווי באַלד ס'איז אַרויסגעקומען דער סוד, וואָס איז קיין סוד נישט געוועזן, אַז זיי פירן די סחורה אויפן לייב, — וועט מע דאָך שוין כסדר ביי זיי זוכן אויפן לייב.

און ס'איז געוועזן פאַרפאַלן.

פון יענעם טאָג־אָן, האָט מען שוין געמוזט אויפהערן פאָרן מיט דער באַן; ווייל די זשאַנדאַרן האָבן זיך מער נישט באַניגן געלאָזט מיט באַטאַפּן די פעקלעך אויף די פּאַליצעס, נאָר אויך גענומען באַטאַפּן איטליכן ייד באַזונדער, פון קאָפּ ביז צו די פיס, — אויב ער האָט נישט עפּעס אין די הויזן, אין די קעשענעס, צי אויפן לייב.

דאָס קליינע יידעלע
מיטן גרויסן פּאַק

פּאַר ירוחם׳ן איז איצט די מדינה פּוילן נישט קיין גאַנצע מדינה, וואו מ׳זאָל קענען צענעמען די הענט, זיך צעשפּרייטן, פאַרן איבער דער גאַנצער לענג און ברייט אירער, אַזוי ווי אין יענע גוטע יאָרן, ווען ס׳איז נאָך קיין מלחמה נישט געווען, — נאָר אַ פּאָר הונדערט קליינע און באַזונדערע מדינהלעך; יעדע שטאָט, שטעטל, דערפל, — איז אַ מדינהלע פאַר זיך, וואָס האָט אירע חוקים ומשפּטים, אירע חיילותן, און, דער עיקר: אירע גרעניצן.

פון דעם אַלעם האָט ער, ירוחם, תמיד געלאַכט; געלאַכט פון דער וועלט מיט אירע חיילותן, גבול׳ן, און מאַכט זיך אַצינד אויך קנאַפּ פון זיי, — כאָטש ער האָט שוין גענוג צרהלעך אַריינגעכאַפּט, און גע־האָט פון זיי צו זינגען און צו זאָגן.

ער איז, ווי פריער, דאָס זעלביקע רירעוודיקע יידל, מיט זיין ספּריטנעקייט, וואָס דערלאָזט נישט, — אַז מ׳זאָל ביי אים אָנזען די זאָרג אויפן פּנים; עס גלאָצן אַזוי אייגן די אויגן זיינע, ווי ביי איינעם וואָס דערוואַרימט זיך פון אַ גלעזל אָקעוויט, — וואָס ער כאַפּט אַריין; און רייבט זיך, פון יעדן שטות, די הענט, — מיט גרויס מתיקות:

— איי־איי־איי, ס׳אַ מחיה...

צוליב פּרנסה ווענן: אַז ער זאָל זיך האָבן פון וואָס מפרנס צו זיין, — האָט ער געהאַט אַ קראָם; וואָס דען האָט ער געקענט האָבן? (נישט אַ קראָם, — איז אַ מלמדורת); אין וועלכער ער פלעגט פאַר־קויפן טאַבאַק, זאַלץ, ברויט, צוקער, וכמו, — נאָך אַזעלכע שמאָכטעס; און וואָס אַ שטייגער, האָט ירוחם׳ן געקענט אָנגיין, ביי די מסחרים זיינע, וואָס ער האָט געפירט ביי זיך אין קרעמל, — אַז די מדינה האָט ערגיץ וואו גרעניצן?

צו די מסחרים זיינע, — האָט ער איבער זיי נישט געברויכט צו גיין; און, ווידער: ער זאָל זיין אויף אַזוי פיל קראַנק, אַז ער זאָל

בריוכן אָנקומען אין די וואַרימע בעדער, ווי האָט ער זיך דאָס געקענט איינרעדן, — ווען אפילו ער איז אויף אַזוי פיל קראַנק געווען? עס האָט אים טאַקע, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, — געשטאַכן אין אַ זייט, אויסגעקניפּן שטיקער איגעם מאָגן נאָך יעדן ביסן, וואָס ר'האָט אַרונטערגעשלינגען; אָבער, ער האָט צו דעם נישט מער באַדאַרפט ווי צו־ציען צו דעם איינעם שבתדיקן טאָג, זיך אַדורכשלאָפן במנוחה אין אים, — און דאָס זאָל באַשטיין פאַר אַלע וואַרימע בעדער; און, זינטיק, מאַנטיק, דינסטיק, ווי אַלע איבריקע טעג פון אַ גאַנצע וואָך, — צוריק זיין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, און קענען שטיין אויף די פיס.

אַזוי, איז ער, ירוחם, געווען אַ שב ואַל תעשה, — אַ היימזיצער; ויך געהאַט זיין פרנסה, — נישט קיין פיל בעסערע, אָבער אויך נישט קיין ערגערע פון אַלע יידן; וואָס ער האָט באַדאַרפט פאַר זיין קראַם, האָט ער געקריגן אויפן אָרט, — און אין זיינע דלת־אמות; געשלעפּט פאַרטאָגס די אָפּאָלקע ברויט פונעם בעקער, דערנאָך, — די זעק קאַרטאָפעל פונעם באַזאַר; און דאָס ווייב, ווידער, — האָט דאָס אַלץ אויספאַרקויפט איבערן טאָג.

און דערנאָך, אַז דאָס רעדל האָט זיך, צוליב דער מלחמה, — איבערגעדרייט; האָט די קראָם זיינע, ווי אויך ביי די איבריקע יידן, — גענומען אונטערהינקען אויףביידע פיס, ווערן אויס קראָם; און נישט דערפאַר, וואָס ס'האָט אים אָנגעהויבן אויספעלן געלט, נאָר אפילו פאַר די ממתקים, זיך נישט געקענט מער איינרעדן צו קריגן אַזוי פיל צוקער, — ווי ס'האַרץ דהאָט געגלוסט; נאָך זייף גאָר געמוזט אָנקומען אין דער אַפּטייק אַריין, — ווי נאָך אַ רפואה; נאָך ברויט האָבן אַ קוויטל פון אַ גוטן גוי (פון אַ גוטן ייד, — האָט נישט געטויגט); און ווען די קראָמען האָבן זיך, סוף־כל־סוף, — אויסגעליידיקט; צו דעם אַלטן און היימישן נאַפּט, — וואָס האָט אַזוי געשמאַק פון זיך גע־לאָזט הערן, — נישט געטאָרט מער צו שמעקן; און אויף טיטין גענומען חל זיין, ווי פון אונטער דער ערד, — עפּעס אַ קירישער מאַנאָפּאָל; זאַלץ איז געוואָרן מער טריפה ווי דחזיר; וואָס האָט אין דער מלחמה געקענט זיין מער טריפה ווי חזיר, — קוילן; ביז עס איז נישט גע־בליבן אין זיי וואָס אַ רעטעך איז ווערט; ס'ביסל יידן געקומען עד קיצו — כאָטש לייג דיך אַוועק אין מיטן דער גאַס, און פגר... און די קינדער

פון די דאָזיקע יידן, האָבן זיך, אַלצאיינס, ווי פריער, אַרומגעדרייט, שלינג־און־שלאַנג, — ווי־ווען ס׳זענען נאָך געווען קראָמען, וואָס האָבן זיך געבראָכן; מיט פילע פּאַליצעס צעלניק, קרעלן, בענדלעך, סטענ־געס, און נאָך אַזוינע, נישט אַזוי ווייט שיינע ווי גוטע זאַכן; וואָרן, אַז ס׳איז ביי זיי אַלץ אַוועקגענומען געוואָרן, האָט מען אַפּנים, אויף די קינדער זייערע יאָ געהאַט איינזען, — און זיי געלאָזט, אַז זיי זאָלן, אַלצאיינס, ווי פריער, קענען שרייען:

— זיי ברויכן לייגן אין מויל אַריין.

און אַזוי ווי די מלחמה האָט אַלץ אָנגעצינדען, — האָט זיך אָבער דאָס פייער נישט צעפלאַקערט אומעטום און אויף אַלעם, — גלייך; אַזוי, למשל, האָט געקענט זיין רעכט: דאָס אין באָגריע זאָל נאַפּט זיין מיט גאָלד צוגלייך, און ליכט, — ליגן אין דר׳ערד; און בלויז מיט צוויי מייל ווייטער, אין מאָניכעוו, — זאָל זיין פאַרקערט: ליכט מיט גאָלד צוגלייך, און נאַפּט, — ווידער, ליגן אין דר׳ערד; וואָרן, ס׳האָט דען געפלאַמט, ווייל ס׳האָט געברויכט פלאַמען, — און מיט אַ זינען? ס׳האָט עפּעס געשטעקט אַ שכל דערינען? לכן: וואָס האָט גאָט געטון? אַזוי ווי ער האָט איינגעזען, אַז די וועלט וועט זיך נישט קענען באַגיין אָן דער מלחמה; און יעדערער וועט ברויכן אויסגעריסן צו ווערן, — אויף אַן אַנדערן אופן; זענען אים געקומען אויפן קאָפּ זיינע יידעלעך: וואָס וועלן דענצמאָל זיינע יידעלעך טון? און וואו וועלן זיי נעמען מזונות פאַר ווייב און קינד? אַזוי האָט ער, לכתחילה, באַשאַפן די רפואה פאַר דער מכה; אַריינגעגעבן די חכמי מלחמה אַ רעיון: דאָס אַזוי ווי זיי וועלן פאַרנעמען עפּעס אַ דאָרף, אַ שטיקל שטעטל, גרויס ווי אַ געניץ, — דאָס צו דערקלערן פאַר אַ באַזונדערע מדינה; ס׳זאָל, אַפּנים, — האָבן אַ פּנים ביי דער וועלט; און זיך קענען באַווייזן מיט אחשורושס הונדערט און זיבן־און־צוואָנציק מדינות! און יעדע שטאָט, שטעטל, צי דערפל, וואָס איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ מדינהלע, — האָט גלייך געקריגן אירע חוקים ומשפּטים, איבערהויפּט, — גרעניצן; און מ׳האָט געברויכט האַלטן אַן אויג אויף אירע מענטשן, — וועלכע האָבן גאָר קיינמאָל נישט געקענט אויסקומען, דאָס זיי זאָלן זיך נישט מישן צווישן זיך, אַריינשטעקן די נאָז איינער צום אַנדערן, אינעם טעפּל; און, נאָכמער: אַז איטליכעס שטעטל, דערפל, וואָס האָט נישט געקענט איבערקומען אַ טאָג, ווען ס׳איז נאָך געווען שלום כתיקונה,

— מ'זאָל אין דעם נישט ברויכן צופירן פון עפּעס אַנדערש, און פון די דערבייאיקע שטעטלעך; אַז ווען אויף איין אָרט, למשל, איז געווען אַ גרויסער זול אויף קאַרטאָפל, און עס האָט אויסגעפעלט, לאָמיר זאָגן: מייערן, צי פּאַרקערט, — און זיך דערמיט טוישן: דער דעם פאַרקויפן וואָס דער האָט נישט, אין יענער דעם, — פון וואָס ער האָט; אַזוי, דאָס דיביידע שטעטלעך זאָלן גלייך האָבן פון ביידע מינים; אָפּגערעדט: אַז אַ פּאָר יידן האָבן דערווייל עפּעס מרויח געווען פון דעם חילוף; און לויט די דינים פון דער מלחמה, האָט יעדע שטאָט באַדאַרפט אָנהייבן לעבן און באַשטיין אויף אירע אייגענע קעסט, — און אויף דעם אויך וואָס זי האָט; איין שטעטל מיט מייערן, ס'צווייטע מיט קאַרטאָפל, ס'דריטע מיט פּיעטרישקע, וכדומה... פאַרשטייט זיך: אַז מ'האָט אַזוי נישט געלעבט, נישט געקענט אַזוי לעבן; און מ'דהאָט נישט מער ווי צאָנגעטון די שטעט מיט די דערפער, — אַ שטריק אויפן האַלדז; און אויף צו צערייסן דעם שטריק פונעם האַלדז, — האָבן זיך איינגעשפּאַנט די זעלביקע שטעט מיט יידן; און, אַ סברא: אַז דאָס איז געווען אי די קללה פון דער מלחמה, און אי די ברכה; די קללה, — וואָס די קראָמען זענען אַלע איינגעגאַנגען; און די ברכה, — וואָס די יידן זענען אַרויס אויף די וועגן, און גענומען גנבֿענען די גרעניצן פון איין שטעטל אינעם אַנדערן; און זיך נישט ערגער דערביי פאַרדינט ווי אין דער קראָם, ווען זי איז נאָך געווען אַ קראָם.

איי, ס'אַ גרעניץ? עס שטייען זעלנער? דאָס איז דאָך געווען די גאַנצע חכמה פון דער מלחמה; אַז ס'זאָל נישט זיין קיין גרעניץ, און די זעלנער נישט שטיין, — וויפיל וואָלט מען דאָס געקענט נעמען פאַר צופירן אַ ביסל מייערן, פון איין שטאָט אין דער אַנדערע? טאָקע דערפאַר, ווייל מ'האָט דערמיט געדאַרפט גנבֿענען צו אַ גרעניץ, און אויפן אָרט פון איינעם און אַ גאַנצן וואָגאָן, — זאָל דאָס טון אַ גאַנצע שטאָט יידן, און יעדער מיט אַ מייער; וואָרן, אַז ס'זאָל נאָך, צו די גראָבע פאַרדינסטן, אויך גרינג אָנקומען, — וואָלט דאָך שוין באַלד בעסער געווען פון פריער, — ווען מע איז געשטאַנען אין דער קראָם? און מיט וואָס וואָלט מען געוואוסט, און ווי אַזוי וואָלט מען געשפּירט דעם טעם פון מלחמה? מען רעכנט נאָר אויס: וואָס מער ווי די איינע מינוט טויט־שרעק, — איז נישטאָ; און אַז מע האָט געקענט אָפּקומען מיט די בלויזע שרעק, צי מיט עפּעס אַנדערש־צו.

ווי, אַשטייגער, אַ פּאָר באָכעס, — איז עס נישט ווערט געווען די רייד; וואָס מאַכט אויס ביי אַ ייד אַ קאַפּיטשקע שרעק, צי אַפילו טויט־שרעק, — אַז מ׳האָט דערנאָך דעם ווייב עפּעס אין דער האַנט אַריין צו געבן? און זי האָט פאַרוואָס שבת צו מאַכן?

ערגער: וואָס מע איז אַ סך מאָל נישט אַפּגעקומען מיט הוילע שרעק, — נאָר אויך געמוזט עפּעס אַרייבלייגן אינעם עסק; און דאָס, אַז מ׳האָט אָוועקגענומען די פּאָר פינט מעל, צוקער, זייף, ליכט, וכדומה... און אָפּגעשיקט צוריק פון וואַנעט מ׳איז געקומען: נקי, ריין, ווי די מאַמע האָט געהאַט, און נאָך מיט אַ קליינע קאַרע, — פּאָר אַ צולאָג; און אַז אַ ייד ווי ירוחם, צי שלומיאל, גמליאל, וואָס האָט דערנאָך נישט באַלד מער געהאַט מיט וואָס ארויסצוגיין איבער דער גרעניץ, — האָט מען אים נאָכמער געברויכט אָפּצוהאַקן דעם קאָפּ, ווי מ׳האָט אים דערמיט אַראָפּגעהאַקט? ס׳איז שוין נישט געווען דאָס, וואָס ער האָט אין דעם אייגענעם אויף דער נאַכט, באַדאַרפט גיין שלאָפן מיט זיין גאַנץ בני־בית, — אומגעגעסן; נאָר וואָס מע האָט ביי אים צו־גענומען אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט: די איינע פּאָר פינט צוקער, מעל, זייף, — און ס׳האָט באַדאַרפט געדויערן, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט: ווי לאַנג, — ביז ער וועט צוריק קומען צו דעם, און ווידער האָבן מיט וואָס אַרויסצוגיין...

צוגענומען, אָבער דאָס איז אַלץ נישט געווען קיין מניעה, — אַז ער זאָל דורך דעם אויפהערן גיין... ס׳איז געווען אַן אַנדערע ברירה? ס׳האָט נאָר, אַ ביסל לענגער געדויערט, — ביז ס׳האָט געקענט קומען דערצו; און מ׳האָט שוין געמוזט זען צו טון דעריך, — אַז מ׳זאָל אין דער היים נישט זיצן; מ׳איז געווען איינגעשטעלט, און, — מ׳איז געגאַנגען; די איינע הנחה: וואָס מע איז נישט געגאַנגען ווייט, און נישט איבער־געטרעטן מער ווי די גרעניץ פון איין מדינה צו דער אַנדערע; און אַז ס׳האָבן זיך צונויפגעטראָפן די יידן, לאָז זיין פון די צוויי מדינהלעך: באַגריע און מאַניכעוו, — איז צווישן זיי געמאַכט געוואָרן דער בייט:

— דו, מאַניכעוו, נעם ביי מיר צו מיין ביסל מעל.

— און דו, באַגריע, גיב מיר דיינע פּאָר פינט קאַשע.

און אַז מ׳קומט דערנאָך צוריק אַ היים בשלום, יעדער אויף זיין מקום, — זענען שוין די שטעטלעך, ברוך השם, מיט אַלעם פאַר־

זאָרגט, און די יידן האָבן פּאַראיבעריקט אויף אַ ברויט; אַ מעלה: וואָס מ'גייט נישט ווייטער ווי איבער דער גרעניץ פון איין מדינה צו דער אַנדערע, נישט מער אויך ווי איבערן טאָג, און מען מאַכט נישט מער ווי אויפן טאָג פּרנסה... אַ מלער, חלילה: מע נעמט־צו — ווערט מען אויך נישט שטאַרק בדיל הדל; אַ חסרון, און אַ גרויסער, איז דאָס: וואָס מען מוז יעדן טאָג דערצו אויפשטיין, כאור הבוקר, באַגינען, אַזוי ווי ס'נעמט בלישטשען אויף טאָג, נעמען דאָס קרעמעל צו זיך אין די הויזן אַריין, אין די קעשענעס, וואו ס'לאָזט זיך, — און עולה רגל זיין; און דעם דאָזיקן וועג, האָבן שוין די דאָזיקע יידן, ווי: ירוחם, שלומיאל, גמליאל, — וואָס זענען קיינמאָל נישט ווייטער אַרויסגע־גאַנגען פון זייער שטאָט, ווי אויף אַ תחום שבת; דעם דאָזיקן וועג האָבן זיי שוין, אין דער איצטיקער מלחמה, — אויסגעקנעטן פון קאָפּ ביז צו די פּיס; פּונקט ווי דער געניטסטער זעלנער, וואָס געפינט זיך אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטן, און טויזנטער סכנות לויערן אויף אים, און ער זוכט מיט יעדן דרוש באַזונדער, וואָס איז דאָן צען מאָל אַזוי שאַרף און צאַנגעשפּיצט, — זיך אַדורכצודרייען; פּונקט אַזוי גייען זיי, די יידן, ווי די וועגן און וועגלעך וואָלטן שוין געווען באַקאַנט צו זיי, — פון זייער געבוירן־טאָג אָן; געהאַט די גאַנצע מאַפּע אויפן קאָפּ, און גייען, ווי קיין איינציק שטעגעלע וואָלט פאַר זיי נישט געווען פאַרהוילן; זיי, די יידן, שניידן די וועלדער און פעלדער, און אַז עס מאַכט זיך פאַר זיי אַ מכשול: מ'לייגט אַוועק אַ שטיין פאַר די פּיס, — אַזוי פאַרקירעווט מען זיך אָן אַ זייט פון אים; אַ טריט אַהער, אַ טריט אַהין, און מ'קריכט ווי־ס'איז, — אַדורך...

און זיי וועלן זיך רעכט קענען באַרימען, די יידן, — אַז זיי האָבן געאַרבעט פליסיק איבער די וועגן פון זייער לאַנד; זיי געמאָסטן יעדן טאָג אין דער לענג, און אין דער ברייט; און, נאָכמער: אַז זיי וועלן האָבן, אין אַזאַ שווערע צייט, ווען מ'האָט צעשניטן די מדינה, איר געפּערטעלט, געצענטעלט, צעפּיצעלט אויף ברעקלעך און פלעקלעך, — צעפּעפּנט אַלץ ברייטער און טיפער די לעכער, זיי דורכגעבויערט דורך ווענט, — אויף צוצופירן שפּייז פון איין מדינה אין דער אַנדערע; און אַז מ'וועט זיך אַ מאָל דערמאָנען אין די אַלטע גוטע זאַכן פון דער מלחמה, וועט מען דאָן מוזן די אַלע יידן, ווי זיי האָבן דאָרט געהייסן; ירוחם, שלומיאל, גמליאל, — דן זיין לכף זכות; און, אַז זיי

זענען דאָ גאָט די נשמה שולדיק געווען; און מער אפשר אויסן געווען די טובה פונעם כלל, — ווי זיך אַליין; אַז מענטשן זאָלן נישט אויסגיין, יעדער פאַר זיך, — אין זייערע דלת אמות; איי, וואָס זיי האָבן אויך דערביי עפּעס נהגה געווען? נו, האָט מען זיי דאָס געקענט האַלטן פאַר אַן עולה, — ווען ס׳איז זיי נאָכגעלאָפן אַ גאַנצע כאַפּטע פון זעקס, און זיבן, און אַכט, און עלף, און דרייצען קינדער, וואָס האָבן געריסן די פּאָלעס:

— זיי ווילן עסן? אַ טרוקן שטיקל ברויט, עסן?

מאַכאָרקע

ס׳אַ רעש, און מ׳לויפט איבער די גאַסן; ס׳פייער פאַלט פונעם הימל, — און מ׳לויפט; די געשלעגן האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעקילט, ס׳רייכערט זיך גאָך ביי די האַרמאַטן פון די פּיסקעס; די רוסן ליגן נאָך פאַרשטעקט אויף דער ראָגאָטקע; דער דייטש שטייט שוין מיט איין פוס אין שטאָט; נאָר ווער קוקט זיך אויף דעם אַלעם אום? מ׳האָט אין דרערד דעם רוס, און ס׳ליגט קיינעם נישט אין קאָפּ דער דייטש; מיט אַלעם וואָס די מלחמה האָט געקענט געבן אַ ברי אונטער דער פּאַכווע, איז, — מיט מאַכאָרקע.

מיטן ערשטן פאַרפאָסט, און אויף די לופעס פון די האַרמאַטן, האָבן זיך שוין מיטגעכאַפּט יידן; יידן פון טשענסטאָכאָוו, פון בענדין, זאַוויערטשע, נאָווא־ראַדאָמסק, לאָדזש, געוואַלט, — לאָדזש... האַלב לאָדזש האָט זיך אָפּגעריסן, אַזוי ווי מ׳וואָלט דאָרט געוואוסט: אַז דער פראָנט וועט זיך ברויכן רירן, — און איבעריקן; דאָס רייכע, פאַריסענע לאָדזש מיט איר אויסגעפּיצטע פּיעטריקאָווער גאָס, — שוויבעלט און גריבעלט אויף די טויטע, שטילע געסלעך פון באָגריע; זי האָט מיטגעברענגט איר פיבער, איר ברען, און אויך דעם אַפּעטיט אירן; און, — עס גלאַנצן אויגן, ס׳פלאַמען געמיטער; אַ לאָדזשער ייד איז קלוג, אָבער אַ באָגריער, נאָכדערצו אַז מ׳קומט צו אים, — איז אויך נישט דער גאַנצער נאַר, וואָס זאָל זיך לאָזן אַריינאַרן אין זאַק.

דער לאָדזשער ייד וואָס מיטן בייכל, — גלעט זיך ס׳בערדל, און מאַכט זיך באַטעמט ס׳מויל; ער האָט שוין אויסגעטאַפּט אַלע ווינקעלעך אין באָגריע, און ווייסט איבערצורעכענען אויף די פינגער: כמה וכמה אלפים קעסטלעך מאַכאָרקע עס ליגן אין יידישע שטיבן; יעדער האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף עפּעס אַ קרעמל, און ער חלשט זיך איינצוקויפן אַ וועגעלע מאַכאָרקע (נאָך וואָס איז ער דען געקומען, — אויב נישט נאָך קיין וועגעלע מאַכאָרקע?), ווייל פון לאָדזש, פון וואַנעט ער קומט, און דער דייטש שטייט שוין אַזוי לאַנג, — איז שוין פון מאַכאָרקע קיין סימן נישט געבליבן; די פּויערים גייען אַרום

און וויינען: „מאַכאַרקע! מע זאָל זיי געבן אַ לעק מאַכאַרקע; זיי וועלן קראַנק ווערן און פּגרן. — אַז מ׳וועט זיי קיין מאַכאַרקע נישט געבן; זיי גיבן אַוועק אַ זאַק מייערן, אַ קאַרץ תבואה, אַ קי, — פאַר איין פּעקל מאַכאַרקע; און דער באַגריער ייד, וואָס האָט אָפּגע־היטן די מאַכאַרקע פון פייער און וואַסער, זיך באַהאַלטן מיט איר פאַר די אויגן פון די רוסן, אַזוי לאַנג ווי זיי זענען דאָ געווען, — וויל איר נישט אַצינד אַוועקגעבן פאַר זייער שיין פּנים; אַז מ׳האָט זיך יאָ אַזוי פיל אָנגעליטן, ביז מ׳איז געבליבן מיט איר, און זי האָט זיך אַזוי שיין אַרויפגעאַרבעט, געוואָרן אַ לייט, — זאָל מע כאָטש באַצאָלן פאַר איר.

מיט יעדן טאָג קומען אָן מער יידן קיין באַגריע; און יענע וואָס קומען, וואַרפן אָן אַ שרעק:

— אַלע וועגן זענען פול; ס׳גייען גאַנצע כמאַרעס יידן, — די פעלדער זענען מיט זיי שוואַרץ; אַ חוץ יענע וואָס פון לאָדוש, — האָבן זיך ערשט אַרויסגעלאָזט, זאָגט מען, יידן פון קאַליש; שטעט, וואָס דער דייטש האָט אַריינגענומען אין זיינע הענט, באַלד אין דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן די מלחמה; מ׳איז פון אומעטום עולה קיין באַגריע, — נאָך מאַכאַרקע.

און אין באַגריע האָבן די שניידערס אַוועקגעוואָרפן די מאַשינ־דלעך, שוסטערס די נאָל מיט דער דראַטווע, שוחטים די שחיטה, און די שטאָט איז, צוליב דער מאַכאַרקע, — געבליבן אָן פליש, אָן שיך, און אָן הויזן; אַז ס׳רייסט זיך ביי וועמען אַוועק אַ שטיק קאַפּאָטע, — איז נישטאָ ווער ס׳זאָל איר צו נייען; און טאַקע, — וועמען קען דאָס ליגן אין קאָפּ אַזוינע זאַכן: ווי פליש, ציבעלעס, רעטעך, שיך און הויזן, אַז ס׳איז דאָ מאַכאַרקע?

מ׳כאַפּט־אָן וועלכן־ס׳איז ייד, פאַרן אַרבל:

— ר׳ ייד, וואַרט נאָר אַ רגע... אייער ווייב האָט זיך דאָ נאָכ־געפרעגט, צי מ׳האָט אייך נישט געזען? זי שרייט: אַז איר זענט שוין די דריטע נאַכט נישט אַהיימגעקומען שלאָפן; גייט אַ היים, און וואָס גיכער, — איידער איר וועט אַריינפאַלן צו איר אין די הענט; זי זאָל אייך ברויכן אַלע האָר פון דער באָרד אויסצוציפּן...

נעמט דער ייד פאַלן איבער די הענט, און חלשן:

— מ׳זאָל זיך אויף איבם דערבאַרימען, רבונו של עולם, — ס׳וואָרט אויף אים עפּעס אַ ייד, — אַ לאָדזשער, אַ בענדיגער, ער ווייסט אַליין נישט; ער האָט דערטאַפּט מאַכאָרקע, — און ס׳קען זיך איבם נאָך אַרויסגליטשן אַ הונדערטער פון צווישן די פינגער.

אין דער גאַס גייען גאַנצע אָבאַזן מיט מאַכאָרקע. מ׳פירט אַריין, מ׳פירט אַרויס, מ׳פירט אַהין, אַהער, פון איינעם צום צווייטן; מען קויפט און מ׳פאַרקויפט, ס׳רוב, — פון האַנט צו האַנט; מ׳לייגט אויף, מ׳לייגט־אָפּ, פון איין פיר אַראָפּ און אויף דער אַנדערע, — אַרויף; מ׳גיט האַנט־געלט, אויפן וואָרט, — און ס׳גייט מיד ל״יד; די מאַכאָרקע דערלעבט גאָרנישט וואו און צו וועמען אָנצוקומען, אַפילו צו דעם וואָס קויפט איר...

פילע, דריי גאָרנדיקע בריקעס שלעפּן זיך אַרויס פון שטאָט, און דער סוחר, ס׳רוב, — דריי סוחרים, שותפים, ווי פאַרמאָגט דאָס איינער אויף אַ וועגעלע מאַכאָרקע? גייען־נאָך נאָך דעם, ווי נאָך עפּעס, ווער ווייסט, וואָס; מ׳קלערט גאָרנישט: וואָס ס׳וועט אויסקומען נאָכ־צוגיין דעם גאַנצן וועג, פון באַגריע ביז קיין לאָדזש, קאַליש, — צו פיס; וואָרן, אויף דער זעלביקער פיר, מ׳זאָל געבן אַ מיליאָן, — איז נישטאָ קיין אָרט פאַר איינעם צו זיצן, און נישט נאָך פאַר דריי; און קיין באַן איז נישט צוקריגן; אַ כפרה די פיס, טראַכט מען זיך, — נאָר די מאַכאָרקע זאָל אָנקומען אַ לעבעדיקע, אַ היים.

פרייטיק פאַרנאַכט: און שווערע יידן, מיט בערד, מיט ציצית, וואָס באַמבלען זיך ביי זיי אויף די קני, — כאַפּן זיך אַרויף, וואו מ׳קען, אויף די וועגעלעך מאַכאָרקע, און מע פאָרט; גוייבם לויפן אַרויס פון די הייזער, קוילערן זיך אויף די בייכער, און פאַרוואַרפן זיי מיט שטיינער:

— אַ ייד מיט אַ נישטקשהדיקע באָרד, און אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, — זיצט אויף אַ וועגעלע, און פאָרט; וואָס פאַר אַ וועלט איז דאָ עפּעס געוואָרן?

אין די שענקלעך, דאָרט וואו ס׳איז דאָס ריכטיקע אָרט פאַר די מסחרים, — איז אַ לעבן; מ׳טרינקט ביר; מ׳גיסט אין זיך

אריין וואָס מ׳קען; און אַזוי ווי ס׳איז נאָך נישט די צייט פון געגנזענס, — לאָזט מען אויס צו וואָס ס׳זאָל נישט זיין. ס׳יקרות איז נאָך דער־וויל, איבערהויפט, דאָ וואו די רוסן האָבן זיך אויפגעהאַלטן, — נישט אַזוי גרויס, און מ׳ליגט נאָך אַרויף אויפן טיש אַ גאַנץ ברייטל, ווי אַ מאָל, אין די גוטע יאָרן; און יענער וואָס קומט פון דער אַנדערע זייט, וואו דער דייטש איז, און מ׳פּגרט שוין פון הונגער, — רייסט קודם שטיקער פונעם ברויט, קייעט אויף ביידע באַק־ציין, און דרייט דערביי מיטן גראָבן פינגער:

— אַ קעסטל מאַכאָרקע קאָסט דאָ קרוב צו אַכטציק ריבל; און אין דער היים, אַז ער וועט עס נאָר דערלעבן אַהיימצוברענגען, — ברויך עס ווערט זיין אַרום דריי הונדערט און דרייסיק ריבל; און אַז ער האָט אַ וועגעלע, וואָס באַשטייט פון צוויי און פירציק קעסטלעך, — וויפיל קומט אים אויס דערביי צו פאַרדינען? וויפיל קומט אים אויס דערביי צו פאַרדינען?

און וואָס פאַר אַ פּנים קען האָבן די גאַנצע מלחמה, — קעגן איין וועגעלע מאַכאָרקע? ווּעמען אַרט עס: וואָס יעדע מינוט ווערט ערגיץ אַנדערש־וואו ווער געהרגעט, אַ שטיק ישוב, און נאָך אַ יידישער דערצו, — אַפּגעמעקט? און טויזנטער נפשות גיין אויס אויף די וועגן, צווישן פעלדער און וועלדער, — אַז ס׳איז דאָ מאַכאָרקע?

מען האָט אַוועקגעוואָרפן ווייב און קינד, נישט ווייניקער ווי זיך אַליין, — און מ׳רייבט זיך די הענט:

— איי, אַ טראָפּעלע מאַכאָרקע.

עס האָבן זיך שוין נישט איין פאַר שותפים צעביצקעט מיט די נעז, צוליב דער וויסטער מאַכאָרקע; אַ פּאַר בעקערס, קצבים, — זיך געשפּאָלטן די קעפּ; אַ פּאַר פּראַנטן, יינגען, שנעקעס, סוחרים פון דער שפּיץ באָדל אַוועק, — אַנגעשכורט און זיך צעהוליעט:

מאַ־כאַר־קע,
לאַ־טאַ־טאַ, —
מאַכאַר־קע.

ביז די מאַכאָרקע האָט זיך שוין געהאַט אַזוי הויך אַרויפגעדריי־דעלט, — האָט איר די מלד־זמה אַרויסגעשטעקט אַ צונג; און עטליכע דייטשלעך מיט ביקסן אין די הענט, האָבן זיך מיט אַ מאָל און איבער אין רגע צעשטעלט אויף אַלע וועגן:

— וואו, יידעלעך, צעשלעפּט איר דאָס, — דאָס ביסל מאַכאָרקע?

— הייסט, וואו? דאָרט פון וואַנעט זיי אַלע קומען; קיין לאָדזש, קיין טשענסטאָכאָוו, קיין גריצע...

זאָגן די דייטשלעך, און גראָד נישט אין בייזן, נאָר מיט אַ שפּיציק שמייכעלע:

— אַז זיי ווילן האָבן די מאַכאָרקע אין באָגריע; און מ׳זאָל זיך, חלילה, נישט דערוועגן איר אַרויסצופירן.

— הע? צו וואָס דאַרף באָגריע אַזוי פיל מאַכאָרקע? מ׳וועט איר דען דורך הונדערט יאָר יאָ אויסרייכערן?

גיי, רעד צו דער וואַנט.

והעיר באָגריע, און די שטאָט באָגריע, — איז דתושך ואפילה;

די אַלע לאָדזשער, קאָלישער יידן שטייען מיט און אָן קעפּ:

— וואָס וועט מע טון מיט דער מאַכאָרקע, מיט וועלכער מ׳איז געבליבן שטעקן אין באָגריע, — און מ׳קען נישט אַרויס מיט איר?

— ס׳קומט נישט אַנדערש אויס: ווי איר איבערצולאָזן, אַדער אַראָפּ־צוברענגען ס׳ווייב מיט די קינדער, — און זיך כאַטש דאָ באַזעצן מיט זיי, צוליב איר.

שניט־סחורה

ויהי (וואו ויהי, — דאָרט איז אַ צרה), און ס'איז געווען; כּאשר עברו ימי המאַכאָרקע, — אַז ס'זענען אַריבער די טעג פון מאַכאָרקע; כּלו המים מעל פּני האדמה, — די פירן האָבן אויסגעשעפּט די לעצטע רעשטלעך אירע, באו ימי השניט־סחורה; און כאָטש די ליכטיקע מאַכאָרקע האָט אַריינגעכאַפּט אַ שוואַרצן סוף, געהאַט אָפּגעשניטענע יאָרן, האָט עס, פונדעסטוועגן, גאָרנישט געשאַט די שניט־סחורה, — אַז זי זאָל עולה לגדולה זיין. וואָרן, הייגטיקע צייטן, אַז מ'זאָל וועלן פאַרשטיין אַ מסחר, — וואָס אַ מסדר איז? קען מען זאָגן: ס'אייגענע וואָס אַ מגיפה, רח"ל... אַז די מגיפה נעמט אַ מענטש און אַ מענטש, צוגעציילט, הייסט: ס'איז נאָך קיין מגיפה נישט, אָדער, פאַרן ערגסטן פאַל, אין דער ערשטער רתקופה, — און ס'איז מיט רחמים; קוים אָבער לאָזט זי זיך אַוועק אין די הויכע גדולות, צעגייט זיך טיף און ברייט, — איז נישט גוט מיט איר; אַזוי איז אויך געווען מיט דער מאַכאָרקע; ווי לאַנג עס האָט געהאַנדעלט איינער און איינער, צוגעציילט, — האָט יעדער באַזונדער פאַרדינט; מער, ווייניקער, — פאַרדינט; אַז ס'פייער האָט זיך אָבער צעפלאַקערט, און אויפן גרויסן אופן, — ס'האָט אַריינגעכאַפּט יעדן איינעם וואָס האָט אַ האַנט מיט אַ פוס, האָבן אַלע געבראָכן דעם קאַרק.

דער גאָט פון עסן שלאָפט אָבער נישט, און אין דעם וואָס ס'איז געווען, — טאָר מען נישט געדענקען; וואָרן, ווען מ'זאָל געדענקען אין טויטן, — וואָלט מען נישט געוואוסט צי מ'לעבט; און אַזוי ווי די יידן אין לאָדזש האָבן זיך אויסגעליידיקט פון דער מאַכאָרקע, — זענען זיי דאָך געבליבן ביי געלט. נו, ווער אַ ייד אַ סוחר, און נאָך מיט געלט אין קעשענע דערצו, — זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און קוקן אין הימל אַריין? געלט, און ביי אַ ייד אין קעשענע, איז אַזוי ווי קוועקזילבער, — עס קען נישט איינרוען; עס גריבעלט כּסדר:

— געדענק: אַז איך וועל ליגן ביי דיר אין לאָך, — וועל איך אויסריגען, און איינגיין ווי פּוטער אויף דער זון; און אויב דו ווערסט

מיך אַרויסלאָזן אויף אַ טאָג, צוויי, — האָב איך אַ ברירה צוריק צו קומען אַזוי, — אַז דו זאָלסט מיך נישט דערקענען.

אַ מאָל טרעפט: ווי ביי אַ געניטן מענטש, וואָס ווייסט שוין אַלע פּאַרטלען, — אַז דאָס געלט בלאָנקעט אַרום, אַ ביסל מער פון צוויי דריי טעג, ביז ס'קומט צוריק גראָב און אויסגעפּאַשעט; און אַ מאָל איז עס ווי מיט אַ יינג מיידל, אַ פלאַטער־קאָפּ, וואָס רייסט זיך אַרויס פאַר דער צייט, און צעברעכט די פיס אויפן וועג, — דערלעבט נישט מער צוריק צו קומען אַ היים.

דער מלחמהדיקער סוחר ווייסט אָבער נישט פון די אַלע קינצן; און יענער וואָס האָט מורא אייבצושטעלן, — האָט באַלד נישט וואָס אויסצונעמען; אַזוי קלערט דער באַגריער ייד נישט קיין סך, און פאַרט קיין לאָדזש נאָך אַ וועגעלע שניט; און אַז ער פאַרקויפט דאָס במקרה, זעט: דער שכל האָט אים נישט פאַרפירט, נישט אָפּגענאַרט, — אַזוי לאָזט ער שפּאַנען דאָס זעלביקע וועגעלע, צי אַן אַנדער וועגעלע, און פאָרט נאָך אַ מאָל נאָך דעם אייגענעם. פאַרוואָס נישט? אַז ער האָט דערצו נישט דערלייגט די באָבעס ירושה?

און אַזוי מאַכט זיך ס'עסק, ס'הייסט: פאַרקאָכט זיך די קאַשע; אַזוי ווי יידן זען: אַז אייבער דהאָט געמאַכט, און גראָד נישט מיט די זייטן, — מיט וואָס זענען זיי ערגער פאַר יענעם? דאַרפן זיי עס, נאַטירלעך, באַלד אויסקרענקען! און ס'כאַפּן זיך אויף אַ סך: גרויסע אויגן, נישט פאַרגינערס, — וואָס מוזן נאַכטאַנצן; פאַרשטייט זיך: אַז ס'הענגען זיך אָן טויזנט סוחרים אויף אַ וועגצל פון אַ געשפּטל, — אַז ס'מוז זיך צערייסן; און אויף יענע קוקענדיק, האָט זיך אויפגעכאַפּט גאַנץ באַגריע, מקטן ועד גדול, און אַריין קיין לאָדזש:

— שניט־סחורה; רחמים פאַר אַ ביסעלע שניט־סחורה!

ס'וואָלט געפּאַסט, און נישט אַנדערש, ווי מענטשן גייען דאָ אַרום אָדם־נאַקעט, — אַזוי זאָל זיך לאָדזש דערבאַרימען און זיי געבן אַ ביסל שניט, ס'זאָל זיין מיט וואָס ס'לייב צו פאַרדעקן; לאָדזשער יידן זענען אויך נישט פון די, וואָס צוויי פאַר אַ גראָשן, — איז זיי דאָס באַלד געגאַנגען אין דער נאָז אַריין:

— הע? אַ שטאָט יידן לאָזט זיך אַרויס, און קומט כאַפּן די שמאַטעס, — בשעת זיי ליגן ביין איילן טיף אין דר'ערד; און מ'האָט שוין גאָרנישט גערעכנט: זיי זאָלן ווען אַ מאָל האָבן אַ תקומה, — מוז דאָס נישט זיין גלאַטיק.

באַגריע איז קיינמאָל נישט געווען די גרויסע איינרייסערן; זיך געד־רהאַט אירע יידן: קרעמער, וואָס פלעגן, פון צייט־צו־צייט, קומען קיין לאָדזש, — נעמען אַ פעקל, און אַ פעקל... ווייזט אויס: אַז דער ווינט האָט געגומען בלאָזן אויף צוריק: שניט איז געוואָרן זייער חריף, און באַגריע, — אַ שטאָט וואָס ברויך דאָס האָבן אי אויף אַנבייסן, אי אויף וויעטשערע, און אי אויף אונטערצולייגן זיך אונטערן קאָפּ, — מ׳זאָל האָבן אויף וואָס צו ליגן... נו, ברויכן זיי זיצן און אָפּוואַרטן די באַג־רירע סוחרים, ביז יענע וועלן קומען, — אַז מ׳קען אײנפּאַקן די קראָמען, און זיך אריבערפעקלען מיט זיי קיין באַגריע?

און, מהאי טעמא: איז האַלב לאָדזש אַריבער קיין באַגריע, — דאָרטן מסדר־זרן; בכלל: האָבן די צוויי שטעט, אין דער איצטיקער מלחמה, — זיך דערגענטערט. וואָרן, וואָס האָט, אַ שטייגער, אַזאַ כרך ווי לאָדזש, וואָס האָט זיך געהנדלט צו דער גרויסער וועלט, געשמייכלט צו גאַנצע לענדער, — געקענט אָפּיר־האָבן מיט אַ באַגריע? וואָס האָט זיך אין אירע אויגן, — געקענט אַנזען ווי אַ שפּילקע־קעפּל? אַ מאָל, אין די גוטע יאָרן, ווען לאָדזש איז געווען אין די פעדערן, — האָט זי זיך אויף אַזאַ שטייגער שטעטעלע אפילו נישט אומגעקוקט; וואָס טוט די מלד־זמה? זי גיט אַ שנעל דער מיודרסת לאָדזש אין דער נאָז אַריין; „זיי נישט ביי זיך אַזוי אין גרויסן!״, און אַ צי ביים רעכטן אויער ביי דעם פיצעלע באַגריע: „דו, זיי ווידער נישט ביי זיך אַזוי שפּלדיק!״ און, נישט איין שידוך איז שוין אַזויערנאָך געשלאָסן געוואָרן; אַז מ׳האָט איינעם אַ ביסל אַראָפּגעקלאָפּט, און דעם צווייטן אַ ביסל אויפגעהויבן.

זיצט האַלב לאָדזש אין באַגריע, און אין בית אשר אין שם מת, — ס׳זאָל זיך נישט געפינען אין דעם קיין ביסל שניט־סחורה; עס קויפן רייכע, און ס׳קויפן אָרימע; פון חסידישן שטאַנד און פון אפּיקורסישן קלאַס; עס האָט זיך אויסגעמישט: אַ קאַפּעלוש מיט אַ סורדוט, אַ געהאַקטע קאַפּאָטע מיט אַ זיידענע בעקעשע, און מ׳וואָלט געמעגט שווערן, — אַז קיין איינער פון זיי אַלע, ווייס באַלד נישט וואו אין דעם אַריינצוקריכן; איי, וואָס מ׳קויפט? ווייל, איינער פאַרקוקט זיך אויפן אַנדערן:

— אַז יענער קויפט, — קויפט ער אויך; פאַרוואָס זאָל ער זיין אַנדערש פון יענעמען? ס׳הייסט? ס׳ווייב זיינס וועט דאָך אים פון

דער שטוב אַרויסטרייבן, און נישט טאָרן איר מער קומען אונטער די אויגן, — אז ר׳וועט אויך נישט קויפן?

און דער, ווידער, וואָס קויפט נישט און פאַרקויפט נישט, — איז אַ מעקלער; אַ מעקלער מוז מען דורכאויס דאַרפן האָבן, ביי די אַלע געשעפטן; וואָרן, אויב מאַכאַרקע האָט איבם באַדאַרפט, על אחת כמה וכמה, — שניט? וועלכע מ׳ברויך מאַכן פון געל רויט, פון בלאָ גרין, — און ווער וועט עס מאַכן, אויב נישט קיין מעקלער? און אַ חוץ מזה: נעמען בלויז אַ שניידער, אַ שוסטער, אין דער אַרבעט אַריין; און אים אַרויפברענגען אויף דער מדרגה, — אַז ער זאָל וועלן אויסליידיקן דעם בייטל, און זיך אָנלייגן אַ קראָם מיט שניט־סחורה? ווער קען עס נאָכמער ווי אַ מעקלער? זענען דעריבער די חברה מעקלערס די גאַנצע דעה־זאָגערס, און אָן זיי וועט נישט איינגעטינקען קיין פינגער אין קאַלטן וואַסער; און זיי וועלן, דאַכט זיך, — זיך שוין גאָרנישט האָבן צו באַקלאָגן אויף דער איצטיקער מלחמה; און אפשר זיך קענען באַרימען: אַז די מלחמה איז רק פאַר זייערטוועגן געוואָרן אויפגעשפּילט.

בינו לבינו, האָט, גראָד אין מיטן ברען, אַריינגעשטעקט די נאָז דער מי ישפל; און מ׳האָט, סך הכל, נישט מער און נישט ווייניקער, — ווי אויפגעהערט צו קויפן; וואָס־אי? וואָרן, ס׳ברויך דען עפּעס זיין? אַזוי ווי מ׳ווייסט נישט פאַרוואָס ס׳האָט פריער געפלאַמט, — אַזוי ווייסט מען נישט, צוליב וואָס ס׳האָט זיך אָפּגעלאָשן, און אויפגעהערט פלאַמען; אמת: עס איז נישט געפאַלן מיט גאָר.. יעדער האָלט זיך פעסט, און ווילן נישט אַרונטערלאָזן גאָר... אָבער (וואו ס׳איז אַן אָבער, — טויג נישט!), — מען האָט אויך אויפגעהערט דערפאַר צו צאָלן אין טאָג אַריין. מע צאָלט בכלל נישט. ס׳איז אין קונה... און אפילו די מעקלערס, זענען אויך, ווי ס׳זעט אויס, — געוואָרן גרויסע קאַליקעס, אָדער קליינע בריות; און דאָס וואָס מע קויפט נישט און מ׳פאַרקויפט נישט, — דאָס, ווידער, איז נישט גוט; די לאָדזשער יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט מיט זייער קראָמען אין די האָטעלן, — קענען דאָך אייביק מיט זיי נישט זיצן; זיי מוזן די קראָמען פאַרקויפן, — אַנישט, וועלן זיי נישט האָבן וואָס צו פאַרקויפן; וועלן די קראָמען זיי אויפעסן; ס׳וועט זיי נישט קלעקן פאַר די בלויזע האָטעלן, און בלייבן אָן הוצאות אויף אַהיימצופאָרן.

און זיי זענען, ביי דער מעשה, — געבליבן שטעקן, נישט אהין און נישט אהער, מיט די ציגנער אין דרויסן:

— געוואלט, ווי אזוי פארקויפט מען די שניט־סחורה? סארא עצה גיט מען זיך דא מיט איר?

און דא, וואס ס׳ברויך ווערן ווייניקער, — האלט גאר אין איין צוקומען. ווארן, אויב באגריע ווייסט שוין: אז ס׳איז אין מסחר, ס׳איז נישטא קיין קונה אויף דער טאג־ליכט, — ווייסט עס אבער נאך נישט לאדזש; ווי אזוי זאל זי עס קענען וויסן? קלאפן א טעלעגראמע, — ווי אזוי? ס׳איז דען דא א טעלעגראף? צופארן מיט דער באן, — וואו וועט מען איר געמען? זיך הייסן איר מאכן? שרייבן א בריף, — ס׳אי גוט צו שרייבן, אז ס׳זאל זיין ווער ס׳זאל פירן... און ביז ווען־וואס, מ׳זאל קענען צו וויסן־טון, — ווארפט לאדזש ארויס פון זיך גאנצע חמרים שניט; ס׳איז נישטא דער טאג, — אז ס׳זאלן נישט אריינקומען עטליכע ברייקעס. עס גייט איין וואגן, ס׳גייען צוויי וועגן, ס׳גייען צען, הונדערט, ס׳גייט אן א שיעור... ס׳פעלט אין לאדזש שניט? אין דער גאס ווארפט זיך עס נאך דערווייל נישט אין די אויגן; מ׳קנייפט די באקן, — אז די פארב זאל שטיין; און אלצאיינס, ווי פריער, קלויבן זיך יידן, און קוקן מיט גרויסע אויגן אויף די וועגענער שניט; אז עס שטעלט זיך וועלכער אפ, באפאלט מען אים, כלומרשט, ווי די פליגן:

— וואס פירט א ייד?

— פון ביינוול?

— וואל?

דעם ייד, וועלכן ס׳איז נישט אזוי גרינג אנגעקומען אריבערצוברענגען דאס וועגעלע שניט־סחורה, — האט גארנישט קיין געשעפטן, יעדן איינעם באזונדער צו ענטפערן; און אזוי ווי ער ווייסט נאך נישט פון זיין קלאגע, — פארדרייט ער די נאז, און זאגט:

— מ׳זאל קומען צו אים אין האטעל אריין, ווייל אויף דער גאס האט ער נישט צו פארקויפן גאר.

קייכט מען פאר געלעכטער, מ׳בייסט זיך אפ שטיקער צונג.

דער ייד, ווידער, אז ער קומט אין האטעל אריין, לייגט־אפ די קראבן, און קוקט זיך ארום: ס׳איז שא־שטיל, איז אים פשיקרע:

— הע? אויפן וועג האָט מען אים שיעור נישט צעטראָגן; און דאָ, — נישט מ׳הערט און נישט מ׳זעט עמיצן פאַר די אויגן? וואו קען עס זיין?

און לויפט צו דער חברה מעקלערס, וועלכע שטייען ווי אָפּגעשלאָגענע הושענות, — מאַכט איבער זיי געוואַלטן:

— וואָס מיינט איר, בין איך מיך געקומען דאָ באַזעצן און וואוינען ביי אייך?

גייען די אַלע מעקלערס, זיך אומקוקן אויף סוחרים; און בעלנים אויף צו פאַרבינדן יענעם דעם קאָפּ, — זענען אַלעמאָל פאַראַן, נאָכדערצו אין באַגריע; און עס גייט נישט אַוועק קיין האַלבע־שעה, ווי ס׳קומען אַריין צו אים אין שטוב צוויי יידלעך, אַדורכגעטריבענע: „וואָס האָט איר אַזוינס צו פאַרקויפן, אויב מ׳קען וויסן?" דער לאַדזשער ייד האָרוועט זיך גוט אָן, ביז ער באַווייזט אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט, — און רעדט זיך דערביי אויס ס׳האַרץ פון דעם ביטערן וועג, וואָס ער האָט געהאַט; ווי איינגעשטעלט ער איז געווען, און גישט בלויז מיט דער סחורה, — נאָר אויך מיטן בידנע שטיקל לעבן; אָבער די צוויי סוחרים מאַכן זיך געפּגרט, און נישט מ׳הערט פון זיי, מ׳זאָל זאָגן, — אַ וואָרט; זיי לאָזן דעם לאָדזשער ייד אָפּרעדן, און צום סוף, אַז יענער האָט שוין באַלד פון זיך אַרויסגערעדט די גאַל, פרעגן זיי אַ תּוך־זאַך:

— מה יקר? וויפיל דאָס ברויך קאָסטן?

זאָגט זיי דער לאָדזשער ייד, און מיינט, געוויינטלעך: אַ ביסל אַהין, אַ ביסל אַהער, — און מ׳וועט דאָ אַדורכקומען אויפן עסק; און ערשט, ווידער ס׳אייגענע: די צוויי סוחרים רעדן נישט איבער קיין האַלב וואָרט, נאָר גייען אַרויס, ווי מ׳זאָגט: אָן אַ גוטן טאָג...

לויפט דער לאָדזשער ייד זיי נאָך ווי אָפּגעבריט:

— וואָס איז? איר האָט גאָרנישט וואָס צו צו־זאָגן?

און די מעקלערס נאָך זיי, פאַרסאָפּעט:

— לחלוטין, גאָרנישט?

מאַכן די צוויי סוחרים:

— אַז מ׳קען נאָך דערווייל ביי דעם ייד נישט קויפן; ער ברויך פריער אָפּזיצן דאָס זייניקע אין האָטעל; און דערנאָך, ערשט קענען האַנדלען מיט אים...

און אַז דער לאָדזשער ייִד נעמט זיך אַרומקוקן אין האָטעל: מי ומי, מיט וועמען ער איז דאָ דאָ? זעט ער: אַז ער איז ב״ה, נישט אַליין; אַז מיט אים אויף דער אכסניה איז אַ גאַנץ שטיק לאָדזש, אַ האַלבע פּיעטריקאָווער גאַס... און פון זיי דערגייט ער, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזוי פריגעלדיק מיט שניט; זיי זיצן שוין מכמה טעג, אַנדערע — וואָכן, און ס׳איז אין קונה; עס שמעקט צו איר קיין הונט נישט צו; מ׳קויפט נישט מער; און אַז מ׳קויפט יאָ, — איז אונטערן קרן; פון ריוח איז אָפּגערעדט...

ס׳גייט פאַרביי אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, — ס׳זענען שוין ביי אים געווען סוחרים, מכל המינים; איטליכער האָט באַטאָפּט די קראָם, פון אים געהערט די זעלביקע מעשה, און אַוועק מיט דעם זעלביקן וואָס זיי זענען געקומען; וואָס קען, נעבעך, דער ייִד, אין אַזאַ פאַל, טון? פאַרשטייט זיך: דאָס אַזוי גיך ווי די מעקלערס קראַצן אויס עפּעס אַ שטיקל קונה פון אונטער דר׳ערד, וואָס לאָזט זיך שוין באַדברן, און קויפט, — איז שוין דענצמאָל אַ רדמנות אויפן לאָדזשער ייִד... יענער דינגט זיך אָפּ אַ האַלבן טאָג: „אַז ער קען נישט געבן דאָס געבעטענע געלט..." און דער, — וויינט מיט בלוט: „אַז ער ווערט אויסגעריסן ביזן ביין!" קוקט מיט פאַרלאָפּענע אויגן צו די ווענט פונעם האָטעל־שטיבל: „וואָס זאָל ער דאָ טון? נישט פאַרקויפן? לענגער רייטן אויפן פּעקל? לייגן ס׳לעבעדיקע אויפן טויטן?" וואָס מער ער וועט דאָ זיצן, אַלץ ווייניקער וועט ער דאָך האָבן; עס איז שוין באַלד מער דעם האָטעלס ווי זיינס... דעריבער זאָל ער גיין לחיים ולשלום, און האָבן אַ גוטן שליטוועגס...

פאַרהאַקט די קראָם, ערשט, ברודערשי, שטיי: האַלטן די מעקלערס אויפגעשטעלט די הענט:

— רח״ש!

— דהע?

— וואָס־אי? ס׳קומט זיי אפשר נישט? נישט זיי, וואָלט ער דאָך פאַרפוילט געוואָרן מיט דער סחורה אינאיינעם...

— נאַ דיר אַ נייעם אָפּצאָל; ער האָט, אַפּנים, ווייניק דערלייגט צום פּעקל, אַ?

ס׳אַ תירוץ פאַר די בענטש־ליכט; זיי שטייען ווי די הונגעריקע וועלף, — נאָר אַרויפצוואַרפן זיך אויף אים; און אַפילו דערנאָך,

אַז זיי האָבן זיך שוין אָפּגענומען ס׳זייעריקע, — לאָזט מען איבּ נאָך אַלץ נישט אַרויס, ביז זיי וועלן האָבן אַדורכגעקומען צווישן זיך.

— וואָס זשע דאַרף מע אים נאָך האָבן, דערצו?

איז די מעשה:

— אַזוי ווי ס׳זענען דאָ צופיל מעקלערס אויף דעם איינעם מסחר, און ס׳קומט נישט מער אויס יעדן, ווי אויף איין צאָן, — האַלט מען אים דערווייל פאַר אַ משכן...

שרייט דער לאַדזשער ייד:

— וואָרן, איר זענט משוגע? אַז כ׳זאָל אייך אפילו אַוועקגעבן ס׳גאַנצע געלט, וואָס כ׳האָב אָפּגענומען פאַרן וועגעלע שניט, — וועט איר מער האָבן ווי אויף איין צאָן?

די מעקלערס גייט דאָס אין דער נאָז אַריין, און זיי לאָזן זיך אַוועק אויף מעסער־שטעך; און, עס דאַכט זיך: ווי זיי וועלן זיך דאָ נעמען קיילן ווי די דזורים; צווישן די געשרייען לאָזט זיך שאַרף דערהערן, ווי יעדער איינער וואַלט זיך דערביי אונטערגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער, און אַריבערגעשריגן צום אַנדערן:

— ידידי טשאַפּ!

— מאיר גאַפּ!

— אַטשיסקי!

— קרומער פּיסק!

מגיה־וביה: כאַפּט זיך דער לאַדזשער ייד אַרויס, און שאָקעלט זיך אָפּ ווי פון אַ באַנדע שכורים, וואָס זאָלן אים האָבן באַפאַלן:

— אַז ס׳זאָל אויף זיי קומען אַ שריפה, אַ מגפה, און דו האָבן אַן ערגערן סוף ווי אין סדום ועמורה, — זיי האָבן געהאַט.

אין גאַס אַריין קומען נאָך דערווייל אַלץ אָן פרישע וועגענער מיט שניט־סחורה. עס גייען גאַנצע בריקעס. און איידער דער לאַדזשער ייד קוקט זיך נאָך אַרום: וויפיל ער האָט דאָ אַריינגעבראַקט אינעם עסק אַריין? כאַפּט אים נאָכגיכער אָן אַ מעקלער:

— ר׳ ייד, איר זענט אפשר אַ בעלן אויף אַ וועגעלע שניט?

דער לאַדזשער ייד כאַפּט זיך, אַ צעשראָקענער, אַרויף אויף אַ פיר: „נעמטס מיך אַרויס פון דער שטאָט, און וואָס גיכער!" און ווען

ער איז שוין אָפּגעפּאָרן שיינע עטליכע וויאָרשט, קוקט ער זיך נאָך אים: צי ס׳לויפט איבם נישט ווער נאָך, פון די מעקלערס... און גיט אָפּ אַ שבח צו דעם וואָס לעבט אייביק: וואָס ער האָט אים אויסגעלייזט פון די באַגריער סוחרים, פון די מעקלערס הענט, און פאַרט אַ לעבעדיקער אַ היים.

טאַבאַק

פונעם פראַנט, וואו מ׳שלאָגט זיך הייס און פאַרביסן, — קומען־אָן זייערע ביטערע גריסן; מע קען זיי גלייך דערזען ביי אַ סך יידן אויף די פנימער, — וועלכע זענען ווייס ווי קרייד; נישט מחמת מ׳קען ביטער אָפּשניידן ביי אים, — נאָר וואָס די זעק מיט די פּעק קענען דאָ זיין אין סכנה; מ׳קען דאָס אויך דער־קענען אין די גאָז־לעכער, וואָס שניפן ווי ביי טכויערזשעס, — אַז זיי דערהערן ביי נאַכט עופות קוואַקען:

— טאָמער גייט אַזוי טאַקע די שטאָט פאַר זיי אונטער?

די געשלעגן האַקן פאַר זיי אויס דעם וועג אין וואַלד, אין פעלד, — וואו עס זאָל נישט זיין; בערג מיט חיילות פאַלן אַריין אין מורא־דיקע בהלות, און צעשפּרייטן זיך ווי בלעטלעך אויף דער ערד.

דער פראָנט בייגט זיך ווי אַביימל אויפן ווינט; די קלעפּ זענען, אַפנים, צו שווערע פאַר אים, און ער קען זיי נישט אַדורכטראָגן; ס׳איז נישט פאַר זיינע כחות מער; ער ווערט יעדע רגע פריטשמעלעט, און דערכאַפּט זיך צוריק — ווי דורך עפּעס אַ נס; מ׳גיט אים אַלץ איינאיינעם איין אַ שטאַרקן עס־לעפל: אַ גאָרשט מיט זעלנער, — און דאָס שטאַרקט אים, דערהאַלט אים נאָך אַ מינוט, און נאָך אַ מינוט, ביים לעבן; דאָס פייער איז גרויס, בלוטיק, טויטלעך, און עס ברענט מער אויס, — ווי די רפואה קען לעשן; רויטע ציגעלן רייסן זיך ביי אים פון אונטערן האַרץ, און ביי יעדן ריס, — גיט זיך עפּעס אַלץ ווי אַ כאַפּ־צוריק: גאַנץ באַגריע, מיט די הייזער, אַפּטריטן, — זיי זאָלן זיך נישט צופיל אָפּסמאַליען ביי אים.

אָבער אַז מ׳שטייט צוגעהאַקט צום אָרט: מיט הייזער, און מיט גערטנער, — מוז דער פלאַם, ווי מ׳זאָל זיך נישט אָוועקבייגן פאַר אים, — אַלץ איינאיינעם אַ פאַטש־טון אין פנים; סמאַליעט זיך דעריבער באַגריע, איז פאַרקאַפּטשעט, שוואַרץ פון סאַדזשעס, און פאַלבט מיט די אויגן־דעקלעך, ווי איינער מיט פאַרפרישעטע אויגן, וואָס ביי־זערט זיך, צערייצט, — אַז ער זאָל וואָס גיכער איינגעמען אַ מיתה

משונה, דער פראַנט; און ס'זאָל אויף אים קומען אַן אויסרייסעניש, — ווי לאַנג זי שטייט נאָך אויף די פיס, באַגריע; איז נישט אָפּגעשרפּהט מיט אַלעם; האָט נאָך אַ שטיקל הויט אויף זיך, און זשיפּעט.

יעדער זעט: אַז דער פראַנט גוססט, אַז ער איז סמוך למיתה, און מ'זוכט מיט אַלע כחות, — אים איבערצולעבן; ער וועט זיך דאָך נישט אייביק אַזוי מאַרדעווען; יעדער ווייסט: אַז מיט דעם מיליטער וואָס מפּאַקט אין אים אַריין, — וועט מען בלויז פאַרלענגערן די גסיסה זיינע; אָפּריקן די מיתה, — און נישט מער; פּונקט ווי ביי אַ חולה, וואָס איז, לכתחילה, אַוועקגעפאַלן צום טויט, — און מלאָזט אים נישט שטאַרבן; עס איז זיך צונויפגעלאָפן די גאַנצע משפּחה, אַלע קרובים, און מ'שטייט ביים בעט, מ'שרייט מיט באַנומענע קולות: „טאַטע! טאַטע!" דער קראַנקער מאַכט אויף די אויגן, קערט איבער די ווייסלעך, קוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם, און, פרעגט אים בחרם: וואָס? ווער? ווען און וואו? די זייטיקע אָבער, די צוקוקער, זעען: אַז ס'איז בחנם דאָס רייסן זיך, דאָס קול'ען; און אַז דער קראַנקער וועט נישט מער, ווי אומוואַרפן זיך נאָך אַ פּאָר שעה אין דער הינער־פּלעט, און מוזן צומאַכן די אויגן.

דאָ, דורך דעם פאַרבלאָטיקטן באַגריע, — גייט אַלץ אַרויף און אַראָפּ פונעם פראַנט; דאָ באַוועגט זיך די לעבעדיקע קיפּע זעלנער מיט פערד, — פון וועלכע דער פראַנט ווערט געשטאַרקט און גענערט; איבער אַלע געסלעך הויערט די קיפּע, ווי אַ מאַרעוויסקע; עס שרייען די פערד, וואָס ווערן געבייטשט, ווען זיי קענען נישט דערשלעפּן די וועגן, די איבערגעלאָדענע פירן, — און ס'אַ קנאַפּער אויסרייד פאַר זיי; באשר ובכן, ס'איז דער פראַנט; אויך דאָס קרעכצן פון די גע־ראַנירטע צעלעכערט דעם קאָפּ; אָבער העכער פון דעם אַלעם, שרייען די האַרמאַטן; זיי הילכן און רייסן זיך די העלדזער, — ווי זיי וואָלטן געזוכט וועלטן איינצולייגן, און די ערשטע פון זיי, — זאָל זיין באַגריע; ביי נאַכט קומט דאָס אויס, ווי פון אונטער דר'ערד; אַז מען מאַכט צו ס'אויג, — רייסן זיי דאָס אויף, ווי דורך אַ גייענדיקע שרויף, וואָס זאָל אַדורכגיין דעם שאַרבן; שטיל איז בלויז ס'מיליטער, — וואָס ווערט געטריבן אויפן פראַנט אַרויף, ווי אָקסן צו דער שחיטה.

ס'ביסל ייִדן אין באַגריע איז ווי אָפּגעשטאָרבן; ווידער דאַרף זיך דער פּראָנט ברעכן, — און דאָס איז ניִשט פון די באַ'טעמטע זאַכן; ווייל ביז ער וועט ווערן צעריבן, און צעבראָכן, — וועט אַ סך בלוט דאַרפן פאַרגאָסן ווערן; נישט דער וויל זיך אַזוי גרינג אַוועקרירן, און יענער, ווידער, האָט פאַרלייגט מיטן קאָפּ, מיט אַלעם וואָס ער האָט, — אַז ער זאָל זיך מוזן פאַרנעמען; און די ייִדן, נעבעך, ציטערן, — הלוואי, ס'זאָל זיי גלאַטיק אָפּגיין, און זאָלן נישט, ווי אַלעמאָל, — דאַרפן דאָ בלוטן; דער רוב פון זיי האָט זיך באַגראָבן אין די קעלערן, זיך איינגעדרייט, און פאַרמאַכט די אויגן; די האַרצער קלאַפּן ביי זיי מיד:

— אוי, טאַטע־פּאָטער! ס'זאָל נאָר זיין מיט רחמים! מיט חסד! און זיי, חלילה, נישט די קעפּ צעראַפּנעמען.

אַנדערע ייִדן, ווידער, האָבן דערשמעקט גבלה; זיי זענען אַרויס פון די לעכער, און קלעטערן איבער דעכער, שאַרן זיך אַרום הינטער די ווענט, ווי נקבות פון דער מלחמה, און גיפּטיקע שמייכלען צעגייען זיך אַרום די ווינקלען פון זייערע מיילער, פון זיסן תענוג:

— יאָ, ס'וועט דאָ זיין ביי וואָס אָפּצולעקן אַ ביין.

אין זייערע קעפּ איז שוין אַלץ אויסגערעכנט:

— אַזוי ווי דער פּראָנט ברויך זיך איבעריקן; וועט דאָך אַרייַנפאַלן אַ גאַנצע געגענט, — וואָס לאָפּניעט פאַר אַ ביסל טאַבאַק; אַזוי וועט מע זיך זען אָנצוגרייטן דערמיט, — אַז ס'זאָל זיין אויף וואָס די וועלט שטייט.

און זיי גראָבן אויס טאַבאַק פון הינטער דער ערד; און אַז מ'קען דאָס נישט מער אויסגראָבן אין באַגריע פון הינטער דער ערד, — פאַרלייגט מען ווידער דעם קאָפּ ערגיץ אַנדערש־וואו; אין מאָגיכעוו, אין סליפּיע, אין בייזעטשין, אין לאָגעוו, אָפּט, צויזמער, — אפשר איז נאָך דאָרט דאָ אַ שמעק טאַבאַק; מע קוקט אויפן זייגער, מ'האַלט דעם דופק ביים רוּלה, — ווי לאַנג ער קען נאָך אָנטרייבן, און מ'לויפט איבער שטאָק און איבער שטיין, אַריינכאַפּן טאַבאַק; מ'קוקט נישט, וואָס מיט יעדן טריט קען מען ווערן מיט אַ קאָפּ קלענער; און וואָס מ'דרימעלט כסדר; מ'שטיפּט זיך אַדורך מיט דעם וועגעלע טאַבאַק צווישן די לאַנגע אַבאָזן, וואָס גייען פון באַגריע און קיין באַגריע; גייען אַהין מיט קוילן, און גייען אַוועק מיט קראַנקע, מיט גע־

פֿאַלענע; מע קוקט נישט, וואָס איין וועגעלע טאַבאַק ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון די צעיושעטע זעלנער, און וואָס פֿונעם אַנדערן נעמט מען אַראָפּ דעם בעל־דבר, — און ער ברעכט גלייך אָפּ די נעכטיקע וויעטשערע; ביי די דאָזיקע יידן שטייט אַ בלאָנע פֿאַר די אויגן; און זענען פֿאַרצויגן מיט אַ הייטל; זיי זעען נאָר יענע יידן, וואָס האָבן זיך יאָ אַדורכגעריסן דורך פֿייער און פֿלאַם קיין באַגריע, — און זיך דאָרט פֿאַרשטעקט מיט אים; עס האָט זיך, אַזוי ווי דער פֿראָנט איז געוואָרן לעבעדיק, גענו־מען רודערן, — אויפֿגעוועקט אין זיי דאָס טריפֿהנע בלוט, און זיי פֿילן נישט גאָר די פֿייערדיקע רוט, וואָס מאַכט פֿרענגעס אויפֿן לייב; דאָס טריפֿהנע בלוט שרייט העכער פֿון די האַרמאַטן, און פֿון די אַנדערע כלי־זיין; העכער נאָך פֿאַר דעם שרייען פֿון די זעלנער, וואָס לויפֿן אין פֿייער אַריין, — און קומען־אום; העכער אפֿילו ווי דאָס שרייען פֿון די געפֿאַלענע, וועלכע גוססען, און די שויבֿ טאָטשעט זיך ביי זיי פֿונעם מויל; וואָס, זייער געשריי דאַרף דאָך עפּעס זיין טיף, — און אַדורכגיין דורך דער גאַנצער ברייט פֿון דער טיפֿער וועלט.

דאָס טריפֿהנע בלוט שרייט:

— קוק נישט, וואָס די וועלט קערט זיך איבער; וואָרן, וויפֿיל זי זאָל זיך נישט איבערקערן, — וועט נאָך אַלץ מער דאָ איבערבלייבן; און צו דאָס וועט האָבן אַ שענער פּנים פֿונעם איבערגעקערטן, אַז מאַוסערס, אַלצאיינס, — אויב דו וועסט אַצינד נישט זען אַריינצוכאַפּן, וועסטו בלייבן מאוס און העסלעך אין אירע אויגן, — ווען אפֿילו זי וועט זיין שיין; און אויב דו וועסט האָבן, וועט זיך די וועלט, אויב זי זאָל אפֿילו זיין מאוס — אויך שפּיגלען אין דיר.

דער פֿראָנט צאַנקט; ער האָט שוין געקריגן אַ בויך ביז היגטער דער נאָז, — ווי אַ טראָגעדיקע יידענע; מע האָט שוין דאָ אַזוי אַריינגעהאַקט אין אים, אַזוי טיף זיך אַריינגעשניטן, — אַז ביידע עקן זיינע, זענען געבליבן צופּיל אַרויס; און, אַז מזאָל זיי נישט אָפּשניידן, ווי צוויי פּיס פֿונעם לייב־און־לעבן, — מוזן זיי זיך אַריינ־ריקן, און זיך אויסגלייכן מיט אים; דאָס אויסגעבויגענע אָרט, דער בויך, — רירט שוין אָן באַגריע; און די יידן, וואָס האָבן זיך אַדורכגע־ריסן מיטן טאַבאַק, — ליגן און וואַרפֿן איבער אים, היטן אים אָפּ, ווי די הינט; פּיסטן מיט די ליפּן פֿון גרויס פֿרייד, — ווי די מייז

אַרום אַ פֿאַרגעסענעם בר־מינן; נאָך אַ ביסל, אוי, נאָך אַ ביסל, און מ׳וועט האָבן אַ פֿילע שיסל, — ביז אָן דער בין; די בראַנד איז נאָך אויף אַלעם צעגאָסן, דאָס חיל שטייט־אָפּ, — אָבער דער רויך וועט זיך, סוף־כל־סוף, צעגיין; דאָס חיילות מיט אַלעם אָפּשטיין, ווערן שטויב; און פֿונעם פֿייער, פֿונעם רויך, — וועט אַרויסקומען באַגריע, זיך אויסשיילן פֿאַר דער וועלט: נאַקעט, גאַל, אָן אַ דאַך, אָן אַ טיר, אָן אַ פֿענצטער... און אויפֿן ליידיקן מאַרק, מיט דורבות אַרום, וואָס וועלן שרייען מיט מאוים׳דיקע קולות, ווי אַזוינע וואָס זענען טויב־שטום, — וועלן גאָכדעם די דאָזיקע יידן אויסלייגן זייערע קראָמען, און ס׳וועט זיך שטעלן דער יריד, דעם יידס אייביקער יריד: „וויפֿיל צאָלסטו פֿאַר אַ קאָסטן טאַבאַק?” „ק״ן ריבל פֿאַר אַ שמעק־טון צו אים: און ק״ן אלפֿים, אַז מ׳זאָל אים קריגן!”...

און ס׳וועט זיי בריען אין די הענט, פֿונעם ציילן דאָס געלט.

און וואָס טוט דאָ דער פֿאַרבלוטיקטער, צעריסן־און־צעפֿליקטער פּראָנט? ווי אַזוי איז ער זיך נוקם, — און רעכנט זיך אָפּ מיט זיי? ער נעמט צונויף די לעצטע כחות זיינע, וועלכע ברויכן נאָך ערגיץ זיין: אין די סאַמע שפּיצן פֿון די פֿינגער, האַרט אונטער די נעגל, — און ניט זיך אַ צאַפּל; נישט מער ווי איין צאַפּל, אַז זיי זאָלן ברויכן איבער־לאָזן דעם טאַבאַק פֿאַרן פֿייער פֿון דער מלחמה; פֿאַר דעם ברע־נענדיקן צאָרן אירן, — וואָס וועט זיך דאָ אויסגיסן איבער אים; און מוזן עוקר זיין פֿון באַגריע, אַזוי ווי מ׳גייט און שטייט: קרוע־ובלוע, בלויז מיטן שטיקל לעבן, צו וועלכן מ׳טוליעט זיך הייס־צו, ווי צו דעם שענסטן און בעסטן, ביי וועלכן מ׳איז געבליבן.

קדושים

אונדזער גורל:

די עטליכע בילדער זענען געשריבן געוואָרן אויף אמתע געשעענישן; די אומגעקומענע ווערן דאָ אָנגערופן מיט זייערע נעמען, און, טיילווייז, — אויך די ערטער; כמעט אין יעדן טויט פון אַ ייד, — האָט געשטעקט די האַנט פון אַ פּאָליאַק, וואָס האָט אויף אים אויסגעטראַכט אַ בלבול; אַזוי האָבן זיך באַנומען צו זיי די פּאָליאַקן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, — ווען די תלינים זענען געווען די רוסן; און אין דער צווייטער מלחמה, — האָבן שוין די פּאָליאַקן אָפן געאַרבעט מיט די דייטשן, ווען די זענען געווען די תלינים; און די האָבן אויף זיך אפשר אַ פערט חלק פון די אומגעברענגטע יידן; יענע האָבן געטראָגן מסירות צו די רוסן, און די זענען אַרויס אין די וועלדער: אין געיעג נאָך יידן, וואָס זיי האָבן געברענגט צו די דייטשישע באַרבאַרן, אַז מ׳זאָל זיי דערשיסן, — פאַר צוויי פינט צוקער; אָדער זיי אַן אַלעם, צעהאַקט מיט העק.

צווי פעלקער

די צעשטערטע אידיליע

דאָס איינגעביקטע יידישע שטעטעלע, וואָס ליגט, זינט הונדערטער יאָרן, צווישן די בערג און גריבער פון פוילן, — האָט זיך צערודערט.

ווי אין אַ דינעם צעפלאָסענעם חלום, און דורך זיידענע דרימען, געוועבן, — בלייקט אַרויס דאָס אַלטע שטעטל, אין פוילן; ווי עס זיצט פאַר דער טיר פון זיין הייזל, דער ייד, אין שפּאַנצער־הויזן, מיט אַ ספר אין דער האַנט, און אין שאָטן פונעם גראָבן קאַשטאַן־בוים, — וואָס איז ברייט צעצווייגט פאַר זיין פענצטער. אויף דער שוועל פון דער קראָם שטייט זיין ווייב, די אשת חיל, די באַהאַרצטע און גאָטספּאָרכטיקע יידישע מאַמע, און קוקט צום מאַן מיט אַ טיפע, אומענדליכע ליבשאַפט; און דאָס איז געווען סיי אין אַ הייסן זומערטאָג, ווען ער איז געזעסן אינעם קילן שאָטן פון בוים, סיי אין שפּעטן אָוונט פון קליינעם ווינטער־טאָג, — ביים חלבן ליכטל; וואו ער האָט זיך געבראָכן די קרענגעס איבער די אַלטע געלע בלעטער פון דער אַמסטערדאַמער גמרא, — אין וועלכער ער האָט זיך תמיד געגריבלט, געזוכט און געגנישטערט צווישן די אַלטע פלוגתאס; זיין ווייב האָט קיינמאָל נישט מתרעם געווען אויף דעם ביטערן גורל אירן; וואָס זי דאַרף טראָגן דעם פינצטערן עול פרנסה, טראָגן און האָבן, און דערנאָך ערשט, — צער פון גידול בנים, ווי, ביים מדרנך זיין, זיי אויפברענגען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

זי, די אשת חיל, האָט זיך צוגעקוקט, ווי ער שלינגט די שטיקער תורה, — דאָס איז געווען איר נחת, איר פרייד, דאָ אויף דער זינדיקער וועלט; און ווייל זי האָט אים נישט מבלבל געווען, געהאַט מיט אים קינדער כדת וכדין, און אויך אויפגעהאַלטן, צו דעם אַלעם, די קראָם, — ערשט געהאַפּט צו זיין זיין פיסן־בענקעלע, אחר מאה ועשרים שנה, ווען זי וועט זיך ווידער צונויפטרעפן מיט אים, אויפן עולם העליון.

אַזוי, כמעט ווי אַזוי, האָבן, פּאַרצייטענס, געלעבט די ייִדן אין פּוילן. אַזוי, און כמעט ווי אַזוי, האָט געלעבט דער אַלטער פּאַרצייטיקער ייִד, — מיט זײַנע טיפע און קלוגע אויגן; גרויסע, וואָל־דיקע ברעמען; ברייטע, צעפּלאָשעטע באָרד; און וואָס האָט תמיד גע־האַט פאַרבאָרגן אַ שטילן ציטערדיקן סוד אין די פאַלדן פון זײַן צע־קאַרבטן שטערן. אַזוי, און כמעט נישט אַנדערש ווי אַזוי, — דאָס האָט זיך געצויגן אַ דור נאָך אַ דור, און ס׳האָבן זיך אויסגעפלאָכטן גאַנצע קהילות ביי ייִדן. דער אָב פונעם הויז האָט נאָר בלויז געברויכט זען: אַז דער זון זאָל גיין אויף זײַן פוס, זיך האַלטן, אין אַ ן ערך, מיט דעם זעלביקן דרך, — און אפשר דאָס גאָרנישט געברויכט אויך צו זען; ער האָט פון זיך אַליין, צוליב זײַן טאַטנס, און די אַנדערע טאַטעס הנהגות, — נישט געוואוסט גאָר אַנדערש צו גיין; און עס זאָל, אי־בער הונדערט און צוואַנציק יאָר, — זײַן נאָך איבם אַ ממלא מקומו, וואָס זאָל ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פונעם אַלט ייִדישן לעבן, וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַ שווערן גדר פון סיגופים, דינים ומנהגים.

נישט אַנדערש ווי אַזוי, האָט אויך דערנצמאָל געלעבט זײַן שכן, דער קליינשטעטלדיקער גוי, וואָס האָט עוסק געווען, און אַרײַנגעלייגט דעם גאַנצן קאָפּ, — אין פּאַשען חזרים; ווי אויך דער פויער, וואָס האָט פאַמעלעך ווי דער אָקס, געפירט דאָס אַקעראײַזן איבערן פעלד. אַז ער האָט אָהיימגעברענגט, נאָכן נייעם, זײַנע גאַרבן, — האָט ער גוט געדענקט אין דעם גוטן, פרומען, אוטשטשיווען ייִד, פאַר וועלכן ער האָט אַזוי טיף דרך ארץ געהאַט; אים צוגעטראָגן פון זײַנע תבואות איבערן גאַנצן ווינטער, און פאַר זיי, פון זײַן ווייב, די קרעמערקע, — געקריגן ליכט, ציץ, נאָדל־פאָדעם, אָן וועלכן ער האָט זיך נישט געקענט באַגיין.

דער ייִד פלעגט יעדן פרימאָרגן אַרויסגיין פאַר דער טיר פון זײַן הייזל, מיטן ספר אין דער האַנט, וואַרפן אַ בליק פון אונטער די געדיכטע ברעמען, — צום ברייטן פעלד, איבער וועלכן ס׳איז גע־שטאַנען דאָס פּייערל, און געאַרבעט מיטן שוויס פון זײַן לייב, גע־פירט דעם אַקעראײַזן, — און אים שיקן אַ ברכה, די ברכה פון זײַן גאָט:

— אַז זיין מי זאָל זיין אָנגעלייגט; ס׳פעלד ביי אים אויפגיין מיט אַלעם גוטן; די זאַנגען זיך אויסשטיין, און נישט געטראָפן ווערן פונעם היישעריק; האָבן רעגן ביים וואַקסן און טריקעניש ביים שניידן...

און אַז דאָס פייערל פלעגט אַראָפגיין פאַרנאַכט פונעם פעלד, דערזען דעם ייד זיצן מיט זיין אָפן צעכראַסטעט האַרץ, — זיצן פאַרטראַכט איבערן ספר, — וואו ער האָט געזוכט די אייביקייט פון זיין גאָט, און פון זיין אומה, — צאַראָפלאָזן דעם קאָפּ מיט גרויס יראה, און פלאַטערן מיט יראת הכבוד:

— זייַ דיר דאַנקען, ייד, און לערן; און איך וועל שוין זען דיר בייהילפיק צו זיין, — אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן אָפּגעריסן צו ווערן פון דיינע ספרים... וואָרן, די אַלע פעלדער גייען נישט אויף פון מיין אַרבעט בלויז, — נאָר אויך פון דיין ברכה; און נישט איך וועל אַ הנאה האָבן פון זיי, נאָר דו וועסט דיר אויך באַ׳טעמט מאַכן ס׳מויל, מיט דעם וואָס זיי וועלן געבן; כ׳וועל זען, — אַז דו זאָלסט האָבן חלות אויף שבת, און ברויט אויף אין דער וואָכענס.

אַזוי האָט זיך, איין יאָר־הונדערט נאָכן אַנדערן, געוויקעלט דער צאַרטער פאָדעם, — וואָס די ביידע פעלקער האָבן צוזאַמען געשפּינען אויף דער פוילישער ערד; און ער וואָלט זיך, פיליכט, אַזוי געווען געשפּינען עד סוף כל הדורות, — וואָס ס׳איז דעם לאַנד אויפגעלייגט צו לעבן, און זיי פון אירע גערדערים אויסצושפּייען.

נישט באַשערט געווען אָבער קיין אייביקע יאָרן דער אידיליע, — און ס׳איז פון איר אַ לעגענדע געוואָרן; דער גאָלדענער פאָדעם האָט זיך איבערגעריסן. אומבאַמערקט האָט ער גענומען ציטערן, פונקט ווי אַ שפּין זאָל זיך האָבן אַוועקגעשטעלט אויף אים, אַ שווערע שפּין, פון וועלכער, ער האָט זיך אָנגעצויגן, **מער און מער**, נישט געקענט דערטראָגן די שווערקייט, — און זיך געמוטשט איבעררייסן; ביידע עקן זענען אָפּגעפאַלן באַזונדער, — און יעדעס עק פאַר זיך; צוויי פעלקער, אינגאַנצן, — באַזונדערע, און יעדעס מיט זיין פאַרב, מיט זיין קאָליר, מיט זיין גאָט, און מיט זייערע ביידענס מידות טובות ורעות; צווייערליי טראַכטן, — אין די זעלביקע אויפגאַנגען פון טעג און אָוועַנטיקע פאַרנאַכטן, וואָס איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון די בערג און טאָלן, אין פוילן.

עפּעס האָט זיך נאָך פון פריער געגומען רייסן; עפּעס, וואָס ס׳האָט זיך, לעת־עתה, נישט געלאָזט זען, נאָר שפּירן, און דערמיט, — וואָס ס׳האָט זיך אַלץ אויפגעהערט קלעפּן; אָנגעהויבן אַרויסשטאַרצן אויף יעדן טריט, אין יעדן ריר, ווי אַ סתירה צו אַלעם, וואָס איז געווען אַזוי שיין, אַזוי לייכטיק און דערהויבן ביז צו די שפּיצבערג, וואו די זון פלעגט אונטערגיין. און ווי אַזוי ס׳האָט געקענט מעגלעך זיין, — אַז דאָס זאָל געדייען אין בויך פון דער ערד, צו וועלכער דער ייד מיטן פויער האָבן זיך אינאיינעם צוגעטוליעט? אַ ווינט האָט מיט אַ מאָל געגומען בלאָזן, אַ שאַרפער, — און ער האָט דעם אַלטן ייד פאַרוויעט; דער דעמב האָט זיך איינגעבראָכן; און אַזוי ווי דעמבעס בייגן זיך נישט נאָר ברעכן זיך, — איז נישט מער געבליבן, וואָס ס׳זאָל זיך אַוועקשטעלן אויף די פיס; אַ יינגער ייד איז אויפגעקומען, וואָס האָט, נישט ווייסענדיק גאָר, — אָנגעהויבן עפּעס צו זוכן, זוכן מיט די גרויסע און טיפע אויגן, זיינע; ער האָט דערזען אינעם בלאָען הימל פון דעם לאַנד, — אַ גאָלדענעם דעקטוך איבער זיין קאָפּ און זיין געצעלט; און אין דער ערד, וואָס איז געמיסטיקט מיט די ביינער פון זיינע אור־אור־עלטערן, — אַ וואוילע מוטער, וואָס שפּייזט אַלע קינדער גלייך, ווען זיי האָבן צו איר די זעלביקע געפּילפּולע צערטליכקייטן, ווי צו אַן אייגענע מאַמען.

און דאָס האָט איבם אָנגעצינדן, דעם פּייערל; און מ׳האָט געקענט זען אין זיינע אויגן אַ פלעמל, אַזאַ טונקל פלעמל, וואָס האָט זיך נאָך, לעת־עתה, — נישט צעפלאַמט; נאָר אַז ער גייט פאַרביי דעם יידס הייזל, וואָס שטייט הונדערטער יאָרן אויף דער איינגעבוירענער ערד, — אַזוי נעמט דאָס שפּרינגען ווי אַ פייערדיקע צונג:

— וואָס ער, דער ייד, האָט זיך דאָ פאַרקליבן אין דעם לאַנד פון זיינע אבות; און ער עסט דאָס ברויט, — וואָס זיין אַקעראייזן ברענגט אַרויס פון דער ערד.

און דאָס איז געווען פרעמד דעם אַלטן פויער, ווי אויך דעם פאַרצייטיקן ייד; עס איז נישט געווען מער יענער פויער, וואָס האָט זיך געצלמט פאַר דער ברייטער באָרד זיינער, — וואָס איז געלעגן צעשפּרייט איבער די בלעטער פון דער אַלטער אַמסטערדאַמער גמרא; און ס׳איז אויך נישט מער געווען יענער ייד, וואָס איז אָפּגעזעסן זיין

גאַנץ לעבן אין שאָטן פונעם קאַשטאַן־בוים, און זיך געגריבעלט אין די מפרשים פון מהרש״א, און של״ה הקדוש...

זיי זענען שוין בײדע, אין תוך, — נישט געווען מער די אייגענע; די גראָבע הויט האָט זיך אָפּגעשיילט, און וועלכע עס האָט זיך אויך געהאַט אָנגענומען מיט אַ גראָבע שאָל, — האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן; אַ נייער ייד איז פון די טיפענישן אַרויפגעקומען; אַ ייד, וואָס ס׳איז אים נישט זייער ניחא געווען דער אַלטער שימל פון יענער יידישקייט; און אפשר אויך נישט מער געפילט קיין טעם אין דער זיסער ליבשאַפט פון זייערע זיידעס, — צו דער ערד.

און גראָד ווען ס׳איז ביי זיי ביידען געקומען דאָס געפיל פון אַן אָפּגעזונדערט לעבן, — האָט אַ ציטער געטון דאָס שטעטל; האָט די וועלט זיך צעטרייסעלט, אַ שאָקל־געטון, און דאָס קליינע פּיצעלע שטעטעלע האָט זיך אויפגערודערט ביזן גרונט; עס איז געקומען דער ריס, דער טויטליכער ריס, — וואָס האָט זיי בײדע אַוועקגעשטעלט אויף דער שאַרף פון שווערד.

ווי אויף צו להכעיס האָבן אַלע מלוכות פון דער וועלט, זיך אויסגעקליבן דאָס קליינע פלאַכע שטיקל לאַנד, און מיט אַ ווייטיק אין האַרץ, באַשלאָסן: אַז דאָ, אויף די קליינע בערגלעך און שמאָלע וואַסערלעך, וועלכע זענען, אויפן קוק, גאָרנישט אַנטקעגן די טייכן מיט די בערג פון זייערע אייגענע קעניגרייכן, — דאָס גרויסע בלאַט פון זייער אייגענעם גורל אָנצושרייבן; וואָס די שפּעטערדיקע דורות וועלן דערנאָך ברויכן לייענען, און אויפשוידערן פון די ביטערע גרוילן; זיצן און בלעטערן מיט אַ קאַלטן קאָפּ און אַ געזעצטן שכל: אַ בלאַט נאָך אַ בלאַט, ווייל בשערת יצירה און אומקום, — נישט געקענט כאַפּן, וואָס סאיז ביי איר, פון אונטער דער האַנט אַרויס; פונקט ווי יענער קינסטלער, וואָס באַקוקט ערשט דערנאָך זיין מעשה־ידי, און ברויך באַוואונדערן אָדער פאַרשעלטן, וואָס ער האָט אומבאַוואוסט באַשאַפן.

אונטערן רויטן אָפּשיין

מיט אַ בייזן צאָרן, שרעקליכן וואוט, דינערן און בליצן, ווי אַלע ווינטן וואָלטן זיך אַרויסגעקריגן פון זייערע אייביקע באַהעלטענישן, פון ים הקרח, — איז אָנגעקומען צו רייטן דער קריג אין דעם לאַנד אַריין; ווי אַ געוואַלטיקע כוואַליע, אַ וואָלקנבראָך, אַ פאַרפלייצונג, — האָט זיך אָפּגעריסן די פיל־פאַרביקע מענטשן־מאַסע, און זיך צעגאָסן ווי אַ טייך איבער די ברעגעס פון דעם מדינהלע; פון ווייטן סיביר, פון אייז־קאַלטן צפון, פון הייסן דרום, — איז איינגעזאַמלט געוואָרן דאָס חיל; דער קאָזאַק פון אוראַל, פון אַריבער דעם געפרוירענעם בייקאַל, און שטילן דאָן; דער הייס־בלוטיקער מאַדיאַר פון יענע זייט קאַרפּאַטן־בערג, דער טיראָלער מיטן טרעל אין האַלדז פון די אַלפּן, — און דעם גרינעם פעדערל אין קאַפּעלושל; דער ברייטהאַרציקער רוס פון אַרום דער וואָלגע, און דער אומפאַרגלייכלעכער דיסציפּלינירטער דייטש פון בייערן, פון זאַקסן.

די אַלע פעלקער, אײנעם יאָך פון פול אַנדערע, — האָבן זיך מיט אַ מאָל צונויפגענומען, און דאָ געגאַנגען פאַרמעסטן אין כחות, זיך פאַרהערן מיט בלוט און טרערן, — אויף דעם קליינעם שטיקל ערד, אין פוילן; און גיך, מיט אַ צעטראָגענעם ערנסט, האָבן די אַלערליי מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהערט איינער פונעם אַנדערן; די צוויי כחות, פון מזרח און פון מערב, וואָס האָבן זיך פון קיינמאָל נישט געקענט — צוזאַמענגעשטויסן; און אויך מיט אַזאַ קראַפט, פּונקט ווי צוויי צוגן, וואָס מ׳האָט געלאָזט לויפן זה לעומת זה; און מ׳קען זיך משער זיין, וואָס ס׳דהאָט געקענט ווערן פון די צווייערליי חיילותן, — וואָס זענען זיך צונויפגעפאַלן; באַזונדער, פון דעם באַרג געפאַלענע, וואָס האָט זיך אָפּגעלייגט, און דערנאָך געבליבן ליגן אַ פאַרשטיינערטער, אַן אָפּגעקילטער, — ביז ער האָט אויסגעהויכט פון זיך דאָס לעצטע ביסל וואַרימע פאַרע.

די ערשטע שאָסן האָבן הילכיק אָפּגעקלינגען איבערן לאַנד; די ערשטע שטאָלענע קאַסקע זיך אָנגעצינדן פון די זון־שטראַלן, ביים דייטש אויפן קאָפּ, וואָס איז אָנגעריטן אויף די בערג פון דער מדינה; און דאָס לאַפּעהיטל ביים נאַרישן רוס זיך אַ טרייסלגעטון, —

ווי די אויערן ביי אַן אַלטן לעקישעוואַטן הונט; דער דייטש האָט אים פּאַריקט דאָס צוויי־שאַרפיקע מעסער אונטערן האַרץ; און ער האָט זיך אַוועקגעלייגט, געגומען וויען:

— ברידער פון מיין גרויס לאַנד, גיט מיר אייער האַנט, — און איך וועל אים נישט שענקען, דעם דייטשישן בלוט־הונט.

און עס איז נישט געבליבן ווי אַ קול אין דער מדבר; דאָס גרויסע רוסלאַנד האָט גענומען וואַרפן אויף פּוילן אירע האַרמעס זעלנער; דאָס חיילות האָבן זיך משונה גיך אויסגעמישט, אין איין קנויל, געוואָרן ריזיק גרויס, ריזיק שיין, מיט יענע אַלע פאַרבן פון מאָנטנעם זונ־אונטער־גאַנג און אומעטיקן שטאַרבן; זיך צענומען איבער די קליינע בערגלעך און וואָסערלעך פון דעם צעפּאָרענעם מדינהלע; פאַרצויגן די נעצן פון גראָבע שטריק, — איבער די קליינע איינגעביקטע הייזלעך פון דעם פלאַכן ישוב; דערלאַנגט ביז צו די אַמאָליקע פּוילישע שלעסער, וועלכע זענען געווען באַזעסן פון די האַרן און פירשטן, — און אָפּגעווישט יעדן צייכן, יעדן לעבעדיקן שפור, אַז: „סאָ אַ מאָל אַ פּאַן געווען!“ נאָר דער עיקר, וואָס עס האָט אַנגעשפּאַרט אין די קליינע, ווי די געניצן, פּיצלעך הייזלעך, דערפלעך און שטעטלעך, — וועלכע ציטערן ווי דער פלאָם אין אַ לעמפּל, אַז מ׳נעמט צו־שווער טופּען מיט די שטיוול איבער די געסלעך.

און די מענטשן, אוי־ווי, זיי גייען אַרום ווי אויסגעהוילט; טוליען זיך צו די פרוכבעטע ווענט, ווען צו די אויערן דערגרייכט, און וואָס אַ מאָל העכער, און, ממילא, נענטער, — דאָס ברומען, דאָס ווילדע ברומען פון עפּעס אַ מעכטיק אומקומען; קולות, אין וועלכע מ׳קען זיך נישט פונאַנדערנעמען: צי זיי זענען פון הינטן, פון אויבן, — און ס׳שטעקט אין זיי עפּעס אַ גלויבן, אָדער סתם אַ געשריי פון אַזוינע, וואָס זענען סמוך למיתה; און האַלטן ביים פאַרגיין אין גסיסה.

ס׳קומען־אויף זאַכן, וואָס גיבן אַ שטעל־אָפּ דעם מח, ווי איינעם צווישן טירן:

— עפּעס, עפּעס ד־האָט זיך דאָס דאָרט, אויף איבער איין מינוט, אַנגעשפּאַרט אין אַ שטעטעלע, — און ס׳האָט די איינע מינוט נישט איבערגעהאַלטן: אַ שטעטעלע, וואָס האָט דורך הונדערטער יאָרן, זיך צונויפגענומען פון אַ שפּענדל מיט אַ שפּענדל, — האָט נישט מער באַדאַרפט: ווי די האַרמאַטן זאָלן אויפמאַכן די מיילער, און בלויז דערויף

אַנשרייען! און אַזוי ווי עס האָט הונדערטער יאָרן געלעבט פאַר זיך, און נישט געווען באַמערקט פון קיינעם, — אַזוי אייגן און אומבאַמערקט פון קיינעם, איז דערפון געוואָרן רויך, וואָס איז אויפגעגאַנגען צו די הימלען.

ביי נאַכט, קריכענדיק ווי די צושראָקענע האָזן אויף אַלע פיר, — צו די נאָרעס, און אין די לעכער אַריין; ווען דאָס געשריי ווערט פאַר־שטיקט אין דער קעל; מ׳קוקט דורכן פענצטער אין די הימלען, וואָס שמייכלען פון דעם רויטן אָפּשיין, — נעמט עס פיינלעך ציקן און דריקן:

— אוי, דאָרט; אוי, דאָרט האָט שוין איין צד, מסתמא, ביי דער איינגע׳עקשנטער מלחמה, — צוביסלעך אָנגעהויבן אונטערקרענקען און, פּילייכט, געוואָרן אויסגעשפּילט; צופיל געמוזט אָפּגיין אין בלוט, און ציט זיך צוריק, איבערלאָזנדיק הינטער זיך, ווי געוויינטלעך, אַ הוילע וויסטעניש, אַ פלאַך טרוקן שטיק ערד, — וואָס איז אָפּגעשיילט פון דער שווערד; דאָס פייער זיינס פאַרצערט איבערן גאַנצן וועג, וואו מע טרעט אָפּ, — אַלע דערפער און שטעט, וואָס האָבן זיך מיט צערטליכער מי נעצויגן דאָ־דאָרט, ווי אַ דהייליק אָרט, מיט געבעט און זאָרגפעלטיקער רו, דורך הונדערטער, און פּילייכט, טויזנטער הענט, — דורות נאָכ־אַנאַנד; און צו וועלכע, יעדער דור האָט נאָר בלויז צוגעלייגט אַ האַנט, — באַרירט מיט אַ פינגער; דהענט פון ד ע ם דור, פינגער פון אַ צ ו ו י י ט ן; געהירן און שכל פון אַ ד ר י ט ן; אַ גאַנצער מאָזאַאיק פון דורות, ווי אַן אויסגעשטיקטער טעפּיך פון זייט הונדערטער יאָרן, — דאָס איז יעדעס שטעטל, וואָס שטייט איצט: העל־בלאָ און טונקל גראָ, מיט בייטעגדיקע קאָלירן, אויסגעקרימטע טירן, גאַניקלעך, און זיילן ווי געדרייטע הבדלה־ליכט, — און ריכט זיך אויפן טויט.

ס׳שלעפּן זיך די חיילותן, מיד, צעהרגעט, אָן הענט און מיט הענט; אָן קעפּ, און מיט קעפּ; רעדער אָן וועגן, און וועגן — אָן רעדער; און דער פחד, וואָס וואָלט, אייגנטלעך, אַלע באַדאַרפט האָבן אַרומגע־כאַפּט, אַלע גלייך, — ליגט בלויז אויף די יידן; בלויז די יידן גייען אַרום אָן קעפּ, און ברעכן זיך די הענט; נאָר זייערע אויגן קוקן טריב און צעשראָקן אויף דעם חיילות; ווייל פון דאָרטן וואו זיי טרעטן־אָפּ, — פירן זיי מיט זיך מ י ט יידן מיט יידענעס, — אין די בערג; לאַנגע, געדיכטע שנירן; ס׳ביסל גויים, דאָס פויערים־פאָלק בלייבט זיצן אויף די ערטער, — נאָר די יידן ווערן געטריבן, געיאָגט, ווי די

בהמות, מיט בייטשן; זיי שלעפן קוים די פיס, שלימפערן, אונטער קויטיקע זעקלעך, צונויפגעבינדענע לייב־און־לעבנדיקע פעקלעך מיט שמורת, מגילות, און אומהיימליכע פנקסים פון אַלטע יידישע קהילות.

און ס'דהאָרץ גיט זיך, פאַר רגעס, אַ שטעל־אָפ, אַ פאַרכאַפ, אַ האָסטיקן פאַרקלאַפ:

— הע? וואָס איז עפּעס די קללה נאָר צוראַפּגעפאַלן בלויז צו דעם ייד אויפן קאָפ? געפינט ער זיך אַליין אונטערן רויטן אָפשיין פון פייער, — אויפן פעלד? שרעקן נישט און בלענדן נישט די אייגענע רויטע פייערן אויפן הימל, — אויף די תמימות־דיקע פויערים, און דאָס שטאָטישע גייעס, וואָס פּאַשען דזורים, — די שכנים זייערע? סקריפּעט נישט זייער אַקסל אונטערן שווערן לאַסט פון דעם היישעריק, — וואָס גייט איבערן לאַנד, און פאַרלענדט און פאַרברענט?

שטיל און בנעימות האָט געלעבט צווישן זיך דער ייד מיטן פויער, און אויך דער קליין־שטעטלדיקער גוי; יאָרנלאַנג האָט די שטילקייט געגלעט זייער רוקן; און זיך נאָך אַזוי שטיל און בנעימות־דיק געוועזן געלעבט, ווער ווייסט, ביז אין ווייטן דור, — אַז ס'וואָלט ווער, עפּעס אַ נישט־גוטס, אויף היגערשע פיס, — אָנגעצינדן איך זיי דאָס מאָנטגע פייערל; אַראָפּגעריסן די אידילישע שאָל, און אונטערן רויטן אָפשיין פון דער מלחמה, ווען די ערד האָט זיך צע־פלאַקערט, געוואָרן צעאַקערט, זיך גראָד געברויכט געבן ברידערלעך די הענט, — זיך אַוועקגעשטעלט נאַקעט־גאָל:

— אַזוי זע איך אויס; און אויב דו האָסט נאָך עפּעס ביז אַצינד געהאַט אַ קלער, — זאָלסטו וויסן.

ער זיצט, ווי פריער: דער קליינשטעטלדיקער גוי, אַזוי גוט דער פויער, אויף דער ערד, — אַריינגעשלאָגן אין איר ווי אַ פלאָקן; און נישט די האָרמאַטן מיט זייערע קאַרטעטשן, קענען אים דאָ פון איר אַראָפּרירן; בלויז דער ייד ווערט אויסגעריסן, און זיין געביין טאָר זיך נישט געפינען דאָרט, וואו מ'שלאָגט זיך; אויף אים איז אויסגעפאַלן די צוויי־פאַכיקע קללה: די מלחמה, נישט בלויז צו פילן דעם טעם פון דער מלחמה, — נאָר אויך אירע נאָכווייען; אַרויסגעטריבן צו ווערן פון די באַזעסענע מקומות, און זיך צו וואַלגערן אויף די וועגן פון אַלער־ליי לויערדיקע תהומות.

שטייען די יידן מיט בערד, שוואַרץ ווי די ערד, און זוכן דעם גרונט, — וואו ס׳ליגט דאָ דער הונט באַגראָבן? און קוקן זיך צו צום שכן, וואָס האָט זיך, בשעת דעם חורבן, — אַזוי ברייט איבער אַלעם צעלייגט; צעשלעפּט מיט זיינע פֿאַרגרעבטע לאַפּעס דאָס אָנגעזאַמלטע גוטס, און נאָך דערביי נצחונדיק, מיט גיפט, סם־המותדיק, אויפגעשאַרצט די ליפּן, אַרויס אין דרויסן מיט די הינטישע ציין:

— אַזוי בין איך; און אויב דו האָסט נאָך עפּעס ביז אַצינד געהאַט אַ קלער, — זאָלסטו וויסן.

און ס׳ווערט אַלץ פֿאַר זיי קלאָר; וואָס פֿאַר אַ גוט־מאָרגן און וואָס פֿאַר אַ גוט־יאָר.

צוויי לעגענדעס

עפּעס לעבט־אויף אַ מעשהלע פֿון פֿאַרצייטנס, וואָס האָט מער זין פֿאַר אַ לעגענדע:

ס׳איז געקומען אַ מבול אויף דער וועלט. די הימלען האָבן אויפגעמאַכט זייערע אונטערשטע און אויבערשטע געוועלבן, אויף וויפֿיל זיי זענען פֿאַראַן, — און געגאָסן מיט וואַסער; די ערד האָט זיך גיך געגומען וויגן, און אַלץ וואָס וואַקסט אויף איר, סיי די לעבעדיקע ברואים, — זיך צו טרינקען; די ערשטע כפּרה זענען, פֿאַרשטייט זיך, געווען, — די נידעריקע ערטער; און דערנאָך, אַז די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט, מיט יעדער רגע מער זיכערער צוגעטרעטן צו די באַרגיקע הייכן, — און זיי אַרומגענומען; ביז ס׳איז אַראָפּגעפֿאַלן אַזוי פֿיל וואַסער, אַז ס׳איז צו די אַלע זיבן ימים צוגעקומען נאָך אַ ים, און אַ גרויסער ים, אַן אוקינוס; און ווייל ער איז געווען אַ נייער, אַן אויפגעקומענער, פֿאַרדאָס, אַ בייזער, אַ צאַרנדיקער; קוקענדיק אויף זיין אויבערפֿלאַך, וואו ס׳האָבן זיך געהאַלטן באַלקענס, ברעטער, ווענט, — דער שיפֿבראָך פֿון אַ שטאָט, ריכטיקער: פֿון שטעט, — האָט מען זיך קוים געקענט אָנמשלען אין דמיון: אַז ס׳האָבן אונטער אים אַ מאָל געזאָלט זיין ישובים, וואָס זאָלן אַזוי זיין פֿאַרטרינקען, ביז איבער די אויערן.

און דענצמאל האבן אלע ברואים, סיי די וואסווימלען אויף דער ערד, סיי יענע וואס שוועבן אין דער לופטן; אלע חיות, בהמות, עופות און פייגל, שקצים ורמשים, — אינאיינעם אויפגעהויבן א זייער גרויס געשריי; נישט געדענקט אין דער אייגעבוירענער שנאה פון איינעם צום אנדערן, אדער, אויף דער מינוט, איר אפגעמעקט, — ווי זי וואלט קיינמאל נישט געווען, און זיך אינאיינעם געלאזט צו די בערג; צוערשט צו די נידעריקע, און אז ס'האט געהאלטן שמאל, — צו די העכערע; און שווימענדיק, אויסגעמישט אינאיינעם, איבער די ברויזנדיקע כוואליעס, — נאך איינס ס'אנדערע, צי ס'איז געווען א קאץ מיט א מויז, א הונט מיט א קאץ, — זיך אונטערגעשטעלט א פלייצע: „שפאר דיך אן, ברודערל!" ביז מ'האט זיך דערשלאגן צו א בארג, און ארויפגעקראכן, ווי־ווייט מען האט נאר געקענט קריכן, — צום שפיץ זיינעם.

און זיי זענען אזוי געזעסן, די אלע חיות מיט די בהמות; לייבן מיט אקסן, קי מיט טיגריסן, הירשן מיט לעמפארטן, בערן מיט האזן, וועלף מיט שעפסן, עגדיסן, שלאנגען, אדלערס, שפארבערס, קליינע שפיל־פייגעלעך, געלע קאנאריקלעך, — אלע וואס האבן זיך געראטעוועט פון זייערע צעריסענע און צעפליקטע היימען; געזעסן צו־זאמען, אויסגעמישט און אינאיינעם: די לייבן, — ארומגעדרייט אין בייגל, מיט פארזשמורעטע אויגן; דער אקס, ווי אן אקס, — פאריסן דעם קאפ, און געקוקט רתמוואטע, וואו ווייט מ'האט נאר געקענט קוקן, און גע'מעלה־גירהט; דער הירש, סתם פארלעגן, מיט זיינע געדרייטע הערנער, — וואס האט געשלינגען די וואסערן מיט זיינע גרויסע קעלבערנע אויגן; דער אדלער, דער שפארבער, — זיי האבן ארייגעשטאכן די שנאבלען, און זיי באהאלטן פאר בעסערע און שענערע טעג, — צווישן די פעדערן, און זיך נישט געוואלט אומקוקן אויף גאר; די פייגעלעך, מיט די גראע פייכטע פעדערלעך אויפן נאסן לייב, — האבן געציטערט, זיך געטרייסלט; די טייבעלעך האבן אריבערגעצויגן די הייטלען איבער די אויגן, און טיף אפגעחלומט: „אז ס'א מאל א דאך געווען איבערן קאפ, — אויף וועלכן מ'האט אויך געקענט ארומקריכן."

ארום און ארום איז ים; מ'זעט כמעט נישט מער קיין ערד; אפילו די בערג־שפיצן אירע זענען שוין פארטרינקען, — און די הימלען הערן אלץ נישט אויף צו גיסן, שלאגן איבער די קעפ; דאס וואסער רייסט זיך

אַל־ץ העכער, און נעגטער אויך צו די געציילטע בערג־שפּיצן, — ווי זיי אויך געוואָלט פאַרכאַפּן; און אויב זיי זענען נאָך נישט פאַרכאַפּט, איז עס דערפאַר, — ווייל מיטן שטאַרקן זיך פון די וואַסערן, וואָס ווילן זיך אויפהייבן איבער די בערג־שפּיצן, — הייבן זיך די בערג שפּיצן אויף איבער די וואַסערן; וואָס מער יענע הייבן זיך אַרויף, אַרויף צו זיי, — הייבן זיך אַלץ מער און מער אויף די בערג צו די וואָלקן, און קענען זיך איינס ס׳אַנדערע נישט אָניאָגן; און מיט די בערג אינ־איינעם הייבן זיך די אַלע מיני חיורת רעות, הייבן זיך צו די הימלען ווי זיי וואָלטן געווען ראוי, כאָטש נישט מער ווי חיות, — אַזוי הויך אָנצוקומען, צוליב זייער „אויסמענטשלען" זיך, און נישט אין זין האָבן: איינס ס׳אַנדערע זיך די קעפּ אַראָפּצודרייען; די בערג הייבן זיך אין זייער זכות, און זיי קוקן אַרונטער צו דער אונטערגעגאַנגענער וועלט, צום תוהו ובוהו, און וואַרטן אויף אַ נייע מעשה בראשית, ביז ס׳וועט זיך איפמאַכן אַ טירעלע אין הימל, ורוח ה׳ מרחפת על פני המים, — זיין אָטעם וועט אָנהייבן בלאָזן איבער די וואַסערן; די שטראַלן פון אור הגנוז צערייסן די נעפּלען, — און דאָס וואַסער אָנהייבן אַפּלויפן אין די ימים אַריין; די ערד צוריק נעמען אַרויסקוקן אַ גאַלע און אָן אָפּגעשווענקטע.

אַזוי אָן ערד וועט אויך זיין די לעגענדע פון דער גרוי־סער וועלט־מלחמה, אין אַ סך, אַ סך יאָרן אַרום:

ס׳איז געוואָרן אַ מלחמה, — און אַ ברענענדיקע; אויף ווייט און ברייט האָט זיך צעגאָסן דאָס פייער אירס, און אַלץ איז געוואָרן אַרומגע־כאַפּט פון אירע פלאַמען; צוערשט די דערפלעך, די שטעטלעך, און דערנאָך, — שוין אפילו נישט געשאָנעוועט דעם כבוד פון די אַלטע מיוחסדיקע שטעט; נו, האָבן דעמאָלט די מענטשן, ווי די חיות ביי יענעם מבול, — זיך אויך געזוכט צו ראַטעווען, און וואו מ׳האָט געקענט; און אַז מ׳זאָל, לכל הפחות, אויף דער מינוט זיין זיכער פאַרן פייער, — אויך געדענקט איינער אינעם אַנדערן, און זיך אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע: „שפּאַר דיך אָן, — אויב דו האָסט נישט מער קיין כח אײ־בערצוהאַלטן?" האָבן די מענטשן פון דיביידע פעלקער, וואָס האָבן אַ מאָל געלעבט שטיל ווי די טויבן, דאָן, בשעת שריפה, — געצויגן

ווי פריער, דעם שימערירענדיקן פאַדעם פון דער צאַרטער אידילי־יע.
— זינט דור־דורות? די מענטשן פון בײדע פעלקער, צווישן וועלכע סאיז פון פריער נאָך, פונאַנדערגעגראָבן געוואָרן אַזאַ גרוב, אַזאַ אָפּגרונט.
— איצטער, ווען זיי זענען אינאײנעם געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון די העלישע מלחמה־פלאַמען, געהאַט דעם זעלביקן געפיל פון די חיות? און אָפּגעריקט זייער אײנגעבוירענע, אָדער אײנגעפלאַנצטע שנאה, און ווי יענע, זיך אויך געגעבן די הענט, ווייניקסטענס — ביז דאָס פייער וועט איבערגיין און ווערן אָפּגעלאָשן?

געקומען איז דער סאָלדאַט פון טויזנט און דריי טויזנט מייל, — מיט דער שווערד ביים זייט, ביקס אויפן אָרעם, שפּיז אין האַנט; זיך אַראָפּגעלאָזט אַהער פון די ווילדעניש ן און סטעפּעס, סיבירער טייגעס, און אומרואיק געריטן אויף זיין ווילד פערדל; געשניפּט מיט די נאָזל־עכער, און זיך צוגעהאַרכט צו איטליכן שאָרך; ווילד פרעמד זע־נען אים דאָ די מענטשן, און דאָס פירערכטס זייערס; ער האָט אפילו נישט געחלומט פון די מקומות; אַ גוטער זעלנער, ווייסט ער, — איז ער; ס׳גאַנצע לעבן זיינס איז דאָך דאָס אַרומטרייבן זיך; ער שלאָפט מיטן פערדל זיינעם, — אַריבערגעלייגט דעם קאָפּ ביי אים אויפן רוקן; וואָרימט זיך דעם האַלדז אָן זיין גרזשיווע; דרימעלט מיטן רעוואָלווער אין מויל; און אַז מ׳זאָל אים אַפילו אַרויסנעמען פון מיטן בעסטן שלאָף, — וועט ער זיך גלייך שטעלן אויף די פיס, און רייטן, שיסן, קערן וועלטן... און דאָ? וואָס איז דאָ געשען מיט אים? אים עמיצער כישוף געטון? פון דער ערשטער מינוט, וואָס מ׳האָט אים אַהערגע־ברענגט, — איז ער עפּעס לאַ־עליכמדיק; קען זיך נישט קיין ריר טון; באַלד דעם קאָפּ אויפהייבן; וואו ער זאָל זיך נישט קערן און ווענדען, — בלענדען אים פאַר די אויגן די פייערדיקע רעגנבויגן קאָלירן; און זוכט אַ פענצטער, אַ טיר, — דורך זיי אַרויסצואַנטלויפן כאָטש מיטן לעבן; זיין קאָפּ איז אַ גראָבער, דער שכל אין אים אַן אָרעמער, — און פאַרנעמט קנאַפּ, אַז דאָס איז יענעמס כלי־זיין, וואָס איז אַזוי שאַרף געשליפן; דער צעפּראַלטער גיהנום, — וואָס מ׳האָט אויסגעבעטט אונטער זיינע פיס; עס דאַכט זיך אים, אַז עס גילט דאָ דער מורינו; די פּאה זיינע, די דהויכע קיטשמע, די צעבויגענע פיקע, — און וואָס ער איז ביי זיך אין דער היים, אין סיביר, אַריבער דעם בייקאַל, — אַ גאַנצער צעלייגער; און אַז די גבורה זיינע ליגט דורכאויס אין די

צעשויבערטע האָר... און אַז ער קומט אַ היים, דאָ וואו ער האַלט זיך, אויף דער מינוט, — אויף; אין דעם כאַטקעלע, צום פּייערל, אָדער דעם קליינשטעטלדיקן גוי; קומט אַ דריים אַ פאַרקלעמטער, אַ פאַרשעמטער, און זעצט זיך אַוועק אויפן קליינעם פּיסנ־בענקעלע, זיך פאַרלאַטן דאָס לאָך אין פּוס, צי אין געלענק; אַזוי קריכט אונטער, און אויף אַלע פיר, דאָס פּייערל, דער קליינשטעטלדיקער גוי, און נעמט אים אויפ־קלערן, ריכטיקער: אויפמאַכן דעם קאָפּ:

— ווייסטו כאָטש, ווער ס'האָט שטעקן אַ האַנט אין דעם, — וואָס דו קריגסט אַזוי געשלאָגן? קוק אַרויס אין דרויסן: זעסט דעם אַלטן, איינגעהויקערטן ייד, מיט דער ווייסער באָרד, און מיט די טריבע אויגן? די אַלטע יידענע מיטן איינגעשרימפּענעם געל־פאַרמעטענעם פּנים? הייבל אויפן קאָפּ... שבר־קופּקע... זיי זענען דיינע שונאים... און זיי זוכן דיך צו באַגראָבן...

און וואָס ווייסט ער, דער זעלנער, וואָס קומט פון סיביר, צי פונעם אוראַל? נאָכדערצו, ווען ער שטייט און ציטערט ווי אַ בלאַט; ס'קדחות וואַרפט אים; און דער גוי רייסט פון אים שטיקער, רייצט אים: „דו ווערסט אים פאַרשווייגן די קלעפּ, — וואָס דו כאַפּסט אַריין?" און צו וועמען זאָל ער אויסלאָזן דעם כעס זיינעם, דער געשלאָגענער סאָלדאַט? אויב ער קען עס נישט צום אָפענעם שונא זיינעם, דעם דייטש, פאַרוואָס זאָל ער עס נישט צום באַהאַלטענעם שונא זיינעם, — דעם ייד? אים איז אים זיכער גרינגער בייצוקומען; און ווי פון הימל אַראָפּ איז ער אים צוגעשיקט געוואָרן, דער ייד, — פאַר אַ שעיר לעזאזל, ער זאָל האָבן איבער וועמען די הענט צו צענעמען; און מיט יעדן באָכע, וואָס ער גיט אים, — זוכט ער זיך, אגב, צו צעשטרייען: „נו, טויג איך זיך אפשר נישט אויס?" פון אונטער דער ערד גראָבט ער אים אויס, דעם ייד, און טרייסלט אים ווי אַביימל אויפן ווינט, וואָס זוערט אַרומגעכאַפּט אין מיטן פרייען פעלד:

— דו ווילסט מיין טויט? אַז מזאָל מיר דאָ דעם קאָפּ אַראָפּדראַקן? ווערסט ביי מיר פריער ליגן אין דר'ערד.

אין הונדערטער יאָרן אַרום, ווען פונעם גרויסן וועלט־קריג, — וועט נישט בלייבן מער ווי דער שטויב פון אַ לעגענדע; פונקט ווי פון יענע אַלע פאַרצייטישע מלחמות; סוועלן שוין האָבן

פאַרוואַקסן געוואָרן, און זיין מיט דער ערד גלייך, — די קברים פון דעם געפאַלענעם זאַקס, בייער און קאָזאַק, אין פוילן; פונקט ווי ס'זענען שוין מער נישטאָ די שפּירן פון די שוועדן, טאָטערן, — וואָס האָבן דאָ זייערע מלחמות געפירט; און אין סאַלאָן, האַלב טונקל, זיצנדיק ביים קוימען, אויף אַ ווייך־געבעטעטער שטול, און בלעטערן דאָס בוך פון לעגענדעס: די לעגענדע פון דער וועלט, מעשה בראשית, פון פעלקער געבורט, פונעם מבול, פונעם וועלט־קריג, — און ווי שיין וועט זיין יענע לעגענדע פון די דזיורט, וואָס האָבן צווישן זיך שלום געמאַכט בעת דעם מבול, — אַז איינע זאָל די אַנדערע נישט נאָר נישט פאַרציקן, נאָר זיך אויך געבן אַ האַנט; און ווי מאוס די לעגענדע פון יענעם פאָלק, דעם פוילישן פאָלק, ווי עס האָט געזוכט אין אַ שווערע מינוט, ווען דער געשלאָגענער איז געווען צעשראָקן, — אים אַנצוריצן אויפן ייד, אויף אים אויס צוטראַכטן בלבולים, — ווען ס'האָט אויך, אונטער אים געברענט די ערד? און זיך אַרייַנטראַכטן, ווי די בערג האָבן זיך, אין דעם מענטשליכן זכות פון די חיות, — געהויבן אַלץ העכער און העכער צו די הימלען; און פון דעם חיהשן אינסטינקט ביי די מענטשן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט אָפּצוטראָגן מסירות, מאוסע שמועורט, — ווען אפילו ס'איז זיי אַליין אויסגעקומען צו זיין די כפּרה? דער חילוק איז זיי געלעגן אויפן האַלדז?

אויפן פראַנט

וויי און געשריי

ס'האָבן זיך געקליבן וואָלקנס, קליינע שטיקלעך און ברעקלעך, זיך כסדר צונויפגענומען אינאיינעם, און ס'איז פון זיי געוואָרן איינער און אַ גאַנץ גרויסער, — וואָס האָט זיך צעלייגט אויפן הימל, ווי בײַ זיך אין ווײַנגאָרטן; אים פאַרכאַפּט, און זיך נישט געוואָלט מער אַראָפּרירן פון אים; און ס'איז דורכדעם געוואָרן נאָכמער אומעטיק און טריב אויף דער ערד, — איבער וועלכער ס'איז אַרויסגעצויגן געוואָרן די שווערד.

אַז מ'האָט צוגעמאַכט די אויגן, — איז ער גלייך געלעגן אויפן קאָפּ, און מ'האָט אים געטראָגן איבער זיך; מיט יעדן טריט זיך אַלץ מער געלייגט צו די פיס, און מיט יעדן ריס פון אַ האַרמאַט, — איז זיין מראה געוואָרן אַלץ מער טויט און מאַט; ווי אַזוי איז דאָס מיגלעך: אַז אַ וואָלקן זאָל זיך צעלייגן איבערן הימל אויף טעג, וואָכן, — און חדשים גאַנצע? אים איינשלינגען מיט אַלעם, — אַזוי ווי ער זאָל לחלוטין נישט זיין? און מ'זאָל אים נישט קענען אַראָפּטרייבן, אַראָפּיאָגן, אַראָפּבעטן, — סיי מיט גוטן און סיי מיט בייזן? אפשר וועט ער זיך פּאָרט מטריח זיין, — כאָטש אויף איין טאָג, און מ'זאָל צוריקקריגן דעם הימל? ווי לאַנג איז דער שיעור, ער זאָל טראָגן אַ וואָלקן איבערן קאָפּ? ביז ס'האָט זיך עפּעס פאַרוואַלגערט אינעם מח, ווי וואַסער אין אַ שפּעלטל פון אַ צעלעכצטן שטיין: אַז דאָס ציען די האַרמאַטן אויף אים אַרויף אַזאַ פּנים; זייער אומאויפהערלעך רייסן זיך און פליקן, — ציען־אָפּ די וואָלקנס, זיי זאָלן אַזוי ליגן איבער אים, און זיך נישט וועלן אַראָפּרירן פון אים; און אַז מיט דער מינוט וואָס זיי וועלן אַנשטימט ווערן, פאַרמאַכן די מיילער, — וועט ער אויך אַרויסקריכן פון אונטער אים, און זיך פיינלעך צעשמייכלען, ווי אַ קראַנקער, וואָס טרייבט פון זיך איבער אַ גוואַלט אַראָפּ אַ קרענק.

ס'האָט מיך געכאַפּט אין מיין יינגסטן אויפבלי, אין דעם פּרימאָרגן מיינעם, — ער זאָל ווערן פאַרטונקלט פון דעם צעבושעווען פייער, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט איבער דער וועלט; און דאָס געשריי פון די פלאַמען אַרויס, — אין וועלכן ס'קומען אום דורות; דאָס געשריי פון די אומקומענדיקע, דער שמע־ישראל זייערער, — האָט מיך געטראָגן ווי אַ שטויבעלע אויפן ווינט, וואָס האָט געבריט און מיר אויסגעברענט ס'פּנים; דאָ מיך אַוועקגעוואָרפן צווישן רעשטלעך פון אַ צעטרעטענעם ישוב, דאָ: צווישן בערג מיט אויפגעשיטע קברים, און באַלד: הינטער צעפליקטע מויערן פון הייזער, וואו אַרויסגעטריבענע יידן האָבן זיך מיד צעשיט, און ביי זיי אָפּגערוט; געטולייעט צו זיך די פאַרשוועכטע רייניקייטן פון פאַרשרפהטע בתי־מדרשים, און געהיטן פון אומרואיקער צעטראָגנקייט, די פאַרמיטשעטע צום טויט, — יידישע טעכטער.

כ'האָב געקוקט אויף אַלעם, — ווי אַ צעשראָקן יינגל; און די אויגן זענען ביי מיר געוואָרן גרויס, און פאַרלאָפן: „אַזוי זעט דאָס אויס?״ און אַז כ'האָב זיי צוגעמאַכט פון שרעק און פּחד, — האָט עפּעס גענומען פלאַטערן אין מיר, פלאַטערן איבער רויע שיכטן פון אויפגעשיטע גראָבענס, וואָס האָבן זיך פריצייטיק באַדעקט מיט ראָבן: שוואַרצע, צעכראַסטעטע, — און מיט שפּיציק שאַרפע שנאָבלען; פייכטע שוואַרצע קברים אַזוינע איבער דער ערד; און ווייס־בליציקער שווערד, — אַרויסגעצויגן פון אַ פאַרהוילענע שייד; און ווי איבער די דאָזיקע בערג מיט קברים, — שלעפּט זיך אַ ייד, איינגעהויקערט, מיט די שווערע שטיוול, ווי די צענטענס — אויף די פיס; און אין פייער, וואָס שטייט דאָ קלאָר און אומקלאָר פון רויך, — טראָגט זיך פאַרביי ווי אַן אימהדיק געשריי, זיין ווייסע באָרד, וואָס העלט דאָ אין אָפּשיין פון די פלאַמען, און ווערט באַלד טונקל, גראָ, ווי דאָס אַש פון זיין פאַרברענטע שטאָט, — פון וועלכע ער גייט איצט אַוועק; ער טרעט אויף אָנגעגליטן שטיין, אָפּגעקילטן ביין, — און שרייט־אָפּ יעדן רוגזהדיקן ביל פון האַרמאַט:

— זעט: ווי איך גיי, דורך דער אַדורכגעהאַקטער ריי, — אויף קברים, אין פייער, אין רויך, אין פלאַמען, ווייל איך טראָג הויך, איבער דעם אַלעם, — די אמונה; זי זאָל נישט אַרויספאַלן ביי וועמען פון אייך דורך אַן הינטער־טיר און נישט וויסן מער פון איר.

אויף דער גאַס האָט זיך געטומלט מיט אָפּגעריסענע מחנות מיליטער, וועלכע האָבן אין דעם זעלביקן פרי־מאָרגן, — אַרײַנגעכאַפּט די שטאָט אין זייערע הענט, און געהאַט אַ פול מויל מיט איר:

— איי־ווײַ, וואָס פאַר אַ לעבעדיקע שטאָט מיט געזועלבער, — אין וועלכע ס'זענען דאָ אַזוינע גוטע זאַכן, און אַזוי פיל בורדעלן מיט שיינע יינגע הירן...

און זיך גאָרנישט געקענט זאַט־עסן מיט דעם אַלעם גוטן.

לאַנגע שנירן פון אָבאָזן האָבן שוין איצט, אַ פּאָר שעה נאָכדעם,

— ווי זיכער אַרײַנגעשטראָמט, און זיך געהאַלטן אין איין צעשטעלן, אין איין צעלייגן אונטערן פרייען הימל: אויף די ליידיקע שטיקלעך פעלד, לאָנקע, און אין גערוימע הייף; זיך צעלייגן מיט זייערע זעק קאַרטאָפל, זעק מעל, בינטן שטרוי, לעבעדיקע אָקסן, טעפּ מיט קעסלען,

— אונטער וועלכע ס'האָבן, אגב, גענומען פלאַקערן פייערן, זיך מישן און קאָכן אַ מאכל פאַר יענעם חיילות וואָס האָט זיך פאַרנומען העכער,

— נאָך אַנדערע שטעט אַרײַנצוכאַפּן; מ'זאָל זיי, פאַר זייער וואויל שטיקל אַרבעט, — דאָס האָבן אונטערצוריקן:

— גנאַט איך כאָטש אָנצופּרעסן צו דער זעט.

דער הימל האָט זיך ערשט איצט אַרויסגעריסן פון אונטער די וואָלקנס; אַז דאָס באָכאַנאַנדיקע דינערן האָט פּאַרט אײַנגענומען אַ שוואַרצן סוף, — האָט ער גענומען ווערן צוריק הימל, פריערדיקער הימל, פאַרבענקטער און אומעטיק־בלייכער; די שווערע האַרמאַטן, וואָס האָבן זיך דאָ געהאַט אײַנגעגראָבן און אײַנגעמויערט אין דער ערד,

— זענען אַוועקגעשלעפּט געוואָרן ווי די בערן, אויף אייזערנע קייטן, — העכער, העכער, ווי אפנים: אויך דאָרטן אויסצומאַכן לעכער; מ'האָט זיך געמוזט אַריבערציען מיט דעם אַלעם, אונטערן דראַנג פון יענער צאָפּעלדיקער שלאַנג, — וואָס האָט זיך דאָ איבער אייך רגע אַרומגעוויקלט אַרום דעם האַלדז פון אַ גאַנץ בינטל יינגע זעלנערלעך, און זיי דערשטיקט אָן איין פּיפּס.

דאָ האָבן נאָך אַלץ יענע זעלנער, וואָס האָבן באַוויזן אָפּצוטון דאָס שטיקל אַרבעט, — אומגעווייִנטלעך געהוליעט; ווי זיך גאָרנישט

געקענט אָנפּרעסן מיט דעם גאַנצן גוטן, — וואָס ס'איז זיי אָריינגעפאַלן אין בוזים, ווי אויך אין די קעשענעס; ביז, ביז מ'וועט זיי הייסן מוחל זיין:

— איר האָט זיך שוין אָפּגענומען ס'אייעריקע מיט אַ פול מויל, — און פאַרנעמט זיך צוריק אויפן פראָנט, צו דער מלאכה.

נישט ווייט פונעם שטאָט־גאָרטן, אויף אַ ליידיק שטיקל אָפּגעטרעטן פעלד, וואָס איז עפּעס ווי פאַרזען געוואָרן פון די אָבאָזן מיט די שפּיטאָלן, — האָבן עטליכע זעלנער אַריינגעגראָבן צוויי קלעצער אין דר'ערד, און ביי זיי פאַרלייגט מיט אַ דריטן פון אויבן; און פון אַלע דריי אינאיינעם, — איז גיך געוואָרן אַ תליה, אַזאַ שטיק הימלישע יריעה, וואָס האָט נישט אַזוי געברויכט צו דערהייבן, ווי אָפּשיידן פון דער ערד.

גלייך ווי מ'האָט איבערגעטרעטן די שוועל פון דער שטאָט, — זיך שוין פאַרזען מיט איר; נישט אַזוי ווייט אָפּצושרעקן מיט איר, נאָר ווי צו ווייזן: אַז זיי זענען עס די ריכטיקע מושלים, האָבן אָפּגעצויגן, און ווער פריער, דערנאָך, — וואָס וועט זיך וועלן געבן, אַנדערש ווי פריער, — אַ ריר, וועט גאַנץ אָרענטלעך הענגען אויף איר.

די גוים, דאָס געהיגטעכץ, האָט זיך געריסן גיריק איר אָנצוקוקן; אין זיי, — ביי וועמען ס'איז פון תמיד אָן געווען אַ שטיק קרובה־שאַפט מיט אַ תליה; זיך נישט געקענט באַגיין אָן אַ שפּיץ פון אַ פאַרזשאַווערט מעסער, אַ פאַרלעגענעם רעוואָלווער, אַ שטומפּיק אייזן; ווי אויך ביי יענע, ביי וועלכע, — ווייבליכקייט, בלאָ ליכט פון איבערן אָבצאַזשור, און שאָפּען, — גייט האַנט און האַנט, און טריפט ווי אין לויטערער טראָפּן; ביי יענע און סיי ביי די, — ברענט גלייך אין און דאָס זעלביקע פייערל ווי אין פאַרשכורטע אויגן:

— וואו וועט מען וועמען נעמען, אויף איר אויפצוהענגען?

אָבער די זעלנער, וואָס האָבן אַריינגעכאַפּט די שטאָט אין זייערע הענט, האָבן שוין געזען, — די דאגה פון זייערע קעפּ אַראָפּצונעמען; און זיך, חלילה, פאַר זיי נישט האָבן מיט גאָר צו שעמען; און בשעת יענע האָבן זיך נישט געקענט מיט גאָר אָפּרײַדושן פון דער תליה, און געשלינגען די סלינע:

— וואו וועט מע וועמען נעמען, אויף איר אויפצוהענגען?

האָבן זיי שוין, נאָך איידער די שטאָט איז געווען זייער, — זיך פאַרזען מיט צוויי ייִנגע בחורים, וואָס האָבן נישט געוואוסט פון קיין פּותר און קיין חלום, — און מיט זיי, פּאַר אַלע אין די אויגן, איר מחדש געווען; די טירן פון אַלע ייִדישע קליינטן האָבן זיך, בעת מ'האָט זיי געפּירט, — גיך געגומען פאַרהאַקן; די פרענטן צו קלינגען; די לאַדענס פאַרהעמערן; דער פּחד האָט זיי פאַרטריבן אין די לעכער און די ייִדישע בחורים אַליין, בלייך און צעשראָקן, — ביי זיי אין די אויגן האָט דער גרויסער עולם זיך געוויגט, ווי געקרייזעלטע לאָקן ביי אַ מיידל, וואָס וואַרפט פאַרחידושט מיטן קאָפּ:

— האַ־האָ, — מיט וואָס מ'גייט זיך דאָ באַווייזן? מיט אַ צירק? אַ קאַראַזעליע?

יאָ, דער טעם פון הענגען מענטשן, איז מיר נאָך געלעגן גוט אין מויל, פון פאַר דער מלחמה; ווען עס האָט נישט געריסן און געביסן אונטער די נעגל, געשטאָכן אונטער די האָר, — נאָר ס'איז אָנגעשטאַנען אַ זאַט רואיק יאָר; און וואו, אַ שטייגער, האָט מען געהאָנגען? ס'רוב: אויפן הויף פון קרימינאַל, איידער דער טאָג קומט־אויף, — ער זאָל, חלילה, דאָס נישט זען; מ'האָט זיך געשעמט אים צו קוקן אין פּנים אַריין; ווען די נאַכט גיט איר לעצטן ציטער אויף די הימלען, — און ס'איז שוין כמעט מער ווי קיין נאַכט נישט; מ'האָט זיך געוואַלט אָפּ־פּאַרטיקן מיט יענעמען, — אין צווישן; און אויך ערגיץ פון דער שטאָט אַרויס, אַרום די פאָדערשטע ביימלעך פון אַ ייִנג שיטער וועלדל, — ווען די ברייטע וועלט כראָפּעט נאָך פונעם שלאָף, און קאָפּעט פון זיך דאָס בעט־געוואַנט; האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אויפצוכאַפּן, — און אויס־צערייבן די אויגן מיט אַ ברייטן סקאָצל קומט...

אַ געשריי פון די אַלע גוים האָט מיך אונטערגעהויבן; אַ פרייד געשריי, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי זיי, גלאַנצענדיק מיט די אויגן צו דער תליה, — ווען מ'האָט ביי איינעם פון די צוויי בחורים אַוועקגענומען דאָס בענקל פון אונטער די פיס, און געקענט זען: ווי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין גוף, און גע־ציטערט; און ביים אַנדערן, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט פאַרבינדן די אויגן, נאָר מיט זיי געקוקט גלייך אין די פּנימער פון דעם גע־הינטעכץ, און זיך געצילט צו טרעפן שאַרף אין זיי, ווי מיט שפּיזן:

— אַז זיי זאָלן קיין בעסערן סוף פון אים, נישט האָבן.

אויפן וועג צום באַרג, וואו דער אַלטער קלויסטער שטייט אַ פֿאַרוויינטער, אַן אָפּגעדאַנקטער, — פֿלעג איך ליב האָבן שטענדיק צו גיין; דער וועג צו אים איז געווען זייער אַ שיינער — אַלטע ביימער פֿון ביידע זייטן, האָבן אים, איבער דער גאַנצער לענג, — ווי פֿאַרהוילן; ווער רעדט, זומער, — ווען זיי האָבן זיך צעוואַקסן מיט זייערע געקרויזטע קעפּ, און באַדעקט מיט בלעטער. צווישן זיי, אויף נידריקע, הילצערנע בענק, — זענען תּמיד, ווי אויף הייסע קוילן, — געזעסן די יינגלעך מיט מיידלעך פֿון שטאָט, און געפֿלאַטערט, נישט ערגער ווי די מלאכים — ביי זיך אין גן־עדן.

איצט וויכן אים אפֿילו די הינט; נאָכדעם ווי די ערשטע שאָסן האָבן אים אָפּגעזוכט, און פֿאַרפּליצט זיינע באַהעלטענישן מיט קוילן, — איז אַלץ אויף אים ווי אָפּגעשטאָרבן; כאָטש דאָס זעלביקע איז אויך געווען אַראָפּצוציִער: וואו די הייזער שטייען, און געוועלבער זשויבן, — האָבן אָבער מענטשן אַ טבע, אַז זיי לויפֿן זיך נאָר באַהאַלטן, ווען דער חלף ליגט זיי אויפֿן האַלדז; און אַזוי גיך ווי עס לאָזט־נאָך, מ׳הערט אויף שיסן, — ווערט מען צוריק ווי פֿריער, און ס׳שטילט זיך נישט די טיר; און אַז מ׳בלייבט שוין לעבן, מ׳ציט דעם אָטעם, — מוז מען אויך זען אָנצוהאַלטן, מיט וואָס ס׳זאָל נישט זיין; נאָר יענעם שיינעם וועג, אַז מ׳האָט אים באַשאָסן, — האָבן די מיידלעך מיט די יינגלעך פֿאַר אים אָפּגעשוואוירן? זענען זיי זיך געגאַנגען אָפּזוכן אַן אַנדערן, ווען אַפֿילו אָן ביימער און אָן בלעטער.

איך האָב מיך, ווי פֿריער, — געהאַלטן מיט אים; און נישט צוליב דעם סודותדיקן מורמלען פֿון די צווייגן, שאָרכן פֿון די בלעטער, — וואָס ביים גיין; נאָר גראָד צוליב דעם שרייענדיקן פֿונעם מיליטער, — וואָס האָט זיך אויסגעקליבן דעם מיידעלשן וועג, פֿאַר אירע האַר־מאָטן מיט די שווערע כּלי־זיין; און געברויכט ווערן די בריק צווישן ביידע טיילן וועלט, — צווישן מזרח און מערב; וויפֿיל חיל עס האָט זיך שוין נישט פֿאַרבייגעטראָגן אויף אים? וואָס פֿאַר אַ פֿייערשפּייענדיקע בערג? און יעדן אין דער פֿרי, גיי איך אים זאָגן דעם זעלביקן גוט־מאָרגן ווי פֿריער, — כאָטש ער איז נישט מער דער מיידעלשער וועג, נאָר דער זעלנערישער; אַז איך קום אַרויף הינטערן באַרג,

צום פֿאַרדריפּעטן קלויסטער, — לייגט זיך פֿאַר מיר אויס דער גאַנצער פֿלאַך, פֿון אַרום און אַרום; און צווישן דעם קאָרן מיט די שטרוי־באַדעקטע כאַטקעלעך, אַלטע פֿויערים אין גראָע סערמיעגעס, — שנירעלט זיך דער וועג, ווי אַ שטילער, פֿאַרלאָזענער, מיט גראָז־באַדעקטער, ביימער פֿאַרשטעלטער, — אויף וועלכן ס׳פּלעגט זעלטן קריכן אַ וואָגן... אַ קי פֿון פֿעלד אַראָפּ... אַן אָקס מיט אַן אַקער־אייזן... און דאָס פּיצל וועג, ווי יענץ פֿאַרלוירן וואַסערל, וואָס ריזעלט שטיל, ווערט צערוישט אין ווילאַסנע, — אַזוי איז עס איצט צע־רוישט פֿונעם מיליטער; די מלחמה איז געוואָרן זיין ווילאַסנע; און זינט דאָס מיליטער האָט אים דאָ אויסגעקליבן פֿאַר זיך, אויף אים אַרויפֿגעשטעלט זיין פֿוס, — האָבן אויך אָנגעהויבן קומען אויף אים, גישט נאָר געזונטע און צעקאַליטשעטע זעלנער, נאָר אויך יידן; אײנ־איינעם מיט די אָבאָזן, עשאַלאָנען, — האָבן אויך גענומען ציען גאַנצע גראָמאַדעס, אויסגעפּליקטע מיטן וואָרצל, — שטעטלעך, דערפֿלעך, ישובים; גייענדיקע, טראָגענדיקע, — און אויך געפֿירטע אויף קליינע, נידעריקע, פֿויערישע וועגעלעך; איינגעדעקט אין בעט־געוואַנטן, וואָס זענען אַפּגעצויגן, מיט די רויטע איינשיטן אין דרויסן.

און אין איין טאָג, אַז כ׳האָב געזען אָנקומען אַזאַ שטעטל, האָב איך אָנגעכאַפּט דעם ערשטן ייד פֿון דער מחנה, — וואָס האָט געטראָגן דאָס קלימיקל זיינס; אַן עלטערער, אַן איינגעבויגענער, מיט אַ גראָע באָרד, — דאָס היטעלע אויפֿן שפּיץ־קאָפּ; ער איז געגאַנגען איינגע־בויגן, אַבער האַרט, — ווי דאָס גיין וואָלט געווען אַ שטיק פֿון אים; און זיינע אויגן האָבן געגליט מיט אַ פֿאַרבאָרגן פֿייערל, אַן איבערגענומענס, אַ געירשענטס, פֿון דור־דורות, אפֿשר; וואָס האָט אים געפֿירט פֿון פֿאַרענט, ער זאָל גיין פֿאָראויס, ווי די אַנדערע זאָלן האָבן נאָך וועמען נאָכצוגיין.

— פֿון וואַנעט גייט אַ ייד? און, וואוהין גייט אַ ייד?

צענעמט דער ייד די הענט זיינע:

— כ׳גיי פֿון דאָרטן, וואו מ׳טרייבט; און כ׳וויל נאָך, בעז״ה, ערגיץ אָנקומען, — וואו כ׳זאָל מיך קענען צו עפּעס צו שפּאָרן.

איך בין אַזוי געבליבן שטיין; כ׳האָב צוגעוואָרט ביז דאָס שטעטל וועט פֿאַרביי־גיין; דאָס גאַנצע שטעטל, — מיט אירע חולאים, און מיט איר אָרעם בעטל; און ווען די ערשטע גולים האָבן זיך שוין געהאַט

פאַרלוירן צווישן די פאָדערשטע הייזלעך פון דער שטאָט, — האָב איך אָנגעכאַפּט איינעם פון די לעצטע, פון סאַמע סוף, און, מערקווירדיק: נאָך גאַר אַ ייִנגעמאַן, מיט אַ שוואַרץ שפּראָציק בערדל, אַפּגעצערטע באַקן, — דהױט און ביין; ער האָט אויסגעזען ווי מיד פונעם גיין; אין די ווינקלען פונעם מויל, — גרויל; און עפּעס, ווי גאַר אַ דין פּעדימל וואָלט אים צוגעבינדען צו די פאַרטריבענע פונעם שטעטל, און זיך קוים אויף דעם אָנגעהאַלטן.

— וואָס איז דער מער מיט אייך, ר׳ קרוב? נאָך אַזוי ייִנג, און מיט אַזוי פיל יאוש?... מיטן קאָפּ אַראָפּ... אויסגעלאָשענע אויגן... און יע־נער אַלטער ייִד, אַ געזונט אויף אים, — איז אַזוי דערד־הױבן?... און גייט מיט אַזוי פיל גלויבן אין יעדן טריט זיינעם?

און ס׳איז ביי מיר קיין שום חידוש נישט געווען, וואָס פון פאַ־רענט פונעם שטעטל, — האָט געשפּאַנט אַן אַלטער ייִד, וואָס האָט די עדה געברויכט צו פירן; און דער ייִנגער ייִד, אַ־־און־ווי, — איז, ווי אַן אַפּגעדאַנקטער, קוים נאָכגעגאַנגען פון הינטן, צום סוף.

אויגן

שפּעט אין דער נאַכט אַריין, דאָס ראַלן פון רעדער, טראַמפּלען, אויסשרייען, אויף־פלאַמען אויף די הימלען, — האַלט יעדן צערייצט; וואו אַ הויז, אַ הייזל, עפּעס אַ לאָך און נאָך; וואו עמיץ האָט זיך געזאָלט קענען אַ ביסל צי מיט אַלעם, פאַר־בעמען, — קיטשעט מען, ביי וואָס סזאָל נישט זיין: אַ קאָמודע, אַ טישל, אַ בענקל; און דאָס: דהאַלב וואַכענדיק, ווי פאַרטיפט אין עפּעס אַ הויכע זאַך, למשל: שדים אויפן דאַך, — וואָס מטאָר אויף קיין איין רגע נישט אַראָפּלאָזן פונעם קאָפּ; און מיט יעדן פלאָם־אויף: גיט מען זיך אַ הייב, — ווי מ׳וואָלט געזעסן אויף איבער אַ ווייל, נאָך אַן אַפּרו פון אַ לאַנגען וועג, און מ׳וויל בלויז איבערדרימלען, נאַ־טירלעך: אויב דאָס אומגעהייערע טומלען וועט נאָר לאָזן.

איך האָב גאַרנישט געקוקט וואָס ס׳אַזוי שפּעט, און אָנשטאָט ערגיץ צו קיטשען ביי אַן אַנלעען פון אַ באַנק, אָדער זיך מיטשען

מיטן ברעקל שלאָף, וואָס וועט זיך ביי מיר צונעמען אויף אַ האָרעלע צו די ברעמען, — אַרומגעקראָכן צווישן די געדרייטע געסלעך און צע־הויקערטע הייזל"עך; אָפּגעריסענע, שיטערע פּלויטן, — וואו די נאַכט פינצטערניש איז געלעגן ווי אין אַ צעלעכערטן זאַק; און דער ווינט האָט געקענט אַרומפּלאָטערן ווי אויפן פרייען פעלד, — זיך מיט דעם אַלעס אומגעשטערט אַרומהאַלדזן.

איך האָב מיך גאָרנישט אַהיים־געיאָגט אַזוי גיך, — וואָס וועט מיך די היים וואָרימען? כאָטש די נאַכט איז געווען ווי עפּעס אַן אויסגעלאָשענע; כ'האָב זיך געפינען צווישן שטיקער פעלד; וואו אַ טרוקענע קעלט האָט מיך אַרומגענומען; דאָ איז, ערשטענס, דאָס ראָלן פון די פערד און וועגן, ווי אויך דאָס טרעטן פון שטיוול, — נישט געווען אַזוי אימהדיק שווער; און, צווייטענס, האָבן מיך דאָ עפּעס, צוגע־האַלטן און ווי מיט צוואַנגען, — אַ פּאָר אויגן פון אַ מיידל, וואָס כ'האָב ביי טאָג געטראָפן, מיט איר זעקל שמאַטעס אונטערן אָרעם, — ווען זי איז אָנגעקומען פון ערגיץ, — אין דער שטאָט אַריין; זיך נאָכגעג־פרעגט אויף עמיצן ביי מיר, וואָס כ'האָב נישט געוואוסט פון אים, און אויך אויף אַ געסל, — איינע פון די צעדרייטע געסלעך, וואָס זענען דאָ אַזוי ענג געקניפּט און געבינדן צווישן זיך; עס האָט מיך נישט אַזוי געפיניקט דאָס פאַרצאַנגטע פּנים אירס, — ס'איז נישט געווען ס'ערשטע פאַרצאָגטע פּנים, וואָס איז מיר אויסגעקומען צו זען אין די לעצטע פּאָר חדשים; עס האָט מיר אויך נישט קיין שלאָג־געטון אין האַרץ אַריין דאָס קול אירס, — כ'האָב שוין מער גליווער, מער צעטראָגנקייט ביי אַנדערע אין קול דערפילט; כ'בין אויך נישט צוריקגעפאַלן פאַר איר גיין, ווי זי האָט געשטעלט אירע ליימענע פיס, — נאָר וואָס עס האָט מיך געכאַפּט, און עס האַלט מיך, און מיך דאָ אַהערגעברענגט אַזוי שפּעט ביי נאַכט, — זענען אירע אויגן; אומ־געווייגטלעך־מאַטע, ווי ס'וואָלט זיך אַלץ געהאַט אויסגעלאָשן אין זיי; דאָס פינטעלע אין זיי, דער שוואַרצער אַפּל, האָט געציטערט, — פונקט ווי דאָס מענטשעלע וואָלט זיך דאָרט אויפן קאָפּ געשטעלט; זע־נען דאָס געווען די אויגן, אָדער דאָס אַלץ וואָס סהאָט זיך אָפּגעטון מיט איר, ערגיץ הינטער די פּלויטן, — וואָס האָט זיך געצאַפּעלט אַזוי משונה, אין די שפּיצן פון זייערע שוואַרץ אַפּלען? זיי האָבן מיך נאָך פון מיטן טאָג־אָן, זינט כ'האָב אַריינגעקוקט אין זיי, — אויף

קיין איין רגע נישט אָפּגעלאָזט; זיי האָבן געשטעקט אין די הימלען, אין יעדע צעשאָסענע מויער, צעריסענעם און צעפּליקטן פּלויט, — פֿון אומעטום זענען זיי מיר נאָכגעגאַנגען, און געקוקט אויף מיר, די אויגן.

אַ שטיל נאָגענדיק געוויין האָט זיך מיט אַ מאָל, דאָ גענומען פֿון ערגיץ ציען; שטיל און אויסגעצויגן געבראָכט ציען ווי אויף מיילן: זיך ווי אַרויסגעגאָסן דורך אַ קליין דין שמאָל שפּעלטעלע פֿון אַ טיר, — וואָס זאָל זיין אָוועקגעמאַכט בלויז אויף אַ האָר; איך האָב גענומען קוקן: וואו און ווער קען עס וויינען אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? און זיך גענומען דרייען נאָכן קול נאָך, אַריינגעקוקט צו יעדן פֿענצטער אין אויג: וואו? און ווער? ביז ס'דהאָט מיך צוגעצויגן צו אַ קליין צעפּיצעלט הייזל, וואו די טיר איז דרייפֿירטל געשטאַנען אָפּן, און דאָס לעמפּעלע פֿון דער קאַפּע האָט געשאָטענט פֿון הינטערן פֿאַרקאַפּטשעטן גלעזל; דאָ געמיניעט איבער רעמלעך פֿון טונקעל איינגעפֿאַלענע פּנימער אויף בילדלעך, — וואָס האָבן געהאַנגען אויף די ווענט; און וואו, צווישן וועלכע עס האָט געגלימערט אַ זיידן אויסגעגייט מזרחל, דאָס הייליק־ריינע, קודש־קדשים׳דיקע, — אַזוי ווי פּאָר אַ צייכן, און מע זאָל וויסן: וואו און אויף וועלכן אָרט, דער טאָג צעפּאָכעט צוערשט זיינע פֿליגל ווי אַן אָדלער, און די זון הייבט־אויף אירע וויעס איבער די אויגן, צו דער, פֿון איבער אַ נאַכט, פֿאַרלאָזענער ערד: „נו, ווי האָט דיר עפּעס געשמעקט מיט דער לבנהדיקער בלייכקייט, — אין דעם זאַק פֿינצטערנישז?" אויף דער פֿינצטערער פּאָדלאָגע, צווישן ברודיקע קישענס, — איז געלעגן צעוואָרפֿן אַ מיידל; מ'האָט בלויז געזען בלענדיק ווייס מיידלש לייב; און פֿון וועלכער ס'האָט זיך געצויגן ווי פֿון אַ טיפֿער ווייט, מיט עפּעס אַ יאָמערליכן באַגלייט, — דאָס נאָגענדיקע געוויין, וואָס האָט געבויערט וועלטן, הימלען, געריסן די יסודות פֿון דער ערד...

איך האָב מיך דאָ אַראָפּגעבויגן צום מיידל, איר אָנגערירט אויף אַ האָר, — און דאָס געוויין האָט מיט אַ מאָל אויפֿגעהערט; עפּעס ווי אַ ציטער וואָלט זיך דאָ אַ שפּיל געטון מיט איר; אַ שפּיזלען; אַ קאַלט דורכריזלען; יענער צאַפּל אינעם אין־סופֿדיקן געראַנגל פֿון כּוחות, — וואָס האָט איר ביים סאַמע סוף פֿאַרלענדט, ווי צווישן פֿאַלענדיקע ווענט, שיטענדיקע מויערן, — אַז זי זאָל אויפֿהערן זיין עפּעס וואָס עס לעבט; זי האָט נישט געבראָכט מער ווי דעם איינעם באַריר,

פון מיר צו איר, — אַז זי זאָל גלייך ווערן שטיל; און דאָס האַרץ נעמען טיף אָטעמען, פאָכען, ברייט הייבן, — ווי זי זאָל זיין גרייט צו אַלעם; נאָר אַז איך האָב איר געגעבן אַ ווייכן גלעט, צעגומען אַ פּאַסמע האָר אירע: „וואָס וועסטו אַזוי ליגן אויף דר'ערד?" און זי האָט דערפילט, — אַז ס'מוז דאָ עמיץ זיין מיט איר, וואָס ציטערט־אויף פאַר איר, — אַזוי האָט זיך דאָס געווויין אירס פאַרשאַרפט, — ווי דאָס וואַסער אין אַ קוועלכל, וואָס פאַרהאַלט זיך צוליב עפּעס אַ שטיין, — און נעמט דערנאָך נאָכמער גיין, מער און העכער, כמעט ווי מיט אַ געשריי: „וואָס דאָ איז געשען?" איך האָב, אויף דער רגע, — נישט געוואוסט דאָ וואָס צו טון? און זיך ווידער אַראָפּגעבויגן צו איר, איר געוואָלט איינגעמען מיט אַ לאַסקע, אַ גלעט, עפּעס ווי מיט אַ געבעט; איר געבן צו דערפילן אַז זי איז נישט אַליין, אַ שטיין; און דאָס באַשעפעניש האָט ווי רחמנות געקריגן אויף דער אָרימער וועלט, — און אויפגעהערט רייסן די גרונטן אירע מיטן וויינען אירן; זי האָט זיך דאָ ווי אָוועקגעטראָגן פון זיך אַליין, פון איר אייגענעם געביין, — און פאַר אַ רגע נישט געברויכט זיין מער דאָ הי, נאָר ערגיץ־וואו, צווישן הימל און ערד...

דאָס פלעמל קאָפּטשעט הינטערן גלעזל, — אויף דער קאַפּע; דאָס מזרח־ל, וואָס הענגט פאַר אַ צייכן: וואו עס איז דער הר־הבית, דער אָנדענק פונעם חורבן, — און מ'ברויך זיך אָוועקשטעלן צו אים מיטן פּנים, — גלימערט מיטן גאָלדענעם אויסנייעכטס; דאָס האַרץ האָט זיך נאָך אַלץ ביי מיר געוואָרפן; איך האָב געקוקט דאָ אויף איר, דאָ: צו דער טיר, געזוכט, ווי טונקל עס איז נישט געווען, — אַ זכר פון וועמען, וואָס האָט דאָ געזאָלט זיין; און דערביי, נישט ווילענדיק, — צעפירט די האַנט איבער אירע האָר; איבער די געדיכטע, לאַנגע האָר, בת־מלכהדיקע, — ביז זי האָט אַרויסגענומען ס'פּנימל פונעם קישן, וואו ס'איז געווען פאַרגראָבן; איר קינדיש, יינג־מיידלש פאַרטרויערט פּנימל, — און געעפנט די אויגן...

איך האָב אַ קוק געטון אין זיי, און אַ געשריי איז ערגיץ געבליבן הענגען ביי מיר, ווי אויף אַ ברעג פון אַ צווייג, — וואָס האָט זיך נישט געקענט מער אַפּרייסן פון אים; עס איז געווען, אויף דער האָר, — ווי דער בליק פון יענע אויגן וואָס ביים מיידל, וועלכע כ'האָב ביי טאָג געזען אַריינגיין אין דער שטאָט, מיטן זעקל שמאַטעס אונטערן אָרעם;

זיך נאָכגעפרעגט ביי מיר אויף עמיצן, וואָס כ׳האָב נישט געוואוסט פון אים, און אויף איינע פון די צעדרייטע געסלעך, — וואָס זענען צווישן זיך אַזוי ענג געקניפּט און געבינדן; און צוליב וועלכע איך טרייב מיך דאָ אַרום, בין פאַר זיי שטום, האָב נישט קיין שום וואָרט, קיין אויסדרוק און קיין צייכן — — — — — — — — — — — — — —

— — — — און דאָ דערגאַנגען דעם סוד זייערן.

— — — — — — — — — — — — — — —

דערנאָך, אַז זיי זענען מיר אונטערגעקומען: פון דאָ, פון ערגיץ אַנדערש, פון וואו ס׳זאָל נישט זיין, — האָב איך שוין געוואוסט: אַז דאָס זענען הייליק־ריינע, איינע ווי איינע, אָראָפּגעקליבענע פון בויבם, און צייטיקע: געלייטערטע יידישע אנוסות.

דער פאַרלוירענער

די האַרמאַטן האָבן נאָכאַנאַנד זיך געריסן און געפּליקט, די כמאַרעס געהאָנגען נידריק איבער דער ערד, צומאַלט: געשפּיגן מיט פולע מיילער וואַסער, אָדער סתּם אַזוי געלעגן ווי די בערן; די ערד איז צעפּוילט, בלאָטיק, — ווי גאָר קיין ערד נישט; און דאָס גיין אויף איר, — קומט־אָן שווער, מיטן טויט; דער גאַנצער עלענט פון יעדן צעטרעטענעם גרעזל, — שטאַרבט אָפּ אין מיר; דאָס אַלץ און נאָך, נאָכמער פון דעם, — איז אַריין צו מיר אין די ביינער און איך בין געוואָרן ווי צעיורן; אין דער שטוב איז ביטער צו זיין, און אין דער גאַס, — צו הימלען; דאָס געדרענג איז אַזוי גרויס, — אַז מ׳קען זיך נישט פאַרדרייען; די הייזעריקע קולות פון מיליטער, מיט דעם הירזשען פון פאַראומערטע פערד, — טראָגט זיך פון אומעטום; אַלע געסלעך אַרום זענען פול און געדיכט, — און עפּעס ווי צוגעריכט מיט קלעפּיקע בלאָטע.

איך גיי אַוועק אויפן וועג, וואָס פירט צום אַלטן קלויסטער־באַרג; ער טינקט זיך, ווי אַלע מאָל, — אין גרינגס, און איז פול מיט בלעטער; אַרום ליגן די פעלדער, — אין ברייטע צעפלאַשעטע שטרעקעס, אָפּגעגריזשעטע לאַנקעס, וואָס זאַפּן־איין אין זיך דאָס גאַנצע פייכטקייט פון די האַרבסטיקע הימלען און נעפּלען, פון די אַרומיקע וועלדער.

די קליינע הייזלעך ליגן אויסגעשפרייט, דאָס דערפל, — דאָס גוט באַקאַנטע, — וואָס גאַרטעלט אַרום די שטאָט מיינע; די צעשיטע מויערן פון דער אַלטער חורבה, — וואו קראָען האַלטן זיך אויף, שטעלן זיך אָפּ, און זייער קראַקען דערמאַנט אין טויט, אין בית־עולם, אין שווערע ווינטן מיט געדיכטע פינצטערע נעכט.

כ׳קום אַרויף הינטערן באַרג, און די הייזלעך אַנטקומען דאָ צו־ביסלעך; דער וואַלד ווערט פאַרשווימען. איך בלייב שטיין ביי אַ גראָבן: די ערד איז נאָך פריש דאָ, פייכט און פעט. אַ שוואַרצער, אייזערנער צלם, איז אויף אים נידריק אָנגעשטעקט. נעכטן איז נאָך די ערד אויף דעם אָרט געווען פלאַך, — פאַרשלאָסן; זינט עטליכע טעג האָבן זיך אַ פּאָר אונגאַרישע רייטער, אָפּגעריסענע, — אַרומגעטראָגן אויף זייערע פערד, און מיט יעדן טריט זייערן, אַריינגעקלערט: צי זיי ווערן מיט אים נענטער אָדער ווייטער פון זייערע דבֿרים; עטליכע דאָנער קאָזאַקן זענען געווען אויף זייער שליאַד, און זיי אָפּגעהיטן ווי די שפּיר־הינט, — נאָר יענע האָבן זיך נאָכאַנאַנד אַזוי פלינק אַרויסגעדרייט, אַז סהאָט אויסגעזען: ווי זיי וועלן זיך באַשטימט אויסמיידן, און קיינמאָל נישט צונויפטרעפן; נאָר עפּעס ווי אַ צופאַל וואָלט זיי צונויפגעבראַנגט, און זיך געמוזט כאַפּן צום געווער... פּיף־פּאַף, — און זיך צעפלויגן וואו די אויגן האָבן געטראָגן... אָבער פון דעם שיסן, האָט זיך דאָס פערד ביי איין קאָזאַק אַרויסגעריסן פון הינטערן געזעס זיינעם, און זיך צעלאָפן אָן אים...

און האַרט ביים וועג, צווישן די געדיכטע ביימער, וואָס רוישן פון די ווינטן; און פון די צווייגן שפּילן־צו פייגעלעך, — איז אויפגעקומען דער גראָבן. צומאָלט קומט אַ קראָ פון דער חורבה, שטעלט זיך אויפן צלם, צו קאָפּענס פונעם קבר, און צעשרייט זיך:

קראָ — קראָ —
ערגיץ ווייט,
אויפן שטילן דאָן,
צעבייזערט זיך
אַ גאַלאַגאַנער האָן,
און בלאָזט זיך אָן
ווי אַ יוסטער בעל־הבית:

קו־קע־רי־קו!
ס׳איז מיט איינעם ווייניקער
פון אונדזערע קאָזאַקן,
אויף דער ערד דאָ, — דאָ!

די אויסגעוויילטע

די גאַסן זענען אַנגעצויגן ווי די האַרטע דראָטן פונעם טעלעגראַף; אַ זעלנערישע שטייפקייט דריקט; אַז עס גייט ערגיץ וואו אַ ייד, — גייט ער איינגעביקט; די טירן פון די געוועלבער, זענען פאַרהעמערט, — ווי העט אין מיטן דער נאַכט. צומאָלט קומט־אָן אַ פּאַטרול; דריי זעלנער מיט ביקסן, און זיי גייען, אַלצאיינס, — ווי אויף אַ פּוסט פעלד. די הייזער, מיט דעם אַלעם גוטן, וואָס ס'איז אין זיי פאַראַן, — גייט זיי אויף אַזוי פיל אָן, ווי דאָס נעבעכטיקע קרייען פון אַ האָן; צומאָלט נעמען זיך שלעפּן פירלעך, — קליינע, הילצערנע, געשפּאַנט מיט נידריקע סיבירער פערדלעך, וואָס זענען געדיכט באַוואַקסן מיט שערטש; און די אָנטרייבער; אין אַזוינע גראָבע האַריקע פּעלצן, — קיטשען, דרימלען טויט־מידע, אינאיינעם מיט די קליינע פערדלעך, וואָס גייען ווי פון זיך אַליין.

מיט אַ מאָל ווערט מונטערער אין די געסלעך. עס נעמען זיך שליסן טירן, לאַדענס אָפּפאַלן, און פון די טויערן דהייבן זיך אָן אַרויסצושיטן יידן: איינציקע, עטליכע אויף אַ מאָל, — וועלכע לאָזן זיך ערגיץ אַוועקגיין; דערווייל, — נאָך צוריקגעהאַלטן, זיך רייבענדיק אָן די ווענט; עפּעס ווי מיט אַראָפּגעהאַקטע קעפּ, — אָן לעבן; זייער גאַנץ גיין איז אַ דערשלאָגענס, און ס'זעט אויס: ווי מע זאָל זיך ערגיץ צונויפקלויבן אין אַ שטוב, וואו אַ צדיק איז נפטר געוואָרן, — און דער האַרבער טויט זאָל האָבן אַוועקגעלייגט זיין חותם אויף זיי אַלע.

ביז עפּעס אַ געמירמל גיט זיך אַ כאַפּ־אויף, אַ ברייטער געמירמל, — וואָס קען זיך נאָר מאַכן אין אַ טיפן, פאַרשטיקטן גערויש; און די גאַנצע שטייפקייט פּלאַצט, — לאָזט מיט איין מאָל נאָך; פון אַלע הייף, שטיבן, — באַווייזן זיך מענגעס צעשראָקענע יידן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געשטאַרקט איבער דער אַנגעצויגענער מיליטערישקייט, און די וואַכעדיקע פּאַטרולן אירע: „מ'וועט דאָ זען, אויב זיי וועלן שטעכן און ברעכן?" און פון אַ סך פענצטער שטעקן פרויען אַרויס די

קעפּ, אַרומגעהילט מיט טיכלעך, און לויפן מיט די אויגן צווישן זיי אַלעמען:

— דהע? מ׳גייט זיי שוין פירן?

— מ׳גייט זיי שוין טאַקע פירן?

מיט דער קליינער גאַס, וואו דער עולם איז פריער אַוועק, — קומט־אָן, ווי געטריבן, די האַרמע, וואָס האָט זיך, אפנים, דאָרט אויפ־געקליבן פון די איינציקע און צוגעלייגטע יידן; זיי גייען אינאיינעם, אָן פּחד פאַר קיינעם; און צווישן זיי אַלע, אַרומגענומען מיט אַ קייט, אונטער אויפגעשטעלטע ביקסן, — טוליעט זיך אַ קליין הייפעלע יידן, וואָס איז געוואָרן פאַרנומען, און ווערט אַוועקגעפירט, ווי אין אַ שעכט־הויז אַרייַן, — אויף אומצוקומען; מ׳קען זען: אַ ווייס גרייך־גראָ צעלויכטן פּנים ביי אַן אַלטן, אַ זקן; און נאָך גאָר פאַרחלומטע אויגן ביי אַ ייִנגעמאַן; אַ צעקנייטשטן שטערן ביי אַ ייד, אַ סוחר, אַ חריף, — מיט עפּעס אַ שטיקל שמייכעלע, אַ בחורל, וואָס האָט נאָך די מוטערס מילך אויף די ליפּן.

און עפּעס גיט אַ זעץ ווי מיט אַ האַמער, אין האַרץ אַריין:

— וואָס זענען די יידן דאָ אַזוי דערשלאָגן, ווען אויף זייער גורל איז אויסגעפאַלן אַוועקצוגיין פאַר ערבות, — פון אַ גאַנצער קהילה? וואָס שפּאַרן זיי נישט די קעפּ אין די הימלען, — אַז די וואָלקן זאָלן זיך האָבן אויף וואָס צו צעלייגן, און דינערן מיט בליצן פאַר זיי פאַראויסגיין?

דער אַלטער ייד, דער זקן, האַלט דעם טלית, וואָס איז צוואָרפן ביי אים אונטערן אָרעם, — דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך געקענט מיטנעמען; קיין איין טאָג, זינט ער איז מיט זיין אַלטיטשקע אַפיר פון אונטער דער חופּה, — האָט ער נאָך נישט פאַרפעלט אין אים זיך איינצוהילן; סיי ווען ער איז געשטאַנען אויף די פיס, און איז גע־לעגן אין בעט; און פאַרוואָס זאָל ער אים דאָ נישט האָבן מיט זיך, אין דער איצטיקער שליחות, ווען עס וועט קומען די פאַרחתמטע שעה, און זיך, אַזוי זיכער ווי ס׳איז איצט טאָג איבער דער וועלט, — ברויכן איינהילן, און לעולם ועד, אין אים?

ער שלעפּט די פיס מיטן לעצטן ביסל כח; זיינע קניען זענען שוין שטייף, און ווילן זיך קוים בייגן; לאַנגע, גלייכע פלעקער, —

וואָס טראָגן אים מיט אַלע גלייך; גלייך מיט דעם יינגל דערנעבן, — וואָס שטעלט די ערשטע טריט, אַזוי ווי איינגעטינקט אין בלוט; דער הויקער אויף די אויסגעבויגענע פּלייצעס גלייכט זיך אויס, די פּאַרראָפּיעטע אויגן לייטערן זיך, און ס'פּייער פון דער זון נעמט פון זיי אַרויסלייכטן; מי כמוך, — ווער איז נאָך איצט גלייך צו אים? וואָרן, וואָס האָט אים, אַ שטייגער, אויפן גאַנצן לעבן, — געקענט אַנטקעגן קומען? דריי מאָל אין טאָג, דאַוונען? נו, דהאָט ער נישט יעדעס וואָרט איינגעזאַפּט אין זיך, — אַדורך און אַדורך? די ימים־טובים? האָט ער זיי דען נישט אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ? די ימים־נוראים? האָט ער זיך נישט אָוועקגעלייגט צו כורעים ווי אַן עבד פאַרן בעל־הבית, — ביז צו דער ערד? אָבער צו תרי"ג מצוות זיך מיט דעם אַלעם נישט געקענט דערשלאָגן... און דאָ, צום סאַמע סוף: אַז ער האָט זיך שוין געברויכט גרייטן, און, משטיינס געזאָגט, מיט וואָס? אים אונטערגערעקט, אַז ער זאָל קענען מקדש השם זיין פאַר אַ גאַנצע קהילה? אים אויסקלייבן: אַז ער זאָל ברויכן גייך פאַר איר, זיין איר כפרה, איר אַפּלייזער... און וועמען איז נאָך אַזוי וואויל ווי אים?... וואָרן, וויפיל מייל וועט ער אַזוי קענען אָפּגיין? און זיך נישט ברויכן דאָ ערגיץ אָוועקלייגן, על פרשת דרכים, — צווישן פעלד און וואַלד? און ווי זעט אויבן אויס אַזאַ טויט, אַנטקעגן יענעם, ווען מ'ברויך זיך אַריינלייגן אין בעט, און אים אָפּוואַרטן, — ביז ער וועט קומען צוקריכן, אַן שיך, אין די בלויזע זאָקן... אויף די שפּיץ פינגער... אַרויסגנבענען די נשמה די אײנע פון די גאָזלעכער, — און זיך אַדורכקאַפּן מיט איר דורכן קוימען, און איבער אַלע דעכער...

אַ צאַפּל: דער זקן איז אַרויס מיט אַ פוס פון דער מחנה; עס האָט זיך עפּעס אַ כאַפּ געטון אין אים, אין בלוט, — פון וואָס ער האָט אויף אַ האַרעלע פאַרהאַלטן דעם טריט זייַנעם; אַלע אויגן זענען געבליבן שטיין ביי אים; יעדעס מויל איז עפּעס ווי געוועזן אָנגעגאָסן און פול מיט געדיכטן קלעי, — וואָס קען נישט אַרונטער:

— הע? האָט ער זיך דאָ נישט אָפּגעשטעלט, — ווייל ער וויל אויפן אָרט מקדש השם זיין? און, טאָקע... וואָס האָט ער צו וואַרטן אויף אַזאַ זאַך, — ביז זי וועט צו אים אַראָפּפאַלן פונעם דאַך? און טאָמער, איז ער נאָך, דחלילה, בכדי איבערצוהאַלטן די אַלע עינוים קשים? אַז, מקען רעכטפאַרטיקן זיין נאָמען אויפן אָרט?

און וואָס איז דאָ געשען? אַז דאָס האָט גאָר אַ ייִנג מיידל, מיט אַ ווילד צעשויבערטן קאָפּ האָר, זיך אַדורכגעשטיפּט פון צווישן די אַלע יידן, וואָס האָבן זיי אַרויסבאַגלייט, אָנגעפּילט די גאַס, ביידע טראָטואַרן אויף איר, — ביז אויף די ווענט; קוקנדיק אין דעם הייפעלע ווי אַ צעשראָקענע סאַרנע, און אים אַנכאַפּנדיק אין דער מחנה, מיט די אויגן אירע, — גלייך אַ געשריי־געטון, וואָס קיינער וואָלט זיך נישט דערוועגט:

— זיידע, זיי־דע!

און דער זקן האָט זיך פאַרהאַלטן; אויף איבער איין רגע אים אַראָפּגעברענגט פון די וואָלקנס, און דאָס האַרץ האָט גענומען בלוטן ביי אים ווי ביי אַ טאַטן; און נאָך איידער זיינע הענט האָבן זיך צענומען, זיך געזאָלט אויפהייבן, און איר דאָ בענטשן בפני כל עם ועדה, און אפשר אויך צודריקן צום האַרץ, — האָט אים נאָכגיכער אַ זעלנער אָוועקגעלייגט ווי אַ לופּע האָלץ, צו דער ערד.

אויף אַ רגע האָט די גאַנצע גאַס פאַרהאַלטן דעם אָטעם; און גלייך אויף דערויף, האָבן די אָנגעפּילטע טראָטואַרן מיט יידן, וואָס ביז אויף די סאַמע ווענט פון די הייזער שטייענדיק, און אויף די שפּיצעג־פינגער גייענדיק, — צעוואָרפענערהייט גענומען זאָלפן, ווי צו קריאת התורה:

— חזק!

— חזק ונתחזק!

אָבער דאָס האָט שוין דעם אַלטן זקן נישט מער פון דער ערד אויפגעהויבן, און צוריק געשטעלט אויף די פיס; זיין פּנים איז געווען צעקנייטשט, די באָרד פאַרבלאָטיקט, און די גרויסע אָנגעצינדענע פלאַמיקע אויגן, — האָבן נישט מער געזען זיין אייניקל, נישט די יידן, און אויך נישט דעם וועג וואָס ברויך אים אָוועקנעמען; נאָר אַ וואָלקן, אַ גרויסן, אַ געדיכטן, — אין וועלכן ער גייט אַרויף אין הימל אַריין, און איז מקדש השם פאַר דער גאַנצער קהילה.

אויפן פעלד

גלייך נאָך השכמה, האָט די שטאָט יידן זיך פאַרנומען אויפן פעלד אַרויס; דער וועג איז געוואָרן אַזוי געדיכט, און באַשיט מיט זיי ווי מיט מאָן; די יידן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פון די שטיבלעך און בתּי־מדרשים, מנינים־ווייז, — ווי צו תשליך, מגייט; יעדעס מנין, וואָס האָט אָפּגעלייגט די טליתים, — איז נישט געגאַנגען, ווי יעדן טאָג, אַ היים, — נאָר אויפן פעלד אַרויס; די געוועלבער זענען געבליבן נישט אויפגעמאַכט, די לאָדענס פאַרשפּאַרט, און אין די שטיבן פינצטער, נישט אויפגערוימט.

עטליכע שעה, — און אויפן פעלד האָט זיך אויפגעקליבן אַ היבשער עולם; די וואָס האָבן געהאַט אַ לאָך אין האַרץ, און זענען איינס מיטן גוטן אָרט, — זענען געווען פון די ערשטע אַרויסצוקומען אויף אים; זיי האָבן זיך צעשיט איבער די שמאָלע שטוזדקעלעך פון צווישן די צעקרימטע שטיינער, פאַרעלטערטע, אָפּגעבליאַקעוועטע קברים, און עס טראָגן זיך פון זיי שטילע געוויינען, אַזוי ווי די טויטע וואָלטן שוין געהאַט ווייט אָפּגעפאָרן פון זיי, — אויף אַ מהלך; און זיי ווערן מער באַווייינט מיט אַ שאָקלען פונעם קאָפּ, מיט אַ קרעכץ, ווי אויפן הויכן קול; עטליכע פרישע קברים, רויע, פון וועלכע ס'שיט זיך אַראָפּ דאָס אויפגעשיטע זאַמד, נאָך אָן מצבות, — פלאַטערן אין אָפענע קולות, דהאַרצרייסענדיקע, — ווי ס'וואָלט יענע שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון די געשטאָרבענע; העכער אַרויף ליגט עמיץ איבער אַ קבר, און ס'גייט פון אים אַ טיף איינזיכדיק כליפּען, וואָס בויערט ווי וואַסער אין אַ שטיין, — און וויל אים דורכאויס אונטערהייבן, פאַרטראָגן, ער זאָל נישט מער אַזוי ליגן.

נאָענט, ביים טויער, — שטייט אַ יינגערמאַן, אין אַ זיידענע קאַפּאָטע, אַרומגעגאַרטעלט, האַלט אַריינגעריקטביידע גראָבע פינגער פון די הענט אין איר, און רעדט ברייט פאַר עטליכע מניגים יידן;

— סך הכל: מיט אַכט־ניין חדשים צוריק, ביי דער פּטירה פון כענטשינער רבין, ז״ל, — האָט מען צוגענומען דאָס גאַנצע אונטער־

שטע שטיק פעלד, — און מ׳ברויך שוין ווייטער צונעמען; נישטא מער וואו א מת אוועקצולייגן; וואס דער פלעקל־טיפוס האט אנגעמאכט!
איינער פון דעם קרענצל יידן, לאזט אראפ דעם קאפ:
— א תענית ציבור אויסגערופן, — אז מ׳האט די מויער ארויס־געוואָרפן; דאס שטיק פעלד צוגענומען.
א דריטער, פון די יידן:
— אויב מ׳זאל אים נישט קענען מבער זיין, דעם פלעקן־טיפוס,
— וועט מע זיך אינגיכן ברויכן ארויסריקן מיט דער טויער, ביז אין וועלדל אריין.
פון טהרה־שטיבל קומט מיט א מאל צארויסצולויפן א יינג בחורל,
— ס׳פנימל איז ביי אים בלייך ווי א קרייד, און די גאמבע ציטערט ווי אן אשיצע:
— וואס ער האט געזען? וואס ער דהאט געזען?
— וואס האסטו געזען? — קוקט מען צו אים פון ארום און ארום.
— דריי טויטע אויף א מאל; און פון זיי ליגט איינער אינגאנצן אפגעדעקט.
א ייד בייזערט זיך אפ אויף אים:
— ווער הייסט דיך קריכן, וואו מ׳ברויך נישט.
א צווייטער, זוכט אים אויסצורעדן:
— מ׳טאר נישט אזוי איינפאלן, בדחורל; וואָרן, מע קען פונעם בלויזן דערשרעקן זיך, — אוועקלייגן; און מ׳זאל זיך פארשפארן מער אויפצודהייבן.
א חברה־קדישא מאן קומט דערנאך פון דארטן ארויס, — א ברייטער, פארהארטעוועטער ייד; פארשארצט די ארבל, און ס׳קאפל אויפן שפיץ־קאפ פארדרייט; ס׳פנים איז ביי אים רויט, און די ביידע פאלעס פון דער קאפאטע, — פארשטעקט אין דער גארטל; ער רעדט הייזעריקלעך, גראב, ווי פון א פאס; און ווי איינער וואס האט אפגע־טון א שווער שטיקל ארבעט:
— די מתים זענען גרייט צו גיין אין דרערד אריין, און מ׳וועט זיי ברויכן אויפהאלטן ביז נאך דער דחופה?
— שוין מיט אלעם זיי אויסגעריכט? — קוקן אויף אים שטאר די יידן פונעם קרענצל.

— אודאי ביז נאָך דער חופּה, — זאָגט דער ייִנגערמאַן, ווי זי־
כער, — וואָס פאַר אַ שאלה?

דער קאַלטער רעגן, וואָס האָט, מיטן אויפכאַפּן זיך פונעם טאָג, געגאָסן ווי פון אַ צאַפּן, — האָט זיך צעברעקעלט, און ערשט דראָב־נע געגאַנגען; אומעטום געמאַכט שווער דאָס געמיט, און, באַזונדער, דאָ, אויפן פעלד, וואו אפילו אין אַ גרינגערן און אַ ליכטיקערן טאָג, — עס איז אומהיימלעך; דאָס רוישן הויך פון דיביימער, ס׳ווייִנען, — פאַרגרעסערט נאָכמער די אימה; אָבער די ייִדן הערן אַלץ, פונדעסט־וועגן, — נישט אויף צו קומען; און אַזוי ווי דער רעגן זוכט זיי צו־ריק־צוהאַלטן, — פאַרשאַרצן זיי די פאָלעס, און קאַפּן זיך אַדורך מיט די שווערע שטיוול, — דורך דעם בלאָטיקן וועג; זיי ווערן טאַקע אָפּגעגאָסן, און שטייען ווי יענע מצבות צוגעשפּאַרט צו דער מויער, — וואָס זענען גרייט זיך צו לאָזן אָוועקשטעלן צוקאָפּענס פון די קברים. זיי האָבן זיך אָפּגעשאָקעלט פון זייערע קראָמען און קרעמ־לעך, אין וועלכע מ׳זיצט אָפּ גאַנצע טעג, וואָכן און יאָרן, — און מ׳שטייט דאָ פאַרטיפט אין די קברים, וואו ס׳רוען זיך שוין אָפּ פון זייער שווערן עול, — יענע, מיט וועלכע מ׳האָט ערשט נעכטן און אייערנעכטן געהאַנדלט, זיך אינאיינעם אַרומגעדרייט אין גאַס, נאָכ־געזאָגט אַ ברכו מיט אַ קדושה אין בית־המדרש.

צווישן דעם עולם ייִדן דרייען זיך אויך אַרום, ווי בגנבה, — די כלי־זמרים; זיי האָבן זיך עפּעס ווי אויפגערוימט, באַהאַלטן פאַר זיך אַליין, און דערמיט געוואָלט מאַכן קליין צווישן די ייִדן, אַז מ׳זאָל זיי דאָ נישט אָנזען; די אַלע כלי־זמרים, וואָס גייען שפּילן אויף ייִדישע חתונות און אין פריצישע הייפן, — האָבן פאַרריקט, ווער: זיין פידל, ווער: דעם באַס, דעם טרומפּייט, דעם טראָמבאָן מיטן פלייט, — הינטער דער פּאָלע, אַז קיינער זאָל דאָס נישט זען פאַר די אויגן, און דער עיקר: די ווייבער, ביי וועלכע די האַרצער וועלן זיך נאָכ־מער צעגיסן: „אוי־וויי, חיים זלמן! ווי לאַנג איז, ווי דו האָסט מיר אָפּגעשפּילט, — אַז כ׳האָב אויסגעגעבן מיין קינד, וויי איז מיר און ווינד!״

אויפן שמאָלן וועגל, וואָס דרייט זיך אַראָפּ פונעם כּענטשינער שאָסיי, — קומען מיט אַ מאָל אַרויף עטליכע דראָשקעס; אָפּגערי־

סענע, פאַרשפּריצטע — פון בלאָטע מיט ערד, גייען זיי, איינע הינטער דער אַנדערע, ווי, אפניבם, נישט געהאַט מיט וואָס צו איילן, — און אַז מ׳וועט זיי דאָ מיט עפּעס פאַרטיילן; דאָ, אויפן פעלד, קען זיין, — וואָלט מען זיי, אפשר, נאָך נישט דערזען, נאָר די כּלי־זמרים, יענע ממזרישע יידן וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט, און געמאַכט קליין פאַר אַלע אין די אויגן, — האָבן זיך, מיט זייער באַווייזן זיך, — דער־פילט דאָ מער אין דער היים, מער תּקיף; און מיט איינמאָל ביי זיך אויפגעשלאָגן, געוואָרן די גאַנצע מחותּנים; זיי האָבן זיך צוגעכאַפּט צו זייערע כּלים, וואָס זענען געווען פאַרשטעקט הינטער די פּאָלעס, — און געגעבן אַ זעץ־אַרויס ווי פון אונטער דרערד; און דער בדחן, ווי אָפּגערעדט, האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ מצבה, און אויפגעזינגען אַ ברייטן ברוך הבא, אין אַ מזלדיקער שעה.

די יידן, ווייבער, — האָבן זיך גלייך צערודערט; דאָס אָפּענע וויי־נען, פאַרשטיקטע קרעכצן, איז עפּעס ווי אַריין אין די קולות פון דעם בלאָזן מיט די טרומפּייטן, פלייטן, סמיטשקען אויף די פידלען, — און מיט אַ מאָל אינגאַנצן געוואָרן וויינענדיק און צעבראָכן; יע־דער כאַפּט זיך, אַז ס׳ברויך דאָ עפּעס זיין, וואָס איז נאָך נישט, — און נעמט שפּאַנען, ווי דער וואַסער־טרעגער, אונטער זיינע פולע און שווערע קאַנען, — כאָטש ער ווייסט נישט, וואו; נאָר, פשוט, ווייל מע ברויך זיך צונויפגיין אַלע אינאיינעם אויף איין אָרט, נישט זיין צעוואָרפן צווישן די מצבורת און צוליב דעם, וואָס מ׳איז, לכתחילה, — געקומען; ביז מע שטעלט זיך אָפּ אין אַ האָרמע, ווי אַן אַנגעוואָר־פענע פּריזמע שטיינער, וואָס ווערט מיט יעדע רגע גרעסער, פולער און שטילער; אַנגסטן קומען־אויף ביי זיי, טויטע אַנגסטן, — אין וועלכע מ׳באָדט זיך ביזן האַלדז, און מ׳איז איינגעטינקען; איטליכער שטייט דהאַלב־טויט, און איז נישט מער ווי אַ שאָטן אונטער אַ לע־בעדיקער הויט.

די דראָשקעס שטעלן זיך אָפּ ביים טויער; די יידן, ווייבער, — געמען אַראָפּגיין, און צווישן זיי: אַן אָרעמער בחור מיט אַ מיידל, צוויי קיילעכדיקע יתומים, וואָס וואַלגערן זיך הינטער די ווענט, האָבן טאַטע־מאַמע פון לאַנג שוין דאָ ליגן ערגיץ אויפן זעלביקן קברות, נאָר וואָס די קברים זייערע זענען שוין געוואָרן אַזוי צעשלעפּט און אויסגעוועפּט, — אַז מ׳ווייסט נישט וואו זיי זענען אַ מאָל באַגראָבן

געוואָרן, וואָס מע וואָלט איצט גראָד יאָ געוואָלט וויסן; און צוגיין אָנקלאַפּן, זיי אָנזאָגן:

— אַז זיי זענען מחותנים; אַז די שטאָט יידן איז זיך געקו־מען מיט זיי פרייען, און פאַרבעט זיי צו זיין אויף דער חתונה פון זייערע קינדער, וואָס מ׳גיט דאָ אויס אין אַ מזלדיקע שעה, און דער־מיט ווי געוואָלט געבן דעם מלאך המות איבער די הענט; „ער זאָל נישט אַזוי אַרומבריקען מער!״

די כלי־זמרים שפּילן, נאָר ווער הערט זיי דען? דער טרומפּייט גייט אַליין, דער פלייט טרייבט אים אונטער; דער באַס, דער טראַמ־באָן, — לויפט זיי נאָך; די יידן זענען פאַרטון אין זיך; ביי איטליכן ציטערט עפּעס און ס׳פּלאָטערט; מע קריכט אַרויף וואו מ׳קען: אויף אַ שטיין, אויף אַ בוים, אויף אַ צווייג, — אַ כהן שטעלט זיך אויף דער מויער; און עפּעס אַ באַהאַלטענע פרייד האָט זיי אַלע אַרומגענומען; אַ גלויבן: אַז ער וועט דאָ איצטער קריגן אַ טויט־קלאַפּ, דער בייזער מדבר; זיי האָבן צו געדענקען; און זיך נישט אַזוי צעהוליען, אָנמאַכן אַזוינע לעכער צווישן יידן...

אַן אַלטער ייד, צוגעשפּאַרט צו אַ מצבה, מורמעלט שטיל:

— כ׳האָב עפּעס געהערט, אָבער מיט די אויגן דאָס נישט גע־זען; כאָטש איך בין נישט יינג, און טראָג אויף זיך אַ שפּאָר פּעקל יאָרן...

אַ יינגערמאַן ציפּט זיך דאָס שוואַרצע בערדל; שטופּט עס אין מויל אַריין, און קייעט די האָר; עס מישט זיך אים אין קאָפּ, און ער בייגט אים אַראָפּ, בייגט אים אַרויף, ווי זיך געוואָלט אַליין אויפוועקן:

— שפּילן טאַקע די כלי־זמרים אויפן בית־החיים?

די כלי־זמרים שפּילן; די באַקן בלאָזן זיך ביי זיי אָן, די פּנימער רייטלען זיך; און זיי פאַרגייען ווי נאָך אַ כוסע אַ גרויסע, — אין די ווייטע דרכים, פליען אוועק מיט זייער שפּילן ערגיץ, פון וואַנעט זיי קומען צוריק צום עולם מיט אַ בלויז ציטערן.

אין דער מיגוט כאַפּט זיך אויף דער רב, — אָבער ווער דערערט אים? מ׳פילט בלויז דאָס פּלאָטערן פון ווערטער, ווי דאָס ווינטל אויף אַזוינע הייליקע ערטער; און זייער רוישן דערמאָנט אין צווייגן, — וואָס דער ווינט רייסט זיי אויס די קעפּ; אים קומט אונטער דער

ד־זון, וואָס נעמט הילכן צו־אַזוי, אַז איטליכעס וואָרט שטעלט זיך אוועק פאַר די אויגן, — ווי די שטיינער צוקאָפּענס פון די קברים, אויפן גוטן אָרט:

—אל מלא רח—מים!!

קינדערשע קולעכלעך האַלטן אומעטיק־צו, פּישטשען פּונקט ווי די פּיצלעך פייגעלעך; עס וויינט עפּעס אַרויס פון זיי, ווי ביי קליינע ייִנגע יתומים׳לעך, וואָס ווייסן אַז זייערע טאַטעס מיט די מאַמעס זענען געשטאָרבן; און דאָ, און דאָרט, — איבער דעם גאַנצן גוטן אָרט, וואו די ייִדן הענגען: אויף שטיין און ביין, העלצער און פּלעקער, — גייט אויף אַזאַ מאוים׳דיקער וויי, ווי מ׳וואָלט פאַר זיי אַרויסגערופן יענע אַלע, וואָס זענען מער נישטאָ, און אוועק אין אַזאַ פינצטערע שעה.

אויפן ברעג פון הימל קומט אַרויס אַ ליכטיק שטיקל וואָלקן, — ווי די זון וואָלט זיך אוועקגעשטעלט אונטער דעם אין דאָס אַדורכגעלויכטן; דער רב נעמט שטיל שעפּטשען, אָפּציילן איטליכעס וואָרט, וואָס ווערט נאָכגעזאָגט פון אים:

— הרי את מקודשת לי...

און אַ געשריי פאַרהילכט דעם בירת־עולם, קוילערט זיך צווישן די מצבות, און פאַלט צוריק; בלייבט שטייך צווישן הימל און ערד:

— מזל טוב!

— מזל טוב!

די שטאָט האָט, מיט מזל, אויסגעגעבן די אָרימע יתומה פאַר דעם אָרימען בדחון; די כלי־זמרים גייען אוועק אַ גאַנג; און גלייך פאַרציט זיך אַ קאַדריל פון ייִדן מיט ייִדענעס, וואָס נעמען זיך פאַר די הענט, און דרייען אין אַ מיל אַרום די מצבות; אַלטע, אויסגעטריקענטע באָבעס, פאַרשאַרצן די שאָבעס, און כאַפּן אַ האָפּקע; די ייִדן צעשאַרן די פּאָלעס, און מאַכן אַ וואָרע פאַר חתן־כלה, וואָס זענען אַזוי אָפּגעהיטן, אָפּגעציטערט, און ווי מיט זייער חתונה־האָבן געברויכט מציל זיין די שטאָט ייִדן פון מלאך המות׳ס הענט.

פון טהרה־שטיבל טראָגן ייִדן אַרויס די מיטה, איבערגעדעקט אין שוואַרצן; און פון פאָרענט, פאַר איר, גייט דער חברה־

קדישא מאַן, דאָס קאָפּל אויפן שפּיץ־קאָפּ פאַרדרייט, און ביידע עקן פון די פּאָלעס פאַרשטעקט אין גאַרטל; יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט אַרויס, — שניידט זיך אַריין און בלייבט שטעקן אין די וואָלקנס. וואָס יעדער קען גישט בלויז הערן נאָר אויך זען:

— צדק לפניו יהלוך.

דער וואַלד שרעקט

דער הימל איז קלאָר, לויטער, און די זון שווימט מלכותדיק, שיט ביגטן ליכט אויף די פעלדער.

אויפגעכאַפּט האָט זיך דאָס קליינע שטעטעלע ווי אַ יינגע כלה באַגינען, — וואָס האָט געזען אַ ליכטיקן חלום; ס׳האָבן זיך אַרויסגעלאָזט די מענטשן פון די הייזלעך, פון די לעכער און גריבער, — וואו זיי זענען עטליכע טעג געלעגן באַהאַלטן, און זיך מורא געהאַט צו ווייזן פאַר דער ליכטיקער טאָג־שיין.

קיפּעסוויז שטייט מען, דאָ־דאָרט, צווישן די געסלעך, און מ׳ציט אַזוי גרינג אָפּ דעם אָטעם: „אַ—אַ—אַ—אַ!” אַלטע לייט פרייען זיך ווי קינדער, וואָס שפּרינגען אַרום פּסח־צייט, ווען די פרעסט לאָזן נאָך, און פּאַטשן מיט די באָרוויסע פיסלעך אין די וואַרימע קאַלוזשעס וואַסער.

מען קוקט דאָרשטיק צום מיליטער, וואָס גייט מיט אַלע גאַסן און פון ווייטע, אומבאַקאַנטע לענדער; טראָגט זיך דאָ פאַרביי אויף די היימישע פוילישע וועגלעך, מיט זייערע פערד און רייטוועגן, — דרהעכער, אַרויף, צו די נאָענטע מקומות, און פאַרפלייצט די אַלע ליבע ווינקעלעך, וואָס זענען אַזוי זיס־איינגעבאַקן; מע קוקט אַזוי דאָרשטיק צום מיליטער, וואָס גייט לעבעדיק און האָפערדיק, ווי צום טאַנץ; פריילעך, אויפגעלייגט, — איינגאַנצן ווי אַן מורא; ווילד־פרעמד און אַזוי היימיש; אָפּשרעקנדיק און דאָך אַזוי נאָענט; ס׳האָרץ האָט נאָך נישט אויפגעהערט קלאַפּן פון דעם הילכן, פון די קולות וברקים, — וואָס האָבן עטליכע טעג געהילכט איבערן שטעטל, ווען זיי זענען נאָך געווען הינטערן וואַלד.

ס׳לאָזט זיך גאָרנישט צו גלייבן: אַז די יינגע בחורימלעך, ביי וועלכע עס שפּראָצן קוים הערעלעך אויף דער אייבערשטער ליפּ, — האָבן געזאָלט קענען אַזוי אָפּשרעקן; און אַזעלכע פינצטערע חיילות, מיט אַזוינע שווערע פערד און וועגן, — זאָלן פאַר זיי עוקר זיין, און נאָך מיט אַזוי פיל אימה און פחד אין זייערע אויגן.

איצט גייט שוין דאָס מיליטער פּראַנק און פריי, פרעמד מיליטער, — און ווי עס זינגט; די קינדער פּלאָנטערן זיך ביי זיי אונטער די פיס, און זיי קאַפּען נישט אַוועק, די זעלנערלעך, — נאָר נעמען זיי אויף די הענט, און גיבן זיי צוקערלעך מיט קאַרמעלקעס; זעלנער מיט קאַרמעלקעס, האַרמאַטן מיט לאַלקעס, און באַהאַנגען מיט שווענצלעך פון קרוליקלעך; די קליינע דזבורה פילט די צוגעלאָזנקייט זייערע, און זיי שפּילן זיך ווי קינדער מיט קינדער.

די יידן זענען צעפּאַטלט, און וואו אַ קיפּקעלע זעלנער, רעדט מען צו זיי מיט די הענט, מיט די אויגן, ווי אַזוי מקען נאָר, — אַז ס'זאָל זיי אַריין אין די קעפּ:

— איר ווייסט גאָרנישט פון די נסים, וואָס מ'דהאָט צו אונדז באַוויזן דורך אייך; וואָס ווייסן זיי, די דייטשלעך, פון נסים?

— אַ טאָג, ס'זאָל נאָך געווען געדויערן: איין טאָג, — וואָלטן זיי שוין נישט געהאַט דאָס ביסל יידעלעך, וואָס זיי האָבן; און נישט די הייזלעך, וואָס זיי זען...

עס שיינט די זון מונטער, היימלעך; די שטראַלן גליימערן אויפן באַשלעג פון די וועגן, בלענדען איבער די קאַסקעס וואָס ביים מיליטער, אויף די קעפּ, — וואָס דהערט נישט אויף זיך צו שיטן; ס'אויג ווערט זאַט פונעם קוקן; מ'קילט זיך צוביסלעך אָפּ, און מ'נעמט צוריק ווערן ווי נעכטן און אייערנעכטן, — איידער זיי האָבן אָנגעהויבן גיין; עס קומען צוריק אַרויף אויפן קאָפּ די נעכטיקע און אייערנעכטיקע דאגות; זיי עגבערן איצט נאָכמער ווי פריער, און מ'נעמט קוקן אויף אַלעם מיט דעם קלאָרן ישוב־הדעת פון אַ יוסטען בעל־הבית, אָדער ווי אַ יינגערמאַנטשיקל נאָך דער חתונה, — וועלכן, דאָס טאַנצן און דאָס שפּילן האָט אויפגעדהערט קריכן אין קאָפּ, און קלערט אַ תכלית:

— ווי אַזוי און פון וואָס, ס'וועט זיין עפּעס צו לייגן אין מויל אַריין.

און מ'גייט צוריק אין די קראָמען, מ'נעמט זיך צו דער מלאכה; אַ שטילע פרייד איז אין אַלעם, — וואָס מ'טוט; ס'אָטעמט מיט פרייד פון דער אַרבעט, פון געוועלב, פון די פאַרזייעטע פעלדער, פון די גרינע לאָנקעס, פון דעם וואַסערל און פון די סעדער; עס אָטעמט יינג

פון אומעטום, נאָר פון דעם גרויסן און געדיכטן וואַלד, דעם פינצטערן, וואָס האַלט אַרום דאָס שטעטעלע, — שפּאַרט זיך אַ שווערע אימה; דער וואַלד האָט אַראָפּגעלאָזט די ברעמען, און זיך אָנגעכמורעט; קאָזאַקן האָבן זיך אָפּגעריסן, און איידער וואָס און ווען, — איז דאָס איצטיקע מיליטער אַדורך, — און זיי זענען געבליבן שטעקן אין וואַלד, נישט אַריין און נישט אַרויס; אַזוי טרייבן זיי זיך אַרום אין אים ווי די מכשפים, פּרעסן קרייטעכצער, גראָזן, רויע שוואָמען, — אַלץ, מיט וואָס מ׳קען זיך נאָר דערגערן; און ווי מ׳זאָל נישט וועלן פאַרלייגן מיט די קעפּ, — איז זיי שווער פון דאָרט אַרויסצוקריגן; דער וואַלד איז גרויס, טיף, — אויף מײַלן; זיי ליגן אין היילן, נאָרעס, און קוים לאָזט זיך אַ ייד ערגיץ אַרויס, און ס׳קומט אים אויס אַדורכצופאָרן דעם וואַלד, — אַזוי דערטראָגט זיך גלייך דאָס קלינגען פון כלי־זיין, פון שפּאָרן, גאַלאָפּ פון פערד, און ס׳גיט אַ בליץ אַן אָפּגעריסענער קאָזאַק מיט די שווערד, ווי עפּעס ביי אַ ווילדע דזשידזש:

— העי, ייד; גיב אַהער דאָס עסן, וואָס דו האָסט; און לאָמיך דיך נישט מער אָנקוקן פאַר די אויגן.

אַ מאָל, ביי נאַכט, ווען דער הימל איז אַן איין שטערן, און ס׳איז פינצטער אין דרויסן ווי אין אַ זאַק; אַזוי גיט ערגיץ אַ גרילץ די שייב ביי אַ ייד, אַ ציטער די טיר, און ס׳פאַלט אַריין אַזאַ איינער פונעם וואַלד, — כאַפּט אַראָפּ אַ ברויט פונעם טיש, אַ טאָפּ געקעכטס פונעם אויוועך, און הייסט זיך נאָכשיטן זאַלץ אויפן עק...

דאָס גאַנצע שטעטל שטייט גלייך אויף די פיס; די זעלנער לאָזן זיך לויפן, פליען, — נאָר אַז מ׳קומט צום וואַלד, בלייבן זיי שטיין.

—וואו וועט מען גיין? ווער קען אים דערגרונטעווען? אַז ער איז אַזוי גרויס, ברייט, טיף, ציט זיך אויף מײַלן, און האָט אין זיך פאַר־באָרגענע היילן; און פונעם גאַנצן געיעג מיטן געקאָפּ, — בלייבט נאָר איבער דער ווינט, וואָס ס׳פערדל פונעם קאָזאַק האָט איבערגע־לאָזט; און דאָס אויסגעקרימטע מויל זיינס, דאָס שטשירען מיט די ציין, — וואָס שוועבט ווי אַ בלוטיק געלעכטער צווישן די פאַדערשטע ביימער פונעם וואַלד:

— וואַרט, וואַרט, דו, ייד; ס׳וועט נאָך פריער קומען דיין טויט, — איידער מיר וועלן דאָ מיט אַלעם די קאַפּיטעס אויסציען.

עס וואַלט זיי געווען גוט, די יידן; געהאַט דעם קאָפּ צו די געוועלבער, און געדענקט נישט איבערצוצאָלן די פּויערים אויף די קאַרטאָפל, אויפן זעקל תבואה, און אויף די מייערן; וואָרן, די דייטשן זענען אַזוינע גוטע קונים, און מיט גאַרנישט געראָטן אין די היימישע גויים; גיי פרעג זיי בדרום פון אַ מעסערל ביז אַ קלעפּערל; פון אַ העמערל ביז אַ קלינגערל; אָדער, אַ רערל, צי אַ גלעזל פון אַ לאָמטערל; זיי ווייסן גאָרנישט צו געבן ווייניקער, — ווי מ'זאָגט זיי; קענען זיך נישט דינגען, טרענען אַן אָדער, פּאַטשען אין דער האַנט אַריין, און נישט פריער קויפן, — ביז זי וועט אויפלויפן; און אַריינגעטראַכט אין יענע מקומות, פון וואַנעט זיי קומען, — וואו די קרעמער מוזן אודאי גיין אין גאָלד, זיין באַהאָנגען מיט ברילאַנטן, אָדער, לכל־הפּחות, — האָבן שבת צו מאַכן... אַז מ'קען אַזוי גוט פאַרדינען, און נאָכדערצו אַ סך לייזן? און זיך אויך נישט ברויכן ס'האַרץ אָפּצועסן? אָנרעדן גיין קאָרץ?

ס'וואָלט זיי אודאי געווען גוט, די יידן, ווען נישט דער וואַלד, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ פינצטערער מכשף, — און אַראָפּגעלאָזט זיינע ברעמען איבער דער שטאָט:

— וואַרט־צו, ייד...

מ'רעדט צו די דייטשן:

— וואָס טוט מע מיט דעם וואַלד?

לאַכן זיי:

— וואָס זאָל מע טון מיט אים? אים אַראָפּרוימען? אָדער אים מינעווען מיט דינאַמיט, — און אויפרייסן? אונטערצינדען פון אַלע זייטן, און פאַרברענען?

— די קאָזאַקן נעמען דאָך דעם קאָפּ אַראָפּ?

— מיט וואָס? — לאַכן זיי, — מיטן טאָפּ עסן, אָדער מיטן ברויט וואָס זיי כאַפּן־צו?

— דאָס ברויט, — ווי דאָס ברויט; נאָר, אַז מע וואָלט זיי פון דאָרטן אויסגעלאָזט, — וואָלט מע דאָך געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם; ווי לאַנג קען מע זיי אַזוי טראָגן אויפן קאָפּ, — און מ'זאָל ביי נאַכט נישט קענען קיין אויג צו טון? איצט כאַפּן זיי צו אַ ברויט, דאָס טעפּל עסן, און אַז זיי וועלן דערנאָך אַריינשטעכן דערביי אַ מעסער? ס'וועט זיי עמיצער נישט לאָזן?

די דייטשן לאַכן:

— זיי דהאָבן עפּעס נייטיקערס פֿאַר די זעלנער, ווי זיך צו גיין אַרומיאָגן מיט זיי איבעם וואַלד? ווי לאַנג וועלן זיי זיך דאָס קענען אויפהאַלטן אויפן ברויט מיטן טעפּל געקעכטס, — וואָס זיי כאַפּן־צו ביי אַ ייד? און זיך דאַך מוזן, סוף־כל־סוף, איינבעטן מיטן פערדל, מיט דער ביקס, — מ׳זאָל דאָס צונעמען אינאיינעם מיט זיי, אויב זיי וועלן נישט וועלן דאָרט אויסגיין...

אָבער דאָ הייבן־אָן אָנקומען ביטערע גריסן, קומען פון יענע ער־טער וואו מ׳שלאָגט זיך, — אַז מען בייסט זיך מיט די ציין, און ווי גע־זוכט צו צעבייסן אַ ברענענדיקן שטיין; און די שטערנס ביי די יידן, וואָס וועלן דאַרפן אויפשטעלן די פּלייצע, און אַריינכאַפּן די קלעפּ, — פאַרציען זיך ביז אַרויף, ווערן צעקנייטשט פון טיפע פאַלדן:

— נאָר ווי דען, זיי האָבן נישט געוואוסט? כע־כע־כע, ס׳וועלן זיי באַשערט זיין אויף אייביק אַזוינע גוטע קוניםם? און מ׳זאָל זיי צו דעם, נאָך אויך האַלטן פאַר מענטשן? אַזאַ מזל זאָלן זיי האָבן?

דער דייטש האָט זיך טאַקע מיט אַלעם באַזעצט, אָבער אַזוי ווי ער איז די יידן נישט געווען באַשערט, — האָט ער, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, זיך גענומען אַרויסקלויבן פון די שיינע הייזער, וואָס ער האָט פאַר זיך אויסגעמויערט; עס האָבן אים נישט געטאָרט זיין קיין שאָד די גערטנער, — וואָס ער דהאָט דאָ פאַרפלאַנצט; די בריקן, וואָס ער האָט פאַריכט; און אויך נישט די יידן, — וואָס ער האָט פאַרנומען; נאָר זיך גאַנץ שיין מיט דעם אַלעם צוגעזעגנט, אַזוי ווי ער קען, אָן אין ברעקל קרענקעניש:

— יאָ, יאָ...

— דייטשל, דייטשל, צו ווייסטו וואָס דו טוסט? דו גייסט פון דעם אַלעם אַוועק, — און פאַר וועמען לאָזטו איבער דאָס ביסל יידעלעך? פאַר די רוסישע כאַכלעס, — וואָס וועלן קומען? מיט די היגנטישע גויים, — וואָס וועלן לויפן מסרן אויף זיי? האָבן פילע קעשענעס מיט שקרים?...

די דייטשן לאַכן:

— צו וואָס זיך גיין דאָ שלאָגן מיט די אַלע טאַטערן, קאַלמיקן, גרוזינער, כינעזער, און סתם ברואיםם, מיט אַזוינע לאַנגע נעזער, אַז מ׳קען זיי ביי זיך אין דער היים דערציילן די מעשה.

די שיינע יינגע זעלנערלעך גייען זיך אַ היים. דייטש־נאַר: פון אַזוינע שיינע הייזער, גערטנער, סעדער, — און ס׳זאָל אים דאָס אויף צו האָר אַרן? זיי גייען מיט די זעלביקע בלישטשענדיקע אייגלעך, מיט די ראַנצעס אויף די אַקסלען, לייוונט־באַדעקטע פלעשלעך, לאָפּאַטקעלעך; מע הערט שוין הינטער זיי דאָס בורען פון האַרמאַטן, — און זיי זאָלן זיך דאָס איילן; גייען זייער צוגעציילטן טריט, און פאַרהילכן מיטן זינגען...

און וועלכער ייד עס האָט נישט קיין היים, קיין געוועלב, קיין ווייב און קינד, — כאַפּט זיך אַרויף צו אים אויף אַ לופע פון אַ האַרמאַט; אויף אַ ווייגדל פון אַ פערד; אויף אַ ראָד פון אַ וואָגן, — וואָס דאַרף ער דאָ וואַרטן, ביז די רוסן וועלן אָנקומען צו אים אויפן קאָפּ אַרויף? שלאָגן מיט אים כפּרות? מ׳ווייסט נישט, — מיט וואָס דער קאַצאַפּ שמעקט? און וואָס מ׳קען ביי אים האָבן?

— — — — — — — — — — — — — —

זיי זענען געקומען און געגאַנגען, ווי אין אַ שיינעם חלום; און די יידן שטייען פאַרקלעמטע: וואו זענען די ייִנגיטשקע שיינע זעלנערלעך, מיט די שיינענדיקע פּנימער, וואָס האָבן זיך געשפּילט מיט די קינדער, — זיי געטיילט צוקערלעך מיט קאַרמעלקעס? דאָס קליינע שטעטל ליגט ווי אַ געבינדענער שעפּס. מע פאָרט איבער דעם מיט די שווערע וועגענער, און ס׳ווערט אָפּגעטרעטן גלייך מיט דער ערד. די קליינע קאַלמיקן אייגלעך ביי די זעלנער מיט די שטיוול, זעלנער מיט וואַוויליקעס אויף די פּיס, — דרייען זיך הינטער די קורצע שטערנס, און קוקן ביסטרע אויף יעדן; און איבער דעם אַלעם גאַלאָפּירן די קאָזאַקן, וואָס האָבן אַרומגעבראַדזשעט אין וואַלד; ער האָט זיי איצט אויסגעשפּיגן; ווילד־באַוואַקסן, און ווי די חיות, וואָס האָבן זיך גענערט פון שאָלן, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעריזשעט פון די ביימער; זיי רייטן איבער די הייזער, און פון זייער פּאָכען מיטן קורבאַט, — ציטערט די הויט ביי יעדן ייד, וואָס ליגט איינגעדרייט אין דרייען, — וואָס ד׳האָט זיך פריער געפרייט, אָדער זיך געזאָלט פרייען, וואָס דער דייטש איז מיט אים; און האָט אויסגעשפּרייט זיינע פליגל איבער אים.

דער ייד, העגעך

טריבע טעג, רעגענדיקע.

זיי קומען ווי מידע בליקן פון מענטשן, ביי וועלכע ס׳לעבן איז שוין מאוס און נמאס; און נעכט: גרויסע, לאַנגע נעכט, — וואָס ציען זיך צווישן הימל און ערד, ווי אָפּגעשטאַנענע.

אין די דאָזיקע נעכט זענען די טויערן פון די הייזער, אָפּגעשלאָסן; די לאָדענס פאַרמאַכט, — און קיין ליכטל ווערט אין זיי נישט אָנגעצינדען; די יידן ליגן אונטער די בעטן, אָדער זיי זיצן אַזוי ווי יענע אויף אַ פאַרוואָרפענעם וואָקזאַל, — וואָס וואַרטן־אָפּ אַ צוג, ער זאָל זיי קומען אַוועקנעמען.

פון תחילת־נאַכט אָן, אַזוי ווי עס ווערט נאָר טונקל, אַזוי לאָזט זיך הערן דאָס פעלד, וואָס איז האַרט הינטער די פלייצעס, — מיט דעם ברומען זייַנעם, אַזוי ווי ס׳זאָל זיין פון האַרמאַטן, פון מיליטער, אָדער גאָר פון היגט, וואָס זאָלן בילן; מיט דעם טאָג צוגלייך ווערט עס שטום, — אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך אויף דעם גאָרנישט אָפּגעטון; אָדער דאָס וואָס האָט זיך געזאָלט אָפּטון, — איז געוואָרן באַהאַלטן, אויפגערוימט, ווי די טויטע אין זייערע קברים. עס הייבן־אָן אַראָפּצוקומען זעלנער, — וואָס פאַרקריכן זיך אין די קליינע איינגעבויקטע הייזלעך, — וואו זיי קענען גיכער אָפּדעכען; ליגן אין די שטיבלעך, — נישט אויסגעשלאָפן, פאַרהונגערטע, אָפּגעריסענע, פאַרלייזיקטע, טויזענטער מיילן ווייט פון זייערע היימען, — און קוקן אין דרויסן אַרויס, וואו עס שלעפן זיך שווערע וועגן מיט משאות, אונטער וועלכע דער ברוק ברעכט זיך, ווערט צעריבן, צעמאָלן, און נאָכמער איינגעזינקען אין דר׳ערד; קוקן צום הימל, וואָס איז, אַזוי ווי זייער מזל, — טריב פאַרפינצטערט, און טראַכטן אַריין:

— תמיד געוועזן די שטאַרקע, די גבורי חיל; מע האָט געציטערט פאַר זייער קוק, — אימת מות; זיך צו גיין איינרייסן מיט אַ קאַזאַק? און מ׳זאָל אַזוי קריגן געשלאָגן! וואָס טוט זיך דאָ, וואָס? און וואו ליגט דער הונט באַגראָבן? נישט אַ מאָל, — אין די קליינע איינגעבויקטע

היִזלעך? צי, אין די בערד פון די אַלטע ייִדן? ביי די ווייבער אין די שייטלעך?

אַזוי גייען־אויף די שמועות וועגן די ייִדן; אַזוי ווערט עס אָנגעבאַקן איבער אַ נאַכט; אַזוי און אַזוי רעדט מען נאָכאַנאַנד אין זיי אַריין, — ביז ס׳ווערן אויפגערייצט זייערע בלוטן; פאַרשטייט זיך, דאָס אַזוי ווי מ׳קומט עפּעס זאָגן אויף וועמען, — עפּעס, וואָס ס׳איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, — אַזוי בעמען גליִען זייערע מיד־און־מאַטעזעלנערישע אויגן; ס׳פּייערל פון שנאה זיך צעציִען אין אַזוינע לאַנגע, דינע, אויסגעצויגענע פּינקען, פּאַסיקלעך, — ווי די שטרייכן; אַ שטרייך אויפן הימל ביי נאַכט, — פון אַ שטערן; אַ שטרייך פון פייער, — וואָס ציט זיך פונעם אויג אַרויס; און פאַרציט זיך איבערן האַלדז פון דעם און יענעם ייִד, — און דערוואַרגט אים; טויט אים מיט אַלע מיתות משונות...

וואָס עפּעס, עס טראָגט ווער אָן, — צוליב אַ פּאָר אַלטע אויסגעריבענע הויזן, צעדרייטע שיך; ווי־ווער ס׳לאָזט אַרויס די פּאַרע פונעם מויל, — גייט מען נישט צו חוקר ודורש זיין: אויב ס׳איז טאַקע אַזוי און אַזוי? אָדער מ׳האָט דאָס בלויז אָנגערעדט אויף יענעם, — ווייל מ׳האָט גרויסע אויגן אויפן אָרעמען שטיקל ברויט מיט ציבעלע, וואָס יענער עסט? דאָס ביסל שיטערע אָנעם געדיכטן? מ׳האַלט אין איין אָנטראָגן, אין איין בילן, אָנרעדן אַלדאָס ביין, — און דאָס פאַרפעלט נישט, ווי די קויל, — צו טרעפן וואו מ׳ברויך.

דער ייִד, הענעך, נישט ווי מ׳רעדט אים אַרויס, נאָר אַז מ׳קוקט אים אָן, — איז גאָר אַ ייִדעלע, און גרויס ווי אַ פייג; און וואָס מען האָט אים גראַד געהאַט צו נעמען אין מויל אַריין, אַז ער האָט קיינמאָל דעם ליכטיקן טאָג פאַר די אויגן נישט אָנגעקוקט? וואָס איז פאַראַן צו פרעגן? אַזוי ווי מאַירל אָפּטער האָט מען אויפגעהאָנגען צוליב אַ פּאָר אויסגעריבענע זוילן, — האָט אויף אים, מסתמא, אַ גוי עפּעס אָנגערעדט צוליב אַ קוואַרטירל נאַפּט, פון וואָס ער האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען און דאָס נישט באַצאָלן; נאָר וואָס האָט ער געהאַט צו טון מיט דעם קוואַרטירל נאַפּט, — אַז די קרעמערקע איז גאָר זיין ייִדענע? און אַליין ליגט ער אַ באַגראָבענער אין די גראָבבייכיקע ספרים, און ווייסט אַזוי פיל פון דער קראָם, ווי מ׳זאָל אָנכאַפּן

— פון כּינע; פון כּינע ברויך ער שוין ניכער וויסן, ווייל פון איר רעדט מען אַ מאָל אין בית־המדרש הינטערן אויוון, — אָבער פון דער קראַנק? אויף דערויף האָט אים גאָט געגעבן די יידענע, — און זי זעט שוין איר צו טראָגן אויפן קאָפּ; און דאָס אויך: פאַר אַלע יאָרן, — זינט ער איז אַראָפּ פון שווערס קעסט; און זיך נישט אומגעביטן אויף אַ האָר; דער זעלביקער בטלן, — דער זעלביקער טשמאַ; אינאיינעם מיט די יאָרן, — אין וועלכע ער האָט געפּאַקט און געמאָזעלט, גע־טאַפּט אַ וואַנט, — איז ער אים נאָך אַריבערגעוואַקסן; אים איב־גאַנצן ווי פאַרשלינגען, אַז מ'זעט אים כּמעט די האָר פונעם קאָפּ נישט אַרויס; נישט געבליבן כּמעט קיין מאַן, — כאָטש זי איז זיך, חלילה, נישט געגאַנגען באַקלאָגן אויף אים; קיין סוחר האָט ער פון לכתחילה נישט אָנגעהויבן צו זיין; און אויב ער האָט נאָך געוואוסט אַרויסצוגיין פאַר דער טיר, זיך אומקוקן אויף דער וועלט, אויף גאָט ברוך הוא'ס מעשה בראשית, — האָט ער נאָכדעם, מיט די יאָרן, אויך דערצו פאַרלוירן דעם חשק; און געהאַט גענוג די וועלט אין דער פרי, — גייענדיק פון דער שטוב אין בית־המדרש; און נאָך מנחה־ומעריב, — גייענדיק ווידער פון בית־המדרש אין דער שטוב אַריין; און אויב ס'בית־המדרש זאָל זיין אין דער שטוב, וואָלט ער די וועלט צו גאָרנישט מער באַדאַרפט; און אַז ער האָט דערנאָך געוואָלט מאַכן די שטוב אין בית־המדרש, — האָט מען אים געבראָכט טרייבן מיט שטעקענעס דערפון; און ער האָט, כאָטש ער האָט זיך געעלטערט, אַלץ נישט מער געוואוסט, — ווי צו זיצן און לערנען; איז דער בטלן גע־ווען אויף אַ מדרגה, — האָט דאָס לערנען ביי אים געברענט, געריננען ווי פערלדיקער טוי פון די ליפּן; איז דער בטלן איינגעשרימפּן, — איז שוין נישט געזעסן איבער דער גמרא קיין יידעלע צומאָלט, נאָר אַ פייגעלע, אַ פּישטשענדיקס; און איצט נאָך, אַז די מלחמה האָט זיך צעברענט, יידיש בלוט גענומען גיסן ווי וואַסער; דאָס הענגען, שיסן, שטעכן, — איז געוואָרן ווי אַלט געבאַקן ברויט; און ס'האָט זיך אַלץ־אינאיינעם ערגיץ אַנדערש געקענט אַרויסרייסן אַ געשריי: „ווי און וויגד איז מיר, — וואָס האָט מע, נעבעך, געהאַט צו אים? און אים מקצר געווען זיינע יאָרן? וועמען האָט ער געטון? און פאַר וועלכע חטאים?" ביי דעם אַלעם איז ער נאָכמער איינגעגאַנגען, געוואָרן נאָכמער קליין, כּמעט אַ פּיצל יידעלע, — וואָס האָט מער דעם שווערן

קאַפּ פונעם גראָבן ספר נישט אַרויסגענומען; זיך אָפּגעזאָגט נהגה צו זיין פון אַ ביסל געקעכטס, פון אַ לעפל לעבלעך וואַסער, — נאָר אָפּגעקומען מיט אַ כזית ברויט, פת במלח תאכל... אַזוי זאָלסטו עסן... נישט מער... ווייל ס׳איז יידן נישט גוט... ביטער ווי דער טויט... און לאָזט נישט איינמאָל אַראָפּ דעם קאָפּ ביים לערנען, וואָס גייט איבער בקול בכיה:

— וואָס קלערסטו צו טון, גרויסער בורא, ווען דו זעסט: ווי די יידן דיינע זענען מקדש השם בכל יום ויום!

און דאָ פאַלט מיט אַ מאָל אַריין צו אים די יידענע אין בית־המדרש, — זי העשעט, קען זיך נישט שטילן:

— וויי־געשריגן, הענעך... וואָס מיך האָט געטראָפן... מ׳איז זיך געקומען נאָכפרעגן אויף דיר...

נעמט דאָס יידעלע, הענעך, צומאַלט נישט אַרויס גאָר דעם קאָפּ פונעם ספר:

— אויף מיר זיך געקומען נאָכפרעגן? וואָס קען מע וועלן פון מיר?

שטייט זי און ברעכט זיך די הענט; די אויגן פאַרגאָסן:

— וואָס האָט מע געוואָלט פון מאירל אָפּטער? פון לייב זעלדעס? פון חיים־בערן? וועמען האָבן זיי געטון? און מ׳האָט זיי, נעבעך, אויפגעהאָנגען? און ווער ווייסט: אויב די גויים וואָס האָבן אָנגערעדט אויף יענע, — האָבן אויך נישט אָנגערעדט אויף דיר?

אַזוי לאָזט ער דאָ אַראָפּ די ברעמען איבער די אויגן; ס׳גיט זיך עפּעס אַ וויג אין אים, — דער גאַנצער כדור דהארץ; עס איז דאָך עפּעס נישט קיין קליינע זאַך, — וואָס מ׳וויל אים האָבן; יענע יידן, וואָס האָבן מקדש געווען זיין נאָמען, — זענען דאָך נישט געווען קיין גרעסערע בריונים פאַר אים, און אויך נישט קיין קלענערע בטלנים; כל ימיו געזעסן מיט אים אין בית־המדרש, איינאיינעם געלערנט און געבעטלט; און ס׳האָט אים דאָך פּשוט געגריבעלט, — אַז זיי דהאָבן געקענט אַזוי גרויס אָנקומען און ער זאָל מוזן בלייבן זיצן ביי דער גמרא...

און ער גיט זיך אַ שטעל־אויף, — דער בטלן אין אים נעמט לייכטן ווי אַלע ליכטער אין דער וועלט, וואָלטן זיך אָנגעצינדען ביי אַ בלינדען אין די אויגן: ער הערט אַ קול, וואָס איז מתוק מדבש:

— גיב דיך איבער, הענעך: אויב ס׳איז דיין מזל צו ווערן אַ קדוש בישראל, — גיי, און גיב דיך איבער; ווייל דערצו איז לאו כל אדם זוכה...

אָבער דאָ שטעלט זיך אָוועק די יידענע, אַקוראַט ווי זי זאָל זיך געפינען אין דער קראָם אירע, — ווי־ווען אַ פויער עקשנט זיך ביי אַ קוואַטירל נאָפט; און זי איז די דהאַרטע קרעמערקע:

— איך וועל דיך נישט לאָזן גיין, הענעך; איך ווייס: אַז דו קוקסט אַרויס דערויף, נאָר דו האָסט אָבער נישט די גאַנצע דעה איבער זיך; איך האָב נאָך אויכעט עפעס צו זאָגן... כ׳בין אַ ווייב... כ׳האָב צוויי לעבעדיקע נפשות מיט דיר געבראַכט אויף דער וועלט... און זיי ווילן נישט בלייבן קיין יתומים...

ווערט קליין דער בטלן אין אים, אַ פּיצל; און עס קומט אַרויס דאָס יידעלע:

— ובכן?

ובכן: מוז ער זיך לאָזן אַרויספירן פון איר ווי אַ יינגל, אויפן בוידעם פון דער שול, וואו עס שטייט אַ קאַסטן שמות נאָך מקדמונים, וואָס קלויבט זיך זינט דור־דורות, — און ער לאָזט זיך אַראָפּ אין איבם, טינקט זיך אונטער אין זיי איבערן קאָפּ, און אַנטגייט.

אין דרויסן האָט מען שוין צעאַקערט דאָס מקום; רייטער אויף פערד, פּיסגייער מיט ביקסן, כל־ערליי חיל, — טרייבט זיך אַרום צעהיצט, און וואַרפט זיך אַלץ אינאיינעם אויף די יידן פון די הייזלעך:

— הענעך! וואו איז דער ייד, הענעך, — וואָס האָט אַרויסגעגעבן די קאָזאַקן צום דייטש?

— הענעך, דהענעך!

אַזוי און אַזוי שרייט עס אַרונטער פון אַלע קאַלטע קוימענס, וואָס זענען ווי די אָפענע לעכער פון הייזער, — אָן רויך; טויטע אויווענס, — ווער זאָל אין זיי ברענען, און צו וואָס? אַז מע האָט צונויפגעטריבן דאָס גאַנצע ביסל יידן אויפן מאַרק, ווי אַ סטאַדע שאָף; און מ׳שרייט איבער זיי, מ׳שרייט מיט אַזוינע קולות, — אַז זיי פאַרהילכן דעם מאַרק מיט אַלע געסלעך:

— הענעך, הענעך!

— וואו האָט איר ערגיץ פאַרשטעקט דעם ייד, הענעך!

— גיט אים בעסער אַרויס, אָדער ס׳וועט דאָ זיין אייער טויט אויפן אָרט...

די יידן רוקן זיך צונויף אויף דער קיפּע, לאָזן אַראָפּ די קעפּ צווישן די אַקסלען, — אַזוי ווי געוואָלט דערמיט אוועקומען; די יידענעס ווידער, הייבן זיי אַרויף, אַרויף, אויף וויפיל זיי קענען נאָר, און מיט זיי, — זייערע הענט; מיט די הענט אויף זייערע אויגן; און מיט דעם אַלעם און נאָך, — ווילן זיי דערגרייכן אויבן, צום כסא הכבוד; אַז די קליינע עופהלעך נענטשען, — ווי קענען זיי אוועקגיין ווי די שטומע קעלבער, פון דער וועלט? און ס׳נעמט פון זיי אַרויס־ווײנען הויך, אַרויסשרייען:

— באַהיט אונדז, באַשעפער, אין זכות פון די עופהלעך, — וואָס וועלן ברויכן לויבן דיין נאָמען; און דיך גרויסן איבער דער וועלט...

דאָס געוואַלט צעטראָגט זיך ווי אַ פייער אויפן ווינט, — איבער די פּיצלעך געסלעך; ווי גרויס זיי זענען דאָס איינגאַנצן? עס מיידט אויך נישט די אַלטע שול, — זי איז נישט אין שטעטל? בויערט אַדורך דעם שול־בוידעם, און רודערט־אויף דעם קאַסטן שמות; און דער בטלן אין דעם ייד, הענעך, וואָס האָט אויסגעגעבן די קאָזאַקן צום דייטש, — הייבט זיך אָן צו צעפּלאַמען: „הע? ווער ווייסט, אויב דאָס האָט זיך נישט אויפגעהויבן צוליב אים? אויף זיי, אויף די קאָזאַקן, — איז אַלץ צו גלייבן; דאָס ווייב דהאָט, מסתמא, פאַר אים נישט אַלץ אַרויסגערעדט... עפּעס פון אים אָפּגעוועגדט און באַהאַלטן... דאָס גרויסע געשריי, וואָס ווערט צעטראָגן ווי אַ העליש פייער, האָט אַרומגעכאַפּט די ווענט פון דער שול, וועלכע זאָל שטיין, ווי אַלע הייזער פונעם שטעטל, — אין פלאַמען; עס ברענען די גרזשיוועס ביי די לייבן איבערן ארון הקודש; אַלע מזלות טינקען זיך אין צעגאָסענעם פייער; די צינגער פון די לייבן, וואָס זענען פון אַלעמאָל רויט, — גלעטן אים די פּאַלעס, ווי זיי וואָלטן אים אויסגערעדט:

— וואָס? דו קלערסט דאָ טאָקע צו בלייבן ליגן פאַרשטעקט אין קאַסטן שמות, — און זיי אין דרויסן אַזוי לאָזן? נישט: וואָס דו ברויכסט מקדש השם זיין פאַר אַלע, — נאָר אַלע זאָלן מקדש השם זיין פאַר דיר? די גאַנצע קהילה פאַר איינעם, און נישט איינער פאַר דער גאַנצער קהילה?

און ער הערט נישט מער דאָס ווייב, ווי זי רעדט צו אים: „איך האָב אויך עפּעס צו זאָגן... כ׳האָב צוויי לעבעדיקע נפשות מיט דיר געבראַנגט אויף דער וועלט... און זיי ווילן האָבן אַ טאַטן...” וואָס מיר ווייב? קינדער? און די אַלע טעג מיט יאָרן, — וואָס שטייען הינטער אים? און לאָזט זיך אַרויס אַ שרייענדיקער, אַ פלאַמענדיקער, מיט אויפגעהויבענע הענט, — אויפן מאַרק אַרויף:

— יידן, הנני; אויב איך וועל אייך קענען אויסקויפן מיט מיר, — בין איך אָנגעברייט צו זיין אַ קרבן תודה.

פאַרמאַכט זענען די שטיבלעך, די פירהענגלעך אויף די פענצטער פאַרריקט; וואו און אויף וועלכע עס זענען אָנגעטון לאָדענס, — אַזוי זענען זיי צוגעלעענט אויף אייזנדלעך; יידן שרעקן זיך צו קוקן אין דרויסן אַרויס, וואו קאָזאַקן רייטן אויף פערד, — אַזוי האַרט אויף די ווענט פון זייערע הייזלעך; און וועלכע קוקן מיט רציחה אין אַלע לעכער, — אויב ס׳הערט זיך נישט פון ערגיץ אַ געוויש; זייערע אויגן ברענען, און וואָלטן גערן פאַרברענט אַלץ, וואָס ליגט צוגעלייגט באַגענט צו דער ערד; אָרעם און פאַרטרערט...

די יידן ליגן, נאָך מיט דער פולער שרעק אויף די פנימער, — ווען דער טויט איז זיי געשטאַנען פאַר די אויגן; נאָר דער ייד, העניך, עס זאָל אים דאָס אָרן אויף אַ האָר, — וואָס דער טויט שטייט דאָ ביי אים, צוקאָפּענס; וואָס ווייסט ער פונעם טויט? די הויט פון זיין פּנים איז, אַלצאיינס, — גלאַט און צאַרט, ווי אויסגעוועבט פון זייד; כמעט ווי גאָרנישט געריגצעלט; ס׳בלינצעלט נישט אויף דעם גאָר קיין שום רויטקייט: אַ ווייטע ווייט שטייט פאַר אים גרייט, יענע ווייט וואָס גייט האַנט אין האַנט מיט אים, זינט ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, און איר דערזען אין די קוואַלן ליכט, וואָס פליִיצן פון די געלע בלעטער אין די הייליקע ספרים; אַלע יאָרן איז זי געווען אָפּגעריקט פון אים אויף אַ מהלך, און זיך איצטער, צו זיין גרויסע פרייד, — צוגערייקט, געוואָרן אַזוי באַגענט; ער גייט אַריין אין איר, מיט דער מינוט ווען די פיס באַטרעטן דאָס בענקל, וואָס אונטער דער תליה; ער גייט אַריין אין איר ווי דורך אַן אָפענע טיר, — ווען דער שטריק לייגט זיך אַרום זיין האַלדז, און די הענט הייבן אים אָן צו ציטערן:

— ווי גוט איז מיר, אַז כ׳גיי אויך ווי יענע אַלע יידן, — אַרויף צו דיר...

אויפֿן הימל האָט גענומען ווערן טאָג. די כמאַרעס זענען זיך צעקראָכן, און ס'האָט אויסגעזען: ווי עס וואָלטן יאָרט אויבן געלעגן אויפֿגעוואָרפֿן צעקנייטשטע שטיקער יריעות פֿון ספֿרי־תורות.

די זון, וואָס האָט נאָכדעם אויפֿגעשיינט, — איז דאָס שווײַ־מען דורך די וואָלקענס נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג: זי האָט זיך באַדאַרפֿט קאָפּען צווישן זיי ווי דורך בערג און גריבער; דאָ געוואָרן פֿאַרשטעלט פֿון זיי, און דאָ — צוריק אַרויסגעקומען; אויף דער ערד איז אַלץ אײַנאײַנעם געוואָרן טונקל; און אויב יאָ ליכטיק, — איז דאָס נישט געווען מער ווי אַ ליכטיקע מרה־שחורה.

שטיל איז אין שטעטעלע; די הײַזלעך טוליען זיך ווי די צעשראָ־קענע שעפּסן; פֿאַרמאַכט זענען אַלע טירן פֿון די קראָמען; עס טראָגט זיך איבער די געסלעך דאָס קרעכצן פֿון די בתי־מדרשים, וואו יידן זיצן אַרום די טישן, און איבער די אָפֿענע מחזורים, — מיט די טליתים איבער די קעפּ; דער שטערן איז פֿייכט, און די אויגן קוקן מיד... ס'האָרץ ציט, פֿאַרדולשט... און די פֿלעמלעך פֿון נשמה־ליכט ציטערן קוים אין די קעסטלעך זאַמד.

די ווײַבער טוליען צעשראָקן זייערע עופֿלעך, מורמלען עפּעס שטיל, שלינגען די תחינות מיט די אויגן, און קוקן אויך דורך די פֿירהענגלעך צום פֿעלד, — וואָס שפּרייט זיך אַרום די הײַזלעך, צום בלאָען וואַלד:

— צי מ'זעט נישט, חלילה, וועמען, — אַ רײַטער אויף אַ פֿערד, אָדער סתם אַ זעלנער מיט אַ ביקס און אַ שווערד.

די יידן גייען נאָך דעם שליח־ציבור, וואָס זאָגט שכלדיק דעם פּיוט; שפּרייט דאָ אויס די הענט ווי אַ כהן ביים דוכענען, און דער טלית הייבט זיך אויף ווי אַ פּרוכת איבער זײַן קאָפּ; ער מאָלט די ווערטער, אַזוינע לויטערע, קלאָרע, געשליפֿענע;

— היום יכתב בספר החיים.

מיט אַ מאָל כאַפּט זיך אַריין אַ געמורמל צווישן זיי, אַ ציטער־ניש, אַ פלאַטערניש, — שטומע אַנגסטליכע בליקן פאַלן אויף די ווענט אַרום; און דאָס, — ווען אין דרויסן רייט־אָן אַ קאָזאַק מיט דער פּיקע אין האַנט, אַנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט זיך געוואָלט צוהערן צו עפּעס, אויפכאַפּן דעם אויסגעשריי, דאָס שטילע שליכצען; און די יידן פאַלן דעמאָלט כורעים צו דער ערד, פאַרהאַלטן דעם אָטעם, — ווי זיי וואָלטן מיט אַלעם אויסגעגאַנגען.

נישט ווייט פונעם שטעטל, האַרט ביים וועג, וואָס הייבט זיך אָן באַרג אַרויף, און גייט אַוועק פון דער לינקער זייט צו אַ קליין שיטער וועלדל, — האָט זיך אינעם הויז ביי דעם ייד עוזר, צונויפגעקליבן דאָס ביסל יידן פונעם דאָרף, און זיך שטאַרק מצער געווען:

— ס'איז יום־כיפּור, און מ'קען נישט אַוועקגיין דאַוונען אין שטעטל אַריין, בציבור.

די יידן האָבן זיך אַפילו געריסן צו גיין, זיך געוואָלט מוסר נפש זיין: „ווען דען, אויב נישט אום יום־כיפּור?“ אָבער דער אַלטער ייד עוזר האָט זיי צוריקגעהאַלטן:

— ס'איז סכנות נפשות אויפן וועג; און מ'ברויך זיך נישט דוקא איינשטעלן ס'לעבן פאַר קודשא־בריך־הוא; דער אייבערשטער וויל עס נישט...

און מ'האָט זיך, באין ברירה, געשטעלט דאַוונען ביי אים אין שטוב, וואָס איז געווען הינטערן וואַלד, האַרט ביים וועג, אַ מהלך פון שטאָט, אין אַ פוסט דאָרף, — און אין אַ קליין פויעריש הייזל, אויף וועלכן ס'איז אָנגעוואַקסן שימל מיט מאָך... זיך אָנגעטון אין קיטלען, די טלית־ים מיט די זילבערנע עטרות אַריבערגענומען איבער די קעפּ, — און אַזוי זענען זיי געזעסן, זיך צוגעשאָקלט ווי די ביימלעך אין דרויסן, אויפן ווינט; געקוקט דאָ אינעם מחזור אַריין, און באַלד אויפן וועג, וואָס שניידט זיך אין פעלד, — און וואָס איז געווען טונקל באַגאָסן מיט דעם ליכט פון דער זון; און אויף וועלכן ס'האָט זיך אַלץ אינאיינעם באַוויזן אַ רייטער, ווי ער וואָלט דאָ עפּעס אויסגעשפּירט; ביים עמוד, וואו ס'האָבן געברענט פיר גרויסע סטעאַרין־ליכט, —

איז געשטאַנען דער אַלטער גראָער ייד, ר׳ וואָלף, פון סטאַשעוו; און ווי אַ בעל־תפילה, — האָט ער זיך דאָ אויסגעטון פון אַלעם; יאָ רייטער, נישט רייטער, — און זיך בלויז איבערגענומען מיט די תפילות, וואָס האָבן געגליט פאַר זיינע טריבע אויגן; אַריבערגעהויבן דעם טלית איבערן קאָפּ, און פאַר אַ רגע אַזוי געבליבן, — פאַראיסן, אויסגעשפרייט, ווי ער וואָלט געהאַט אונטער אים די גאַנצע צעשראָקענע עדה זיינע; דאָס זילבער פון דער עטרה האָט אָפּגעלויכטן אין די פלעמלעך, — געמיניעט ווייס מיט געל, גאָלדן־געל; און ווי פערל האָבן זיך געקוילערט די ווערטער, שטיל, בלחש, אַזוי איינגעהאַלטן, כעני בפתח:

— הנני העני ממעש...

באַלד, שטאַרקער:

— נרעש ונפחד.

און מיט אַ קול פון אַ לייב, וואָס ברעכט אויס מיט גבורה, און דערילכט־אָפּ אויף פיר הונדערט מייל אין מדבר; און עס הייבן־אָן ציטערן ווענט, באַלקענס, פאַלן פון אַלע זייטן, זיך קוילערן ווי אָפּגעבראָכענע שטיקער פעלדזן:

— מפחד יושב תהלות ישראל.

מיט אַ שטילע, איינגעהאַלטענע, ריזיק־דערשטיקטע גבורה, — וועגט ער יעדן קלאַנג:

— באתי לעמוד ולהתחנן על עמך ישראל, אשר שלחוני.

און ווי אַ קליין צעשראָקן בידנע שעפעלע, — וואָס איז געבליבן אָפּגעריסן פון דער סטאַדע, אָן פאַסטוך, — פיל מיט תחנונים:

— ואף על פי, שאינו ראוי והגון לכך...

און נעמט כליפּן, ווי איינער וואָס האָט אויף זיך גענומען אַ שווערע עובדה, די גאַנצע אחריות פאַר דער עדה יידן:

— לכן אבקש ממך, אלקי אברהם, אלקי יצחק ואלקי יעקב...

אויפן באַרג׳ל זענען אַרויפגעקומען עטליכע רייטער, — וועלכע זענען שוין דאָרט געבליבן שטיין; אַריבערגעקוקט אַהער צום הייזל, ווי זיי וואָלטן עפּעס דערשמעקט, — און זיך געלאָזט נאָכדעם גיין מיט די פערד, — אַראָפּ צום וועג; אַ ווינטל האָט גענומען בלאָזן צווישן די פיר ווענט פון דעם שטיבל; די האַרצער ביי די מתפללים געוואָרן פאַרשטיינערט; זיי האָבן נישט אַרויסגענומען די אויגן פון

מחזור, נאָר צעשראָקן און ציטעריק נאָכגעזאָגט די תפילות, צוגעשאָקלט אַזוי מיט די קעפּ, — ווי מ'זאָל זיך ערגיץ אַראָפּלאָזן איבער פינצטע־רע טרעפּ, צו טויטע אין די היילן...

און אַז די רייטער זענען צוגעקומען צו דער טיר, וואו דאָס הייפעלע יידן ד'האָט זיך געהאַט מתדבק געווען צום רבון העולם, — האָט עס זיי אויף אַ רגע ווי פאַרוויילט; דאָ אַפּגענומען ס'לשון; אָבער באַלד איז איינער אַראָפּ פונעם פערד, און האַרט באַפוילן:

— זיי זאָלן אַלע אַרויסגיין צו אים.

איז אים געפאַלן צו די פיס דער אַלטער גראָער ייד, וואָלף דער בעל תפילה, און זיך גענומען בעטן:

— ס'איז יום־כיפור, און זיי זענען מתפלל; וואָס ווילסטו האָבן פון זיי?

— זיי זאָלן גיין מיט אים צום גענעראַל.

— וואָס דאַרפסטו, אַז זיי זאָלן גיין? לאָז מיך... איך בין זייער שליח ציבור, און איך בין מחויב צו גיין פאַר זיי, זיין דער חטאת הקהל...

איז אַרויס דער ייִנגער ייד, משה, — דער שרייבער פונעם וואַלד: אַ זיידענער ייִנגערמאַן, מילך אין די באַקן, עצבורת אין די אויגן, אַ צעשויבערטן בלאָנדען קאָפּ האָר, — און זיך געבעטן:

— לאָז אָפּ די יידן, — וועל איך דיר ברענגען ס'גאַנצע געלט, וואָס איז מיר צוגעפאַלן נעכטן ביי טאָג אינעם וואַלד, — פאַר עט־ליכע שאָנגעס ד'האַלץ.

האָבן די רייטער זיך געישובט, געדרייט די גראָבע פאות, איבער געקוקט איינער צום אַנדערן, און אים אַרויסגעלאָזט בתנאי, ער זאָל קומען מיטן געלט צום גענעראַל, — וואו די אַלע יידן וועלן געהאַלטן ווערן פאַר משכנות.

האָט זיך געלאָזט לויפן דער ייד, משה, — נישט טויט און נישט לעבעדיק; געלאָפן נישט מיט זיינע פיס; ווי אַ הירש, — וואָס רירט קוים אָן די ערד; און איבערן גאַנצן וועג צו דער שטאָט, זיך געריבן אָן די ווענט פון די הייזלעך, וואָס אויפן דאָרף, — מ'זאָל אים נישט זען; ביז ער איז בשלום אָנגעקומען אויף די געסלעך, און גענומען קלאַפּן אין די הייזער, פון איין בית־המדרש אינעם אַנדערן, געשריגן בקול מר ומרה מאוד:

— יידן, אַ גאַנץ מנין איז אין סכנה, און ברויך האָבן גרויס רחמים.

דהאָט זיך אויפגעהויבן אַ ביטערע יללה אין די שטיבן; עס האָבן געוויינט קליינע קינדער און אַלטע לייט, — וואָס האָבן, נעבעך, צוליב זייער שוואַכקייט געמוזט איבערבלייבן אין דער היים; און דאָס געוויין האָט אויסגעזען, — ווי אַ שלאַקס־רעגן וואָלט געשלאָגן און געפּאַטשט די גאַנצע וועלט אין פּנים אַריין.

ס'איז שוין דעמאָלט געווען שקיעה, — צו נעילה; ווען די הימלען מאַכן זיך אויף אפילו פאַר פּושעים; עס איז פאַרפאַלן געוואָרן די זון ערגיץ אונטער אַ וואָלקן, — וואָס האָט איר צוגעדעקט; אירע שטראַלן האָבן זיך אַדורכגעריסן צוביסלעך, אַזוינע מאַטע, און אָנגעצינדען די שייבן; אויך אַריינגעלויכטן אין דער דחורבה הינטער דער שטאָט, — וואו ס'האָבן זיך עפּעס אָנגעהויבן רירן די שאָטנס פון פאַר הונדערטער יאָרן...

די וואָלקנדלעך, וואָס זענען געלעגן ווי אָנגעשטעקט אויפן אַלטן פאַרמעטענעם הימל, — זענען געוואָרן רירעוודיקער, גענומען קריכן, לערת ערתה, — שווער, ווי די זשאַבעס אויף די בייכער זיך צונויפגיין אינאיינעם, ווערן געדיכטער, ביז ס'איז פון זיי געוואָרן איין גרויסער וואָלקן, אַ שווערער וואָס האָט אַלץ אַרום פאַרטונקעלט.

— — — — — — — — — — — — — —

דער ייד, משה, איז אָנגעקומען אַ פאַרמאַטערטער צום גענעראַל, און מיט ציטערדיקע הענט אויסגעציילט דאָס געלט:

— דאָ האָט איר פּדיון שבויים, — און לאָזט אָפּ דאָס מנין יידן.

דאָס געלט האָט מען ביי אים צוגענומען, אָבער גלייך מיט די איבעריקע יידן, — אים אויך פאַרהאַלטן.

אין די בר־תי־מדרשים האָט שוין גוט געטונקעלט; מ'האָט געדאַוועט ביי די פלעמלעך פון די צאַנקענדיקע ליכטלעך, וואָס האָבן געגוסט און געקאַפּטשעט מיט רויך; און די תפילות וואָס האָבן זיך איצט געטראָגן צו די הימלען, — זענען געווען הארבע, ביטערע און שרייענדיקע ווי בעת נעילת השער, איידער די טויערן פונעם הימל ווערן, פאַר דעם טאָג, — צוגעמאַכט מיט אַלעם.

אין דער אַלטער שול האָבן זיך די יידן אַלע ווי צונויפגענומען,

מיטן לעצטן ביסל כחות זיך אויפגעהויבן, — ווי נישט געוואָלט צו־לאָזן מיט זייער שרייען, — צו דעם ביטערן גזר; דער בעל־תפילה, ווי ער וואָלט געפּילט, — אַז ס׳איז נאָך אַלץ נישט פאַרפאַלן; און אַז מ׳קען נאָך דאָ דערגרייכן אַ זכות פאַר זיי, — האָט אַראָפּגעלייגט דעם קאָפּ אויף די הענט, וואָס ער האָט געהאַט ליגן אויפן עמוד, און אין זיי אַריינגעכליפּעט:

— והעיר הקודש... היתה לחרפה ולשנינה...

דער גאַנצער עולם יידן נעמט אַריבער די טליתים איבער די קעפּ, און זאָגט:

— וכל מחמדיה לביזה...

דער בעל־תפילה הייבט זיך נאָכמער אַרויף, שטייגט, פאַר אַ רגע, — העכער, און מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, אויף וועלכן עס ווייזט דער גרויסער בטחון, אַז ער האָט דערגרייכט צו עפּעס אַ גרויסע זאַך, — גיסן זיך ביי אים טרערן איבער די באַקן:

— כי אנו עמך...

די מתפללים הערן דאָ אויף צו זאָגן, און בלייבן ווי געפּלעפּט; זיי הערן זיך צו צום געזאַנג זייגעם, קוקן אים אין פּנים אַריין, וואָס לייכט אַזוי; און אין די אויגן, — וואָס פלאַמען ווי פייערן איבער ימען; און כאַפּן באַלד אויף מיט איין גרויס און צעשריגן קול:

— ואתה אלקינו.

דער בעל־תפילה ציט זיי מיט זיך, אַרויף צו די הימלען:

— אנו בניך.

קהל:

(מיט אים)

— ואתה אבינו.

און אַ גרויס געזאַנג גייט־אויף צו די הימלען: אַ שיר ותשבחה צום בורא עולם; און ס׳דאַכט זיך: ווי די גאַנצע עדה יידן וועט זיך דאָ באַלד אויפהייבן, און זיך צעלאָזן טאַנצענדיק איבער די גאַסן; זיך נעמען ביי די הענט, אין די ווייסע קיטלען, מיט די טליתים און זילבערנע עטרות איבער די קעפּ.

אַ זאַלפּ פון ביקסן האָט זיי אַרומגעכאַפּט; און עס האָט פאַר אַ רגע אויסגעזען, — ווי אַ מדרנדה קראָען וואָלטן זיך אויפגעהויבן מיט אַ געשריי, פון דער ערד.

דאָס האָט דאָס מנין ייִדן פונעם דאָרף דעמאָלט אויסגעהויכט זייערע נשמות, — הינטער דער וואַנט פון עפּעס אַן אַלטע פּאַרצייטישע מויער.

אַ גוטע נשמה

דאָס איז געווען אַ פרוי, — אַ שטילע נשמה; צאַרט ווי אַ קינד און גוט ווי אַ טויב; זייענדיק נאָך אַ מיידל, איז שוין אויף איר געלעגן אַזאַ צאַרטע ווייכע ליבליכקייט, — וועלכע האָט נאָר געקענט קומען בירושה פון אירע זיידעס און עלטער זיידעס, וואָס האָבן געבריוויכט זיין בלויז זייד און אַטלאַס.

אַז זי האָט חתונה געהאַט, — האָט ערשט דעמאָלט די גוטסקייט זיך געקענט אַרויסזען ביי איר, — אין דער פאַרטראַכטער שטילער ליבשאַפט צו איר מאַן, נאָך וועלכן זי האָט זייער געבענקט אין די לאַנגע נעכט, — ווען עס איז אים אויסגעקומען צו זיין אין וואַלד.

געווען איז ער ווי זי אויך, — אַ צאַרטער, איידעלער יונגערמאַן, — בלויז זייד; אַ גאַנצע וואָך איז ער געזעסן אין דעם וואַלד, אין אַ שטיבעלע מיט פיר ווייסע אָפגעקאַלכטע ווענט, — אַ שרייבער; דאָרט האָבן אים די בעלי־הבתים אָנגעטרויט זייער פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען אין אויסגעהאַקטעביימער, אין שאַנגעס האָלץ, און וואָס ער האָט אָפגעהיטן ווי זיינע אויגן אין קאָפּ.

איינמאָל, אויף שבת, — פלעגט ער זיך אויסטון פון אַלעם, פאַרשליסן הינטער זיך די טיר פון דעם פיר־ווענטיקן הייזל, אַראָפּוואַרפן פון זיך די בגדי־חול, דעם גאַנצן וואָכנדיקן עול, און קומען אַ היים, צו זיין יונג ווייב, — אַ שיינענדיקער; זיך אָנטון די אַטלעסענע קאַפּאָטע, דאָס שטריימל אויפן קאָפּ, די זיידענע גאַרטל, און די קלאָרע אויגן פלעגן זיך באָדן אין ריינעם טוי, — ווען ס׳האָט אַרויסגעזינגען פון אים:

דא היא סעודרתא,
דשבת מלכותא.

די גאַנצע וואָך, נאָכדעם, פלעגט זי איבערבלייבן אין שטוב, איינע אַליין, — און נישט איבערגעטרעטן די שוועל פון איר הויז; געקוקט דורכן פענצטער צום וואַלד, וואָס האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן, האַרט הינטער די הייזלעך פון דעם שטעטל, און זיך אָוועקגעצויגן וויט־

ווייט, — אויף מיילן; נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים, און אויפ־געהערט צו טראַכטן פון איר מאַן, וואָס זיצט דאָרט אין זיינע טױ־פּענישן, איינער אַליין, און חשבונט... ציילט... רעכנט... אַזוי פיל און אַזוי פיל קלאַפּטער, שאַנגעס, — אויסגעהאַקטע און אָוועקגעשיקטע...

געגאַנגען איז זי שלאָפן פרי, מיט די הינער צוגלייך, און ווי זיי, — אויך פרי אויפגעשטאַנען; ווען דער הימל האָט זיך נאָר אָנגע־הייבן וועקן פונעם שלאָף, — אַזוי איז זי שוין געשטאַנען אויף די פיס, און ציטערדיק ווי אַ שוואַלב געקוקט צום ברעג וואַלד, וואו די פייגעלעך האָבן געטרילערט:

— גוט מאָרגן דיר, מיין מאַן; כ׳זאָג דיר גוט מאָרגן, אַז די פייגעלעך זאָלן נאָכזאָגן: אמן ואמן.

איז דער הימל געווען זייער אַ טריבער, אַ רעגנדיקער, און פאַרן פענצטער איז געשטאַנען אַ נעפּל, אַ געדיכטער, וואָס האָט באַהאַלטן פאַר איר דעם וואַלד, — האָט זי זיך אפילו נישט אָנגעטון; נאָר זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, פרום און גאָטספאָרכטיק אַריינבאַהאַלטן איר יינג צאַרט לייב; אַריבערגעצויגן דאָס בעט־געוואַנט איבער זיך, — אַז מ׳האָט קוים אַרויסגעזען דאָס קעפּל אירס; און ס׳פּנימל האָט זיך יעדע רגע נאָר געקענט פאַרקרימען, נעמען אויף זיך אַזאַ קינדערשע גרי־מאַסע, ווי זי זאָל זיך וועלן צעוויינען ווי אַ קליין קינד:

— מאַ־מע־ע...

שבת, אַז דער מאַן איז מיט איר געווען, — האָט זי געלויכטן; איז דער טוי געלעגן אויף איר קאָפּ; דאָס פּנים געשיינט ווי אַלע זיבן זינען; און פאַריסן: „איר מלך, איר געקרוינטער איז דאָ אין שטוב!״ — האָט זי געפלאַטערט, די מלכה, אַ שיינענדיקע, ווי מיט טויזנט קרוינען אויף איר קאָפּ:

— זעטס, וואָס פאַר אַ חסדים גאָט האָט מיט מיר געטון!

און ווייבער אַרום איר, פון אַ טיר און אַ טיר, — האָבן געגאַפט, אויפגעמאַכט מויל און אויערן:

— אַזאַ קליין, מאַגער נפשל, דאַכט זיך, — און אַז דער מאַן קומט צו איר אַ הייבם, — ווי ס׳ווערט פון איר אַ גרויסע זינגענ־דיקע נשמה!

זי איז נישט אַרויס דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג פון שטוב, מפּר־נח בירנה, — און געשטאַנען ווי אַלעמאַל ביים פענצטער, נאָר מיטן רוקן

צו אים; איר בליק האָט שוין נישט באַדאַרפט העגגען אַזוי פאַראומערט איבערן וואַלד, — נאָר געקוקט צו אים, געשלינגען יעדע תנועה, יעדע העויה, ווי זיין שטערן האָט זיך הויך אויפגעהויבן, און זיך צע־קנייטשט; בײדע ברעמען אַראָפּגעריקט נידריק, און אַ טיפער ערנסט האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין פּנים. עפּעס, מסתמא, אַ באַרגעלע, אָדער גאָר — אַ גרויסן באַרג אַריבערצוקריכן; און באַלד, ווי ער צעלייכט זיך, — דער שטערן גלעט זיך אויס; די ברעמען ווערן אויס־געצויגן, — דין, און דאָס זיסע קול זיינס נעמט זינגען ווי פריער, מיט התמדה:

— אמר אביי...

זי לענגערט זיך, בייגט אויס די הענט איבערן קאָפּ, ווי אַ פּיי־לענבויגן:

— ווי וואויל איז מיר, אַז כ'האָב אַזאַ מאַן.

און ס'איז קיין חידוש נישט, אַז ווען זי איז אַזוי געזעסן פאַר־טיפט אין אים; אָפּגעריסן פון אַלעם; פון די הימלען האָט געטריפט דער רעגן, — און עס האָט געהאָנגען אַ געדיכטער נעפּל; וואו איז אַ וואַלד? וואו זענען ביימער? די גאַנצע וועלט איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערע ביטערע מרה שחורה; איבער די וועגן האָט זיך געצויגן חילות, — און מהאָט אַלע רגע אויפגעציטערט פון אַנדערע בהלות; און מ'איז איר אַריינגעקומען זאָגן, ריכטיקער: אַריינגעטראָגן אויף דער האַנט די שוואַרצע בשורה:

— אַז איר מאַן איז אומגעקומען.

ווי די אויגן אירע האָבן זיך געגעבן אַ דריי איבער אין די לע־כער, און מיט אַלעם געגעבן אַ פלי ביזן באַלקן; און ווי אַ געשאָסע־נער פויגל, — מיט די פליגל זייגע אַ פלאַטער:

— ווער? מיין מ־אַ־אַ־אַ־ן?

איז מען געשטאַנען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ, און מיט זיי צו־געשאָקעלט:

— יאָ, דיין מאַן; ער לעבט נישט מער.

— זינט ווען? און ווי אַזוי איז דאָס געשען?

— אינעם הייליקן טאָג פון יום כיפור, מיט נאָך אַ גאַנץ מנין ידין, וואָס מ'האָט אַרויסגענומען פון דער שטוב, היגטער סטאַשעוו, — וואו מ'האָט זיך, באין ברירה, געמוזט אָפּשטעלן דאַוונען... זיי האָבן אַלע מקדש השם געווען ברבים...

אזוי זענען, אויף דער רגע, אירע אויגן שוין אזוי געבליבן, שארף און שפיציק; און דער בליאסק אין זיי — א גרינגליכער; ס'פּנים, — נשתנה; און אויף די ליפּן, וואס האבן נאך קוים א שמיצער־געטון, — האט זיך אויסגעצויגן אזא שמאל דין שנירעלע, וואס האט נישט אויפגעהערט צו מירמלען, מירמלען ווי פון ווייט, אזוי ווי ס'וואלט נישט מער געבליבן גאר פון איר געדעכעניש, פון איר גאנץ טראכטן, אלע אירע טעג און נעפּעלדיקע פארגאכטן, — די איינע רעשט:

— מיין מאן.

און אזוי, איינגעקורטשעט, מיט דעם דראבנעם ציטער אויף די ליפּן, — האט מען איר צוגענומען פון דער שטוב, וואס הינטערן וואלד, און איר אוועקגעפירט צו איר טאטן קיין צויזמער, נעבן דער ווייסל; איר אריינגעברענגט אין שטוב, פון וואנעט זי איז ארויס אזא פריילעכע, א לעבעדיקע, און אוועקגעזעצט, — א צעטראגענע, א פאר־זינקענע, מיט א טיפער מרה־שחורה, וואס דהאט אויסגעזען צו זיין אזוי טיף ווי די ליבשאפט אירע צום מאן; זי האט זיך, אויף וויפיל זי האט געוואוסט, — אוועקגעזעצט נעבן פענצטער, און געקוקט אזוי אייגן ווי דארט, צום וואלד, — וועלכער האט זיך דא אויך פאר־בייגעצויגן; דער אייגענער וואלד, — נאר ווייטער מיט עטליכע מייל פונעם שטיבעלע; און ס'האט זיך געדאכט, — ווי זי קוקט אים דא, אלצאיינס, אויס, — און ער ברויך נאר אויפמאכן די טיר, אויפשיינען איבער דער שטוב, זיך אוועקזעצן איבער דער גמרא, און ס'קול זיינס זאל פיל מאכן די שטוב:

— אמר אביי.

עס שטייט פאר איר דער טאטע, — און מיט ארפגעלאזטע שווערע ברעמען; עס שטייט אויך די מאמע, — און מיט פארטרערטע אויגן; עס שטייט א ברודער, עס שטייען שוועסטער, און יעדער איי־נער וויל זיך דערשלאגן צו איר, ווער פריער און ווער דערנאך:

— וואס וועט דיר ארויסקומען פונעם קוקן? און פון נישט אויפ־הערן ציקן מיט די אקסלען? דו וועסט אים דערמיט פון קבר אויפ־שטעלן?

זי זיצט איינגענורעט, — און זעט אויס ווי א פיצל קינד, וואס ווערט מאגערער און קלענער מיט יעדן טאג; דאס איינע, וואס זי ווייסט צו זאגן, איז, — וואס ס'איז איר ווי איבערגעבליבן אין יענער

רגע פון דעם גאַנצן געדעכעניש, און אויך פון דרויסן: אויף די ליפּן, — ווען מ'איז איר געקומען דאָס זאָגן, און זיך עס איבערגעפּרעגט ווי אויף אַ רעכט־אמת:

— מיין מ־אַ־אַ־ן?

טעג און נעכט גייען פאַר איר פאַרביי — זי זעט זיי נישט; ווערט נישט אומעטיק, ווי געווייטלעך, — פון די נעפּלען, און ליכטיק פון דער זון, וואָס שיינט אויף; אויף איר פּנים שפּילט נישט גאָר מער; נישט קיין פאַרב, נישט קיין ווינט, נישט קיין טאָג, קיין נאַכט, — עס איז מאַט, פאַרלאָשן, שטאָקנאַכט, אומאויפהערליכע, ווייטגייענדיקע, נאָך איידער ס'איז געוואָרן טאָג־און נאכט, און דאָס אַלץ איז געוואָרן פאַרטראַכט: נאָר ווען די טעג נעמען זיך גרעסערן, די זון מער אַרויסצוגיין, לענגער צו שיינען, — דערזעט מען, ווי ס'נעמט זיך עפּעס וועקן אין איר; אויפן פּנים הייבן־אָן צו בלאָזן ווינטן; ווינטן, וואָס, אַז זיי גייען אַריבער איבער טרוקענע פעלדער, — נעמט אויף זיי שפּראָצן מיט גראָזן...

אַזוי שטייט מען ביי איר: מ'קוקט נאָך, און מ'היט יעדע מינע אי־רע, — שפּילט זיך דאָ די זון מיט אירע באַקן אַזוי? אָדער פאַרגנבעט זיך נישט עפּעס אַ פאַרבאָרגענע מחשבה אין איר אָפּגעשטאַנענעם מח, — פון די ליכטיקע און פרילינגדיקע טעג? מען זעט: ווי די הענט וואָלטן זיך דאָ עפּעס געוואָלט צונויפנעמען; און אפשר ביי אַ מחשבה, וואָס גיט זיך דאָרט ערגיץ ביי איר אַ פּיק, — אַזוי גיט זיך דער גוף אויך אַ צאַפּל; די הענט אויך, — אַ וואָרף; אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַנטקעגן קומען דער מחשבה, איר אָנכאַפּן, צוהאַלטן, און — האָבן; וויסן פון איר; נאָר וואָס זיי קענען נאָך דערווייל נישט אַרבעטן אינאיי־נעם, — די הענט מיטן קאָפּ, דער לייב־און־לעבן מיט די געהירן, און מ'זוכט איר אַרויסצוהעלפן:

— נאָ דיר דאָס: אפשר ווילסטו יענץ? מזאָל דיך זעצן אַהין, — אַהער? אין דרויסן, פאַר דער טיר, וואו די וועלט ווערט צוריק לע־בעדיק?

מ'גיט איר, פון איין זייט, — צום מויל פון די בעסטע מעדנים; און מ'קוקט, פון דער אַנדערער זייט, — די טעג אין די אויגן אַריין: מיט וויפיל זיי גרעסערן זיך, ווערן ברייטער, פולער, קיילעכדיקער, — און די זון האָט מער אַרום זיי אַרומצוגיין; דער הימל איז מער בלאָ, מער

ווייס ווי פערל; און מיט דעם אַלעם, זעט אויס, — ווי עס רייסט זיך ביי איר דער שכל, רייסט זיך פון די פאַרגליווערטע אָפּגרונטן, — קומט אין איר צוריק; קומט אין איר פון אַלע טיפקייטן, — ווי דער זומער דורך יעדער אָפּענער שפּאַלט פון אַ טיר; מיט יעדן העלן און ליכטיקן טאָג; די אויגן אירע ווערן קלאָר און קלאָרער, די הויט אויפן פנים, — אויסגעגלעטעט, ווייך, שוין באַלד ווי אַ מאָל; דאָס זייד נעמט זיך דערויף וועבן ווי אויף בלעטער פון אַ בוים, — וואָס גרינגען; דינע אָדערלעך זיך ציען דורך זיי, — ווי זיי זאָלן צעפּירן זאַפט, חיותדיקן, וואָס דערנערט, און האָבן די אייגענע כּח־תּורת וואָס סהאָט די ערד...

און זי כאַפּט זיך אויף, ווי נאָך אַ לאַנגען שלאָף, ווישט זיך אויס די אויגן:

— הע? וואָס האָט זיך דאָ מיט מיר געטון?

— — — — — — — — — — — — — — —

אויף די פעלדער, וואו די מלחמה צאַפּלט זיך, — און מפּילט; בלוטיקט ווי אַן אָפּגעשינדענע חיה, — קומט גראָד אָן די ידיעה:

— אַז פּרזשעמישל איז געפאַלן; זייער אַ גרויסע פעסטונג, וואָס איז געווען לאַנג באַלאַגערט, — האָבן די רוסן פאַרכאַפּט.

אַזוי בלייבט זי שטיין, דאָס קליינע ווייבעלע, קוים־קוים, אויף די דינע פיס אירע; נעמט פּישטשען ווי אַ פייגעלע, — וואָס איז אַראָפּ־געקלאַפּט געוואָרן פון אַ רעגן; און די אויגן אירע צענעמען זיך אַזוי גרויס און ברייט, — ווי מ'זאָל מיט זיי קענען זען די גאַנצע וועלט, פון עק ביז עק:

— הע? צו דעם האָט מע איר אויפגעוועקט? אַז זי זאָל ברויכן הערן: ווי יענע, וואָס האָבן אומגעבראַכט איר מאַן, — האָבן גע־קריגן זייער שכר? פּרזשעמישל? אַ פעסטונג?

און וואַרפט זיך אין דער ווייסל אַריין, — וואו זי פאַלט ווי אַ ש ט י י ן צום גרונט.

די פרוי איז געווען דאָס ווייב פון דעם ייד משה, וואָס איז געלאָפן ברענגען דאָס געלט צום גענעראַל אום יום־כּיפּור, אויסצולייזן דאָס מנין יידן, — און איז מיט זיי אַלע אומגעקומען.

בעיר קעלץ

די ערשטע טעג נאָך פּוילנס באַפרייאונג, וואָס זענען דערטרונקען געוואָרן אין יידיש בלוט.

די מלחמה האָט געפּלאַצט, און מיטן קנאַק, — ווי אַ האַרטע שטייפע פראָסט; די שווערע, געפּענטעטע קייטן זיך צעריסן ביי יעדן איינעם אויף די פיס, און מ׳האָט זיי ערשט געקענט צע־נעמען, גיין, אויפהייבן דעם קאָפּ און אָטעמען, — טיף אָפּאָטעמען.

די מלך־המוות איז זיך צעפלויגן אויף שטיקלעך; און פעלקער, וואָס זענען געווען געבינדען און געבעגעלט זיבנט הונדערטער יאָרן, — האָבן אָנגעהויבן אָרויסצושטעקן די קעפּ ווי נאָך אַ מבול, אַ פאַרפלייצונג, — און קוקן מיט אָפענע אויגן:

— ס׳ווערט טאַקע זומער אין דרויסן.

אָן אַ האַנט, אָן אַ פיס, און מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ, — ווי באַלד נאָכן שלאָף; נישט אַרומגעוואַשן נאָך, נישט צוגעקעמט, און אַ ביסל מטושטש; ביי איין טישל און מיט אַ בענקל אויף דריי פיס, — האָבן זיך די פּאָליאַקן, טשעכן, ליטווינער, עסטאָנער, גענומען איינשטעלן, און אָנקוועלן פון דעם אָרימען בעל־הבתישקייט זייערן:

— אויף אַ צעבראָכן בעטל און אויף איין ברעטל, — נאָר פאַר זיך; אַליין איז די נשמה ריין.

זיי געגריסט, פוילן!

מיט אַלע פעלקער אינאיינעם, האָסטו אויך דיין אַלטן גראָען קאָפּ, וואָס מ׳האָט דיר געהאַט אַראָפּגעבויגן גאַנצע הונדערטע יאָר, — אויפ־געהויבן, און לאָזט הערן דיין קול אינאיינעם מיט די טשעכן, ליט־ווינער און פינער, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך; קוקסט דיך אַרום מיט דיינע פאַרראָפּיטע אויגן, ווי עס בליען נאָך דיינע פעלדער־פלאַכן; ווי ברייט עס גייען דיינע טייכן, — זיי האָבן זיך מיט גאָרנישט ניט געעלטערט; די זעלביקע פון פאַר הונדערט יאָר, — איידער זיי זענען אַריבער צו פרעמדע, און נישט אויף אַ האָר גראָער.

א גרויסע פרייד יאָגט זיך פון דיינע צעפלאָשעטע וועלדער, די אַלטע, פאַרצייטיקע, — אין וועלכע מ'האָט בלויז געקענט אויסהאַקן אַזוינע טיפע לעכער, — אָבער נישט מער; זיי זענען אַלץ נאָך פאַראַן, דיינע וועלדער, — און דער הימל איז נאָך אַ מאָל אַזוי בלאָ און טיף איבער זיי; די באַטשאַנעס שניידן הויך, — אַזש ס'גייט אַ רויך.

אין דער פרייד ביי אַלע, אַזוי ווי זי האָט אויפגעפלאַמט, — האָט גלייך גענומען טליען אַ קערנדל שנאה צו די יידן; גראָד זיי, וואָס זענען געווען די ערשטע צו זען און צו פילן דעם געזונטן תכלית, דעם טאָלק פון אַ פאָלק, — ווען עס שטעלט זיך צוריק אויף די איי־גענע פיס; פונקט אַזוי ווי די פרייד ביי יידן וואָלט נישט געווען זייערע, און דאָס בלוט זייערס, וואָלט זיך נישט געגאָסן מיט אַלעמענס גלייך, און אפשר נאָכמער, אין דער בלוטיקער מלחמה, — פון וועלכער דאָס לאַנד שטייט אויף תחית המתים.

ס'האָט אויסגעזען: ווי די יידן זענען אויף דער שמחה פרעמדע מחותנים; און אויב ס'האָט זיי נאָך קיינער דערוויל נישט געהאָט צו פאַרבעטן, ווייל ס'איז אַראָפּגעפאַלן אומגעריכט, ווי אַ וואָלקנבראָך, פונעם הימל, — האָט מען זיי אָבער אויף דער הייסער מינוט, — שוין געוואוסט צו פאַריאָגן:

— דאָ כאַליערי, פשאַ־קרעוו.

די גדולה איז פון לכתחילה פאַרטונקעלט געוואָרן דורך אונטערהעצער, וואָס האָבן גענומען רייצן אויף יידן, אויף זיי אויסרעדן אַלדאָס בייז, — צווישן וועלכע דער „גראָבער" איז געווען דער גאַנ־צער מאכער.

שויך, פרייטיק־צו־נאַכטס, — האָט מען זיך אויף עפּעס גע־ריכט; און די קליינע ליכטלעך האָבן געלויכטן הינטער פאַררוקטע פיר־הענגלעך, — זייערע פלעמלעך זאָלן נישט ציטערן אין דרויסן, פאַרן פענצטער.

אַלטע יידן זענען אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ, ווייבער אויפגעהערט מיט אַלעם צו רעדן, — שטומע ווייבער, וואָס האָבן געקוקט פאַרכ־טיק צום הימל, און זיך געבראָכן די הענט:

— באַדזשיט, טאַטע־לעבן, — דאָס געהינטעכץ האָט שוין צופיל אויפגעהויבן די קעפּ...

דאָס ייִנגוואַרג האָט געברענט, געפלאַקערט, זיך געריסן, און פון כעס זיך געביסן די פינגער:

— מיט דעם בלוט פון אונדזערע זעלנער, וואָס האָט זיך געגאָסן עמערסווייז; און דורך די פלעקן־טיפוסן פון אונדזערע חולאים, — דאָס אַזוי טיף אונטערגעגראָבן, אַז ס׳האָט געזאָלט קענען קומען דער גרויסער פונאַנדערפאַל, — און מ׳גייט זיך נאָך דערפאַר אָפּרעכענען מיט אונדז? וואָס טוט זיך דאָ עפּעס אַזוינס? סדום!

און מ׳גייט זיך צונויף, פול מיט פייער, אין טעאַטער אַריין, — זיך אַראָפּרעדן פונעם האַרץ.

אין טעאַטער איז אויף קעפּ; עס קאָכט; דאָס ייִנגוואַרג ברענט; הייס בלוט, און עס רעדט ווערטער:

— בלויז צו זיי איז די תורה געגעבן געוואָרן? פאַר וועלכע מעשים טובים? פאַר די מסירות אויף די ייִדן? פאַר די אַלע וואָס זענען דורך זיי געוואָרן געשאָסן, געהאַנגען, — און אומגעברענגט מיט אַלערליי ביטערע טויטן?

ס׳הילכן די ווענט, ס׳ציען זיך פון אַלע זייטן הענט:

— קאַרגע פינף יאָר מלוכה; פינף יאָר הונגער, טויט, שׂרפות, מגפות — און מ׳שטופּט אונדז נאָך אַוועק? מ׳וויל זיך נישט חברן מיט אונדז? ס׳שטייט זיי נישט אָן דער יחוס?

פאַרן טעאַטער, אין דרויסן, האָבן זיך דענצמאָל גע־קליבן גאַנצע האַלטעס אָפּגעריסענע שקצים, אַברעוואַנצעס, די כאַליערע ווייסט, — פון די הינטער־געסלעך, קעלערן און פּאַציאַטן, — זענען זיי זיך צונויפגעקומען; און נישט ווייסנדיק צו וואָס און ווען, — זיך דאָ אָפּגעשטעלט, געגאַווערט, געקוקט אייגער צום אַנדערן מיט די וואַסעריקע אויגן:

און ביי זייער גאַנצע תמוואַטעקייט, — שוין געוואוסט אַזוי אַרויסצולאָזן, — ווי מ׳זאָל זיך וואַרפן מיט ברעטער...

אַ דערשראָקענער צום טויט, האָט זיך עמיצער אַדורכגעריסן דורך זיי, און אַריין אין טעאַטער אַריין, וואו ער האָט עפּעס געלאָזט פאַלן פון דער אַנקומענדיקער כוואַליע שקצים, — און די פנימער

ביי אַלע האָבן זיך באַפלעקט מיט אַ בלייכע רויטקייט; די ציין אונטער די באַקן זיך גענומען טרייסלען.

— ווי? זיי שטייען און וואַרטן אונדז אָפּ, אין דרויסן?

זיי האָבן זיך טועה געווען, אָדער דער „גראָבער" האָט זיך געמאַכט געפּגרט, און נאָך אַ לאַנגען ישובן זיך: „איידער צו־וואַרטן ביז זיי וועלן אַרויסקומען צו אים, — וועט ער פריער אַריינגיין צו זיי"...

זיי האָבן זיך צעשטעלט איבער אַלע שטיגן און דורכגעגאַנגען, — ווי זיך באַהאַלטן אונטער פּאָרהאַנגען; ער האָט געהייסן זיצן שטיל. זיך נישט געבן קיין ריר, — אונטערן אַלטן באַקאַנטן אויסרייד:

— מ'גייט זוכן געווער.

ס'איז יעדן אַריבער אַ פייערדיקע קעלט איבערן לייב: „ס'איז טאַקע אַ גרויסע חרפּה, און זי פלאַמט ביי יעדן אויף די באַקן, — אָבער מען מוז איר אַראָפּשלינגען!" זאָל ער זעען דעם ליגן, — ער וועט באַלד אַרויפקומען פון אויבן, און פאַר אַלע אין די אויגן.

זיי האָבן זיך גוט געקענט דערויף, און מיט דעם זוכן זייערן, — זיך כסדר דערהויבן: „אַ — האַ! ווי ער זעט אויס?" אפילו די שקצים זענען נאָך אַלץ געווען תם'וואַטע, און אויך געמיינט ס'געווער; מי יודע, וואָס פאַר אַ אַרסענאַלן ס'וועלן זיך דאָ אויפמאַכן? די האַרמאַטן, וואָס וועלן זיך ביי זיי אָפּזוכן? אַזש ביים „גראָבן" האָבן זיך צע־נומען די ליפּן, און פון זיי אַליין געברויכט אָפּצושפּעטן:

— ווי ווייניק שכל זיי האָבן אין זייערע קעפּ?

די אָפּגעריסענע שקצים, די אָברעוואַנצעס, — איז נאָך אַלץ נישט געקראָכן גאָר אין די קעפּ; זייערע ליפּן האָבן זיך פאַר־שאַרצט, צומאַלט מיט זיי געשמיצערט, און די דהענט זייערע געווען אָפּגענומען; מ'קען זיך כאַפּן שלאָגן, יאָ, — אַז יענער קריכט אין די ביינער; ברעגגט אַרויס פון די כלים; און אַ בייזקייט, אַ ביטערע, זאָל זיך צעשרייען אינעם בלוט:

— אַזוינע מאוסע ברואים, ס'וועט שוין זיין אָך און ווי צו זיי...

דאָס שטילע זיצן האָט ביי זיי אָפּגענומען די הענט; נעם און צע־נעם זיי, — אַז פון אויבן ביז אַרונטער, ביז האַרט אויף די ווענט, — רוט די שטילקייט אַליין; ס׳גיט זיך נישט וואו קיין ריר אַ קאָפּ, ביי וועמען; ס׳לאָזט קיינער פון זיך גישט אַרויס די פּאַרע, נאָר מ׳זיצט ווי פאַר עפּעס אַ ברייטער וואַרע, וואָס ווערט געמאַכט פאַר עמיצן, אַ טויטן, צי אַ געקרוינטן...

די אַקסלען האָבן זיך ביי זיי אַרויפגעצויגן איבער די קעפּ, און איינס סאַנדערע אָנגעקוקט:

— גיי, קריך אַריין אין אַ געשלעג, — אַז סאַי׳ נישטאַ צוליב וואָס און ווען...

ביז דער „גראָבער״, וואָס האָט שוין לענגער נישט געקענט קריצן מיט די ציין, — האָט אויסגעשאָסן; און דער „רוצח״ האָט זיך גלייך אויפגעכאַפּט אין זיי; ס׳האָבן גענומען פליען די שטעקענעס, — האַקן ווי אין קרויט.

אַזוי ווי ס׳האָט זיך דאָ אָנגעהויבן, אַזוי האָבן, ווי אויסגע־רעכענט, — די ציגעלניעס, די מילן, קאַלכאויוועגס, — קיין אַנדערע פאַבריקן זענען נישטאָ; גענומען בוצען און שרייען, נישט, חלילה, צוליב דער מעשה־רע, נאָר מ׳זאָל טאַקע וויסן, — אַז די שעה האָט גע־שלאָגן.

און אין אַלע לעכער, פינצטערע יאַמעס, וואו דאָס ערב־רב, דאָס פסולת ליגט פון תמיד איינגעלייגט, און האָט מורא די נאָז אַרויס־צו־שטעקן, — האָט זיך גענומען רירן; די אַלע פאַרשוינען, מיט זייע־רע געדיימניספולע קרויבען אויף די קעפּ, — זענען אַרויס איבער דער שטאָט, און צו וואָס זיי האָבן דערלעבט? מע ברויך נישט גיין ביי נאַכט, זיך גנבענען ווי די שאָטענס, צו־פּאַסן שליסלען, אַראָפּנעמען אַ טיר פון די זאַוויאַסעס, אַ פענצטער, קריכן דורך אַ לופט פון אַ קוימען.

צו וואָס, אַז גזילה איז מותר.

בוך, — און די טירן פונעם גרעסטן געוועלב זענען אָפן; מ׳קען נעמען פון וואָס ס׳האַרץ גליסט, זיך אויפלייגן גאַנצע וועגענער, אויב מ׳האָט זיי אונטער דער האַנט, — און מיט דעם אַהיימפּאַטשן.

צוויי מאָל בוך, דריי מאָל בוך, און אַז ס׳גייט נישט — נעמט מען האַקן מיט ד׳העק; פּלייסיק בויערן מיט אַ דלאַט, — איבערשניידן מיט אַ דראָט; און אויב ס׳זאָלן אפילו זיין אייזערנע טירן, און פון קאַזאַמעטן, — וואָלט מען זיי אויך צעבראָכן, נישט נאָך, פון יידישע קראָמען, און, סך־הכל, — הילצערנע טירן מיט פרענטן?

ווי אַ ווינט האָט זיך גלייך אויפגעהויבן דאָס ביסל יידן, און וואָס האָבן זיי מער געקענט טון, ווי זיך לויפן באַהאַלטן אין די קעלערן, און פאַרמאַכן ד׳הינטער די טויערן?

נאָר ווי אַזוי האָבן זיי געזאָלט קענען אין זיי איינליגן, — אַז זיי האָבן געהאַט זייערע קינדער אין טעאַטער?

און אונטערן קלאַנג פון אויפגעבראָכטע פרענטן, צעפּלאַצט גלאָז, בוצען פון די ציגעלניעס מיט קאַלכאויוועס, — האָט זיך געלאָזט לויפן איבער דער און יענער גאַס, וואו זי האָט געקענט, — אַ צעשויבערטע און אַ צעשריגענע מאַמע; מ׳גיסט אויף איר קאָכעדיק וואַסער פון די פענצטער, — און זי לויפט; די הענט ווי אַ פּאָר פליגל, — טרייבן אַוועק יעדן איינעם וואָס קומט איר אַנטקעגן:

— ווי, מיין קינד!

און אַלץ אַרום: דער גאַנצער וויסט און משונהדיקער געברום, וואָס האָט צוגעדעקט די שטאָט איבערן קאָפּ — חוזקט אָפּ:

— ווי, מיין קינד!

אונטער דר׳ערד האָבן, דאַכט זיך, קוואָלן געגומען איינרייסן, און שמייסן שטיקער בלאָטע אין הימל אַריין, — ער זאָל מיט איר מיטשרייען:

— ווי, מיין קינד!

און פון הימל זאָלן זיך די טויערן איינער נאָכן אַנדערן האָבן אויפגעבראָכן, די מאַמע רחל אירע הענט צענומען, און מיט יעדער צעבראָכענע מאַמען מיטגעלאָפן, — איר געהאָלפן בויערן די אויערן ביי זיי.

— ווי, מיין קינד!

אין טעאַטער פלאַמט נאָך אַלץ די שחיטה.

די שקצים, די וואָס האָבן אָפּגעקריגן פּוילן, — זענען גאָר־נישט געוועזן אַזוינע לעמעלעך, ווי ס'האָט זיך, לכתחילה, — אויסגעדאַכט; זיי האָבן זיך ערשט רעכט, ווען ס'וואַרימע בלוט האָט זיך גענומען גיסן איבער זייערע הענט, — צעיוכעט; און די רציחה זיך צעוואַקסן, — ווען מ'האָט זיך נישט געלאָזט פון זיי צעטרעטן און צעשטעכן.

אַז דאָס קאַלטע מעסער האָט אָנגעהויבן אַרומאַרבעטן, — האָבן זיך אַלע צונויפגעריקט אויף דער קיפּע; אַ קיפּע מיט אפשר טויזנט קעפּ, און צוויי מאָל אַזוי פיל הענט, פיס, — וואָס האָט זיך געצאַפּעלט אין ספּאַזמען, פון קנייטשן און בייטשן, און גייט אָפּ אין בלוט.

און דאָ רייסט זיך אַריין אַ מאַמע, זי ברעכט אַדורך ווענט פון שקצים, — בגילוי ראש, מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ האָר; דאָס שייטל איז ביי איר אַראָפּגעריסן; דאָס לייב אירס, — אויסגעביסן ווי פון שטשעקלע היגט, וואָס זענען איר אין דרויסן באַפאַלן; אויפן פּנים, — אַ געמיש פון רויטע מיט געל־צעשמירטע פלאַמעס; ווי אויף אַלט־אויסגעריסענע צאנה־וראנה שמות.

און זי טרעפט דאָ אַרויף אויף דעם, צום טויט פאַרצאַפּעלטן קנויל, — ס'איז נישט איינער, נישט צען, נישט הונדערט, נאָר איין גרויסע צעטרייבערטע מאַסע, ביי וועלכע עס טאָטשעט זיך די שוים פאַרן מויל; און גיי דערקען אין איר אַן אייגן פּנים פון אַ קינד? זוך אַפּ די גלעטנדיקע אויגן, — אַז דאָס זענען גאָר רויט באַפלעקטע ווייסלען.

און זי קוויטשעט, פאַרגלישעט:

— מיין קינד! ווער קען איר זאָגן, — וואו און אין וועלכן עק איר קינד שטעקט?

ייִדים רייסן זיך פאָרט אַרויס, מטושטש און בלויז, אָן עפּעס אויף זיך: מ'זאָל זאָגן: אַ מלבוש, אַ פּאָר שיך; זיי וואַקלען זיך ווי שכורים אויף די שטיגן, און וויגן זיך,—אין אַ הינער־פּלעט; פון ביידע זייטן שטייען די שקצים מיט שטעקענעס, העלצער און דרענגער, און ס'איז נישט קיין חילוק, וואו זיי לייגן־צו, — דער גוף נעמט אומעטום צו; יענער שפּירט סיי־ווי־סיי נישט גאָר; ער איז ווי דערופן; בלויז

דער מה וואָס אַרבעט: איינס, — אַז מ׳ברויך אַנטלויפן; צוויי, — מ׳ברויך אַנטלויפן; און דריי, — אַז מ׳ברויך אַנטלויפן מיטן לעבן, ווי לאַנג מ׳האָט עס נאָך; ער האָט נישט אין עפּעס אַנדערש מער אַרומצואַרבעטן; און ביי וועלכן דער מה הערט אויף צו אַרבעטן, שטעלט זיך אָפּ, — גיט זיך דער שטיק גוף אַ לייג אַוועק, נישט קיין חילוק, וואו, — אויף די שטיגן, פאַר דער טיר, אין דרויסן, און בלייבט ליגן.

און אַזוי זענען זיי צוביסלעך אַנטרינען געוואָרן, — די וואָס האָבן געקענט; יענע, ווידער, וואָס האָבן עס נישט געקענט, — זענען געבליבן ליגן אונטער די בענקלעך, צווישן די ווענט, וועלכע זאַ־נען באַשפּריצט מיט זייער בלוט; ס׳איז דאָ שטיל און קיל, — ווי אין אַ קיל־שטיבל; פון דאָ און פון דאָרט מאָנט שוין באַצייטענס דאָס גוטע אָרט, וואָס שטרעקט זיך אַהער, — נאָך זיין חלק רויב.

איבער די שטיגן, פון אויבן ביז אַרונטער, — ליגן זיי צעוואָרפן ווי ביי זיך אויף די בעטן, און כראָפּען; כראָפּען גאָר אָן שלאָף; די אויגן געשלאָסן, און ס׳פּנים אַנגעגאָסן מיט רויט, מיט געל און גרין; ס׳מישן זיך אויף זיי די קאָלירן, — ווי ט׳זאָל ווער שטיין מיט אַ פּינזל אין האַנט, און זיי אַזוי צעפּירן...

אין דער שטאָט פרייען זיך נאָך אַלץ די סירענעס אויפן קול, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט מער געקענט צו מאַכן דאָס מויל; ס׳קלינ־גען נאָך אַלץ די דעכער, פענצטער, און דער שייגעץ דער קלענסטער, — באַווייזט חידושים: פון אַ בלאָז מיטן מויל, ווי גרויס עס קען אינ־גאַנצן זיין ביי אים, — צינדט זיך אָן אַ שייער תבואה; פון אַ קאָפּע מיטן פיסל, — פאָלט אַרויס אַ טיר פון אַ קראָם, און פון אַ באַנכע, — צעפליט זיך אַ בעט־געוואַנט מיט פעדערן.

אַרום דער שול, קהלס בית־המדרש, די מקוה, — זיי זענען אַלע אינאיינעם, — איז אויף טיש און אויף בענק; אויב מ׳האָט אויסגעזעצט די שייבן, — זאָלן זיך די גלעזער פרייען; וואָרן, יידן וועלן ביי קיין אָפענע פענצטער נישט זיצן; נאָכדערצו, נאָך סכות, ווען דער ווינט נעמט זיך דרייען און פרייען, און די יעשענדיקע רעגענס ווערן אָפטע געסט: אַריין און אַרויס, — ווי ווער מען דאָס לאָזן קליינע

קינדער אויפֿן ווינט, אַז זיי זאָלן זיך דערקילן? איי, וואָס מ׳וועט פֿאַרשטאָפּן מיט קישענס? מיט שמאַטעס און לאַטעס? פֿאַרהאַקן מיט ברעטער? בלאָטע! מ׳קען דאָס טון מיט איין שייב, מיט צוויי, — אָבער נישט מיט אַלע; אויב נישט קיין שייבן, — מיט וואָס וועט די שטוב זיין מער פֿאַר אַ קעלער?

און אַז דער בעדער איז זיך געלאָפֿן באַהאַלטן — איז די מקווה געבליבן טרוקן; מען דאַרף זיך פֿריער גיין טובֿל זיין, — איידער מ׳וועט קריגן געשלאָגן? אַז דער שמש האָט זיך אויפֿגערוימט, — איז די שול אָבער נישט געבליבן פֿאַרמאַכט; יידן האָבן איר גראָד יאָ באַדאַרפֿט, — אַז מ׳האָט זיי גענומען שלאָגן; וואו דען וועלן זיי זיך אויסווינען ס׳האַרץ? און אַז ס׳איז נישט געווען קיין שמש, קיין בעדער, — האָט דאָס דער הקדש אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ; דאָס ביסל משוגעים האָט אפֿילו נישט באַדאַרפֿט צו צערייסן דעם עירובֿ, מיט וועלכן, זיי זענען געווען זיכער, — אַז מ׳האַלט זיי געבינדן די הענט מיט די פֿיס, און זענען גלייך אַרויס אַ הוליע־טון; וואָס מיר שלאָגן? צעטראָגן הייזער? זיך באַביאָגן נאַכן ווינט? און די אַלע שטשעקלע הינט? דאָ שטייט אַ לץ, און רייסט זיך דעם גאָרגל, ימים־נוראים׳דיק: „אוי־אוי־אוי, פּרצת לנו שערי!“, און אַ צווייטער רייסט פֿון זיך די קרעץ: „אַז ס׳איז אויף אים געקומען אַזאַ גליק, און ער האָט געקענט אַרויס פֿונעם הקדש, — וואָס דאַרף ער זיי נאָך האָבן, צו וואָס?“ און אַ דריטער, מ׳זאָל מיר מוחל זיין: טוט עפּעס אַזוינס, ביי וואָס ער שטיפּט אַרויס דעם בויך מיט אַזאַ כּוח, — אַז דער בויגן איבערן טראָטואַר זאָל זיין וואָס העכער, און שרייט צום צווייטן וואָס האָט זיך מורא אָוועקצורירן פֿונעם אָרט:

— וואָס ביזטו דאָרטן שטיין געבליבן? קענסט אַדורכגיין אָן שום פּחד; אסור, אויב כ׳וועל דיך באַנעצן.

אַז די נאַכט איז צעגאַנגען, האָט זי מיט זיך דאָס אַלץ צוגעלייגט, — ווי אַ שווערער רעגן לייגט־צו אַ מעכטיק פֿייער, און דערשטיקט עס; ווי לאַנג איז עס דער שיעור? ס׳מוז דאָך מיאוס ווערן אפֿילו צו ראַבירן; און מ׳פּאַלט אפֿילו ביי דעם אויך אַוועק פֿון די כּחות.

און אַז די שווערע נאַכט, ווידער, האָט זיך אָנגעהויבן ציען, האָט זיך ערשט, אין דער שטילקייט, — דער קאָפּ צעגליט, און ווי געוואָרן אויפגעזאָטן אין הייס וואַסער; ווי לאַנג עס האָט געהילכט, געריסן, — האָט זיך ס׳האַרץ געצאַפּעלט, ס׳בלוט געוואָרן אויפגעקאָכט, די הענט צונויפגעדרייט, און געצויגן אין גאַס אַריין, צום מאַב, — אַריין אין אים מיט די נעגל, און זיך נישט לאָזן, — מ׳זאָל אפילו האַקן איבערן קאָפּ, און די ציין זאָלן נעמען אַרויספּליען ווי די פּלעקער פונעם מויל:

— תמות נפשי עם פלשתים.

אָבער, אַז ס׳איז טויט־שטיל, — וואו אויף וועמען איז זיך דאָ צו וואַרפן?

די נאַכט האָט זיך געמוזט אויסנעמען, — ס׳קען דען אייביק זיין נאַכט? די וואָלקן זיך, סוף־כל־סוף, צו צעריקן, און אַ טאָג האָט זיך גענומען בעטן גאָר אַ פּיין געלעגער אויף די פּייכטע גראָזן פון די לאַנקעס, און איבער די שפּיצן־וואַלד; און ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, — ווי די שטאָט זאָל שוין האָבן אַרויס פון דעם מבול, פון אונטער דעם וואָלקנ־בראָך; און וואו ביי וועמען ס׳האַרץ האָט זיך גענומען אי פרייען און שרעקן:

— ווער ווייסט, צי מיט דער נאַכט האָט זיך שוין דאָס אָוועקגעטראָגן צווישן די ליים־גריבער פון די גלעמבאָקיס, און די בערג־זאַמד פון די פּיאַסקעס? אָדער, ס׳וועט באַלד ווידער, ווי נעכטן, — פון דאָרטן אַרויס, און זיך נעמען היצלען אין דער שטאָט.

די טירן פון די געוועלבער, זענען, אַלצאיינס, — געבליבן פאַרהאַקט; בלויז די אויפגעבראָכענע, די צעראַבירטע, — שטייען שוין אָפן; דאָס וואָס ס׳האָט זיך מיט זיי געטראָפן, — וועט מער נישט טרעפן; וואָס האָט מען זיי ווידער צו פאַרמאַכן?

אויף אַלע ראָגן שטייען די האַלאַטעס שקצים, וועלכע מ׳האָט אָפּגעגעבן פוילן, — און זיי שמיצערן, קנאַקן הילכיק מיט די צינגער, ווי פּריילעכע פירליים מיט זייערע בייטשן.

מיט אַ מאָל לויפט דאָ אָן אַ ייד, אַ ייד? בלויז פונעם הילוך: אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ פּאָר שיך. און דער צלם אלקים? אַ שוואַרץ

פארשווימען שטיק בלוט, מיט בלאָטע און האָר, — וואָס זאָל זיין אַ באָרד; און עס ריטשעט פון אים אַרויס:

— אוי, מיין זון!

און אויב עס האָט, נאָך דעם אַלעם, נאָך עפּעס געקענט זיין אַ קלער וועגן אים, — נאָך ווען מען וועט נאָכלויפן אַ שייגעץ פון דער האַלאַטע, און פּאַכען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, — אויב נישט נאָך אַ ייד? האָט מען שוין דאָס געקענט הערן פון זיין שרייען, ווי ער שרייט:

— כאָליערני זשידזשע... דאָ יאָסנעגאָ פּיעראָנאָ...

אויפן ראָג גאַס שטעלט אים אַ שייגעץ אונטער אַ פוס, — און ער פאַלט אַריבער; און דער וואָס יאָגט זיך נאָך אים, — קען אים דערווייל געבן צו פאַרזוכן מיטן גראָבן סעגקעוואַטן שטעקן; אָבער דער ייד כאַפּט זיך אויף מיט דעם וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט, — און נעמט ווייטער לויפן; דאָס געשריי זיינס פאַרקילט דאָס בלוט אין די אָדערן:

— אוי, מיין זון; ער איז נאָך נעכטן אַוועק אין טעאַטער אַריין,

— און איז נישטאָ צוריק.

אויף איטליכן ראָג פאַלט ער אַריין צווישן שטעקענעס, אָבער ער גליטשט זיך אַדורך צווישן זיי, — און לויפט; די אויגן קריכן אים פון קאָפּ: אפשר וועט ער אים פאַרט דאָ ערגיץ זען ליגן? שקצים פון איין האַלאַטע האָבן זיך געיאָגט נאָך אים, און אים געשלאָגן, — אָבער זיי זענען אָפּגעשטאַנען אי פון יאָגן זיך נאָך אים, און פון שלאָגן; שקצים פון אַן אַנדערע האַלאַטע האָבן זיך געיאָגט נאָך אים, און אים געשלאָגן, — און אויך מיד געוואָרן פון יאָגן זיך און פון שלאָגן; מיט יעדן ראָג האָבן זיך געביטן די שלעגער, ער איז זיי אַלע איבערגעקומען, און לויפט, מיט די לעכער אין קאָפּ, ס'בלוט גיסט זיך איבערן פּנים, און פּאַכעט מיטן לעבעדיקן שטיקל האָרץ:

— וואָס ווייסט איר, הימלען, — פון מיין זון צו זאָגן?

פון אַ קליין צעקרימט געסל קומט אַרויס די עגלה;
דאָס פערדל שטרעקט דעם קאָפּ, פּאַכעט רירעוודיק מיט די זשעברעס,
— קוים וואָס עס שלעפּט איר; די עגלה סקריפּעט מסובנדיק אויף
דעם צעלעכערטן ברוק, ווי מ'וואָלט איר געשלעפּט איבער די שטיי־
נער, — מיט שטריק.

עטליכע ווייבער האַלטן זיך אָן אין איר, — אַזוי ווי די עגלה וואָלט געווען עפּעס, — אין וואָס ס׳איז זיך דאָ אָנצוהאַלטן; אַ ווייבערישע לויה, — אָן מאַנסלייט; וואו איז אַ חברה־קדישא מאַן? ווער וועט אים זיין רעכטס טון? זיבט ווען זענען ווייבער מקבר אַ מת, — — ביי יידן? די לויה גייט שטיל, זי רייסט נישט איין קיין הימלען, קערט נישט קיין וועלטן, — גראָד ווי דער בר־מינן וואָלט זיך מיט קיין איינע פון זיי נישט אָנגעקערט, און זאָל האָבן אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל; און אַזוי ווי מ׳קען אים דאָך, נאָך אַלעם, נישט לאָזן ליגן, — האָט מען אים אויפגעהויבן פון דער ערד, און מ׳גייט אים ברענגען צום גרעבער; ער וועט שוין וויסן וואָס צו טון מיט אים.

דאָס פערדל ציט און ציט, פרייכט, און די עטליכע ווייבער, וואָס דהעלפן דעם אַרויס מיטן שטיפן, — זענען פאַרטון, פאַרמחט פונקט ווי די גאַנצע שטאָט איז עס, דער טאָג איז עס, און אויך דער הימל; די לויה האָט זיך שוין אַדורכגעשוואַרצט די אַלע גוטע ערטער וואו די שקצים רידערן, און עפּעס מיט נסים, — אַז זי איז אַרויס ביי זיי מיט גאַנצע ביינער; סאיז דאָ שטיל, וואו זי גייט... ס׳איז אויף די זשעלאָנקעס... ס׳שמעקט מיט פעלד... מיט כאַלופּקעס... צעוויגטעביימער... און די ווייבער נעמען שוין גיכער אַוועק די הענט פון איר... זיי ברויכן איר נישט מער צוהאַלטן, ווי פריער, אויף די צעבויקערטע געסלעך, וואו זי האָט זיך געהוידעט, — נאָר אומצעפאַלן; זי איז שוין אַריבער דעם כענטשינער שאָסיי, און אַריין מיט די רעדער אין די אויסגעטרעטענע קאָליע, וואָס גייט פאַרביי ערלעך׳ס קאַלכאויווען, — און די עגלה האָט ערשט גענומען נאָכגיין דעם פערדל; און גראָד דאָ, וואו ס׳איז זיך נישט געווען צו ריכטן אויף גאָר, אַזוי נאָענט פונעם בית־עולם, — האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ יידענע פונעם פעלד, מיט אַ פאַרטשיילע איבערן קאָפּ, און צערייצט ווי אַ לייב:

—זי וויל זען, וועמען זיי פירן אויפן גוטן אָרט; זי וועט נישט לאָזן די עגלה זאָל זיך אַוועקרירן פונעם אָרט, — ביז זי וועט זען דעם טויטן!

די ווייבער, צעשראָקענע אויפס טויט, — ווערן גלייך צוריק שטיקלעך מענטשן, אַזוי ווי זיי דערזען נאָר אַז ס׳איז אַ פּשוטע יידענע; און מאַכן אויף איר אַלע אויף די מיילער:

— וואָס ליגט איר דאָ באַהאַלטן, אַרום דעם גוטן אָרט?

— און צו וואָס ווילט איר זען דעם טויטן?

ענטפערט זי:

— איר זון איז זינט נעכטן אַוועק אין טעאַטער אַריין, — און נאָך נישט געקומען אַ היים; אַזוי וויל זי זען, — ווּעמען זיי פירן דאָ אַרויס?

אַ נאַכט ריקט זיך אָן, שוין די צווייטע, נאָר, — אַ שטי־לערע; די כחות האָבן זיך, אַפּנים, אויסגעשעפּט, געוואָרן אויסגע־ווערפּט, און צעשלעפּט דורכן טאָג; די האַלאַטע שקצים האָט זיך צעשיט, — אַזוי ווי נאָך אַ גוטן און אַ געשמאַקן יריד; און ס׳קלעפּט זיך צו די נאַכט, אַ דערשטיקטע, אַ דערדריקטע, — וואָס גיט ווען־נישט־ווען אַ ציטער; אַ שאָס רייסט איר אויף, ווי אַ שאַרפער קנאַל פון אַ בייטש, — און זי בלייבט צוריק טויב־שטום; טוליעט זיך צו צו די ווענט פון די הייזלעך ווי אַ שוואַרצער בער, מיט צוגעמאַכטע אויגן און אַן אָפן מויל, — פון וועלכן ס׳קוקן אַרויס ווייסע שאַרפע ציין.

אַ שטיל געוויין רינט ערגיץ, רינט דין, שפּיציק, ווי פון אַ נאָדל אַראָפּ, — און וואָלט געשניטן שטיקלעך פון דער נאַכט מיט אַ קליין מעסערל; אַ געוויין, — וואָס שטייט ביי ווּעמען אייך, און וויל נישט אויפהערן גיין און גיין.

די שטאָט איז אַ שטילע, כמעט אַ לעגענדאַרע, אַ פאַר־כישופטע, ווי אַ בת־מלכה, — אַן אויסגעטראַכטע; דאָס קליינע וואַסערל וואָס גייט איר פאַרביי, — איז ווי אַ לידל פון אַ פּאַסטוכס פייפערל; פון אַ סך ווענט איז נאָך נישט אָפּגעהויכט דער שימל פון דער ערשטער פוילישע דזלוקדה; אַ ווייסער אָדלער אויפן מאַרק, ראָג קליינע גאַס, אונטער די פּולאַרן, — אין דעם הויז זאָל נאַפּאָלעאָן האָבן אי־בערגענאַכטיקט; אַ שטיין אויף דער טאַדעאָושאַ גאַס, נעבן באַזאַר, — דאָ האָט קאָשציושקאָ געלאַגערט מיט זיינע חילותן; עפּעס אַ שטיי־נערנער האַרן אויף אַ וואַנט פון אַ שלאָס, — אין גאָרטן; אַ זונ־זייגער, אַפּנים, — ווי ער זאָל שוין האָבן אויף זיך די יאָרן; אומעטום, וואו מ׳גיט זיך אַ קער, רופט זיך עפּעס אָן, וואָס דערמאָנט אין דער שלאַכטע, און אין דעם קרייצן פונעם גאָלדענעם האָן.

און אַזוי אַלט ווי זי איז פֿאַר די גויים: מיט איר שווערע קאַטעדרע, ביסקופּן, — אַזוי יינג איז זי פֿאַר די יידן; זיי האָבן בלויז געמעגט אַריינקומען אין איר האַנדלען, וואַנדלען, — איבערן טאָג; און אויף דער נאַכט, חלילה, — נישט אַוועקלייגן דאָ זייערע ביינער; אפילו נישט ווי אין אַנדערע, אַזוינע שטעט ווי קראָקע, וואָס האָט אַ וואַוועל, — הינטער געטאָ־מויערן; נאָר געמוזט אַרויסהולכן פֿון איר אין דעם קליינעם שטעטל, אין כענטשין, וואָס האָט גראָד אַן אַלטן פּאַרצייטיקן של־אָס־באַרג, אַ ריטערליכן, מסתמא, און, — קיין עין הרע, בלויז יידן; און ווי אַזוי דאָס פֿאָרט זיך, — ווער קען וויסן? ביי אַלע אַריינגאַנגען פֿון דער שטאָט זענען אַוועקגעשטעלט, ווי שומרים, הייליקע; אויף דער בייזעטשינער גאַס, — דעם הייליקן וואַיטשעך; אויף דער אַלטער וואַרשעווער גאַס, — דעם הייליקן יאַן; אויף דער כמעלניקער ראָגאַטקע, — עפּעס אַן אַנדערן יאָקל; אויפֿן סאַמע ראָדנע מאַרק, — די הייליקע טעקלע; ווי זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט זיי קעגן די יידן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט אין איר, און זיך, סוף־כל־סוף, — אין איר אַריינגעשפּאַרט; כאָטש איינציקע, געציילטע, און צוליב זייער גבירישקייט, — אודאי; די קאַמינערס, זאַגייסקיס, שיינפעלדס, — פֿרומע יידן, אין זייד און אין אַטל־עס, און וועלכע האָבן זיך דערנאָך איינגעקויפֿט יחוס אין די גרויסע רבישע הייפֿן פֿון גער, אַלעקסאַנדער, נאָוואָראַדאָמסק, ראַדאָשיץ, און אַנדערע; צווישן זיי, אויך מיין מאַמעס אַ פֿעטער, דער אַלטער פֿישל בימקאָ, נאָך ווען איך הייס, — דער דעמב פֿון אונדזער משפּחה; אַ ייד, — אַן אדיר, וואָס האָט מיט עטליכע זעכציק יאָר צוריק געפֿירט אַ רבישן טיש, און געהאַט די פּראָפּינאַציע; איך געדענק נאָך ווי אין חלום דעם זיידן אברהם, דעם טאַטנס טאַטן, דעם ברייטן ייד מיט די ברייטע געלע באָרד, אַ ייד פֿון יענע אַלטע פּאַרצייטיקע יידן, — וואָס פֿלעגט מיטפֿאָרן מיט די בריקעס בראָנפֿן, וואָס האָבן זיך געצויגן צו אים פֿון די פּריצישע „גאָרזשעלניעס”; און זיך געהערט אַנדערציילן פֿון אים, ווי מ׳האָט געכאַפּט יידן אויפֿן ראַדאָשיצער מאַרק, אין דעם ליכטיקן שטעטעלע פֿון רבין ר׳ בער, — פֿאַר „רעקרוטן”.

סך הכל: זעכציק־זיבעציק יאָר, — ווי די דאָזיקע יידן האָבן אַריינגעשלאָגן אַ פּלאָקן אין איר; אַ סך געדענקען נאָך, — ווי מ׳האָט אַוועקגעלייגט דעם ערשטן בר־מינן; און מ׳האָט אַלע אויף דער

באַכט געבראויכט אויסקלויבן וועמען פון זיך, — וואָס זאָל אַרויס־גיין אויפן פעלד, ביז ס'וועט צוקומען נאָך אַ קבר, — און דער וועט נישט ברויכן מער זיין אַליין; ס'וועט אים זיין היימליכער מיט נאָך איינעם.

ס'גייט מיר נישט אַרויס פון קאָפּ דאָס טעאַטער; ווי קומט אַזאַ שטילער פאַרטראַכט פון אַ טעאַטער, מיט אַזוינע קיילעכ־דיקע באַלקאָנען, שווערע געזעמסן, — מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק צו אַזאַ שטאָט וואָס איז גאָר קיין שטאָט נישט? וועלכן משוגעם האָט דאָס געקענט אונטערפליען?

אויף די ברעטער פון דעם שטיקל בינע, האָב איך מיך, ווי אַ קינד אַרום אַ בענקל, — געלערנט שטעלן די ערשטע טריט; אויף זיי האָב איך צוגעפנומען דאָס יינגוואַרג, און געשפּילט מיט זיי טעאַטער; און כ'האָב דערביי געכאַפּט דעם שניט, ס'איז מיר עפּעס אַריין אין דער נאָז, כ'האָב נאָך נישט געוואוסט וואָס, דעם סוד פון שפּיל, און, זאָל זיין, וואָס ס'וויל, — ס'איז דערנאָך אַריין אין בלוט פון מיינע שטיקער; און כ'האָב דערפילט, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן.

און אין דעם דאָזיקן טעאַטער האָט איינער פון דער האַלאַטע שקצים, ווען פוילן האָט נאָך רעכט נישט געוואוסט, אויף וועמענס פיס זי שטייט און גייט, — איינגעטינקען אַ האַנט אין פאַרגאָסענעם בלוט פון די יידישע בחורים'לעך, און איר צוגעלייגט צו דער וואַנט מיט אַלע זיינע פינף פינגער, עטוואָס צענומען, ווי אַ כהן בעתן דוכע־נען:

— וזאת תהיה לכם לאות!

אין קין־צייכן פון דעם בלוט, — איז צוריקגעקומען דיין ווידער־געבורט; און ביזט אויפגעשטאַנען תחית המתים.

זיי געזונט, שטאָט; די שטאָט, — וואו ס'האָט זיך געדרייט דאָס שווערע ראָד פון מיינע יינגע יאָרן; די שטאָט פון מיינע „גנבים", „דעמבעס", „רעקרוטן", — וועלכע האָבן מיך אַרויסגעפירט איבער דעם דרך המלך פון דער ברייטער וועלט; און נאָך אַ סך, אַ סך אַנ־דערע זאַכן, — פון וועלכע ס'וועלן אויך איצט צונויפגעשטעלט די צוויי בייכיקע ביכער.

איך גיי אַוועק איבערן ים, נאָר מיין האָרץ בלייבט אַלץ מיט איר, — וואו מיין גוטע מאַמע האָט מיך אויסגעוויגט; אויף דעם אַלטן קאַליע־געסל; אונדזער אָרעם חושכדיק געוועלבל, און ווידער; מיין גו־טע מאַמע, דער צעדרייטער טאַטע, מיין ליכטיקער ברודער יאַנקל, שלמה, משה, איין־איינציקע שוועסטער ייטל, — פינף, וואָס זענען געבליבן פון דרייצן; איך גיי אַוועק איבערן ים, — אָבער אין מיינע אַדערן לויפט אַלץ דאָס בלוט צו זיי; קען איך מיר איינרעדן, — אַז איך זאָל אויף אייביק פון זיי אַוועק — ווען זיי זענען געבליבן אין איר? און אַז ס׳וועט מיר זיין נישט גוט, — וועל איך אַ סך קוקן: וואָס מ׳האָט מיך געוואַלט אין איר פאַרשטיינען, — און נישט לויפן צו זיי? קוקן אין זייערע אויגן, און וועלן זיין פון זיי געגלעט?

אָבער אַז איך וועל קומען הינטער דער שטאָט, און זיך דערמאָנען אין יענע טעג, — ווען מ׳האָט אַזוי הייס געגרופן אין טעאַטער אַריין; אין דעם טעאַטער, וואו איך האָב מיך געלערנט גיין ווי אַ קינד, אַרום אַ בענקל; און ס׳וועלן זיך מיר שטעלן פאַר די אויגן יענע אַלע, וואָס זע־נען אָפּגעגאַנגען אין בלוט, אומגעקומען על קידוש השם ביום ז׳ וביום ח׳ פון חודש כסלו, שנת תרע״ט, — ווי וועל איך קענען אַריינגיין אין איר? באַטרעטן איר שוועל? און די פיס זאָלן זיך ביי מיר נישט אונטערברעכן?

ס׳איז מיר אַוועקגעקומען: „די לעגענדע פונעם קרושניקער רב׳ס באָרד.“ דער רב איז געווען זייער אַן אַלטער מאַן, מיט אַ ווייסע גרייז־גראָע באָרד, און נאָכדעם ווי די רוסן האָבן אים געשאָסן צו גע־האַנגען, — איז די באָרד זיינע אַרומגעגאַנגען איבער די רוסישע פּאָזיציעס, און געשראָקן די זעלנער.

זאָל דאָס כאָטש דאָ אויך ווערן דערמאָנט.

אין איינעם אַריין:

אויסבראָך

די זון שיינט.

ברייט ליגט אויפגעוואָרפן דער הימל, וואָס האָט זיך ווי נאָך לאַנגע הכנות ריין־געוואַשן, און באַוויזן פאַר דער וועלט נישט נאָר אַזוי ווי ער קען זיין נאָר אויך ווי ער וויל זיין: מיט מילך און שאַרף בלאָ פון אויגן־ווייסלעכטס; זיך אויפגעהויבן נאָך אַ מאָל אַזוי הויך און נאָך אַ מאָל אַזוי ברייט איבער דער ערד, — פונקט ווי ס'וואָלט פאַר איר עפּעס אַ גרויסער יום־טוב געווען באַשערט.

איבער בערג, ברייטע שטח־זים ערד, — שטייען פעלדער מיט זאַנגען, ליגן לאַנקעס גראָז, זענען צעוואָרפןביימער מיט גריגע קעפּ, פיל מיט רויט־שמעקעדיקע, זאַפטיקע עפּל, פעט־צעגאָסענע בירן, און בלאָ־פאַרביקע פלוימען; איבער דעם אַלעם פלאַטערט די שמחה, רוישט, — עפּעס ווי מענגעס פליגל פון באַדאַנגטע צעפלויגענע טויבן; פאַר־גאָסענע פנימער, פאַרפלאַמטע באַקן, אויפגעקאָכטע האַרצער, פאַר־שיכורטע... ס'טויבט אין די גאַסן, דער דופק קלאַפּט שטאַרקער, אַזוי ווי מ'וואָלט געהערט יעדן זעץ זיינעם; די ברוסט הייבט זיך העכער, כוואַליעס צעשפּאַרן איר, כוואַליעס פרייד:

— ס'איז דערקלערט געוואָרן קריג.

איך שטיי ביים פענצטער, און דער שטערן מיינער איז אַזוי ווי צוגעהאַקט צו דער לייסט; די אויגן אינעם קאָפּ דרייען זיך אַרום די געסלעך, אין וועלכע עס ראַיעט, גראָד ווי צווישן אַ מאָרע־וויסקע נאָך אַ רעגן, — ווען די זון שיינט אויף, און ס'אַ שטאַרק גע־רעטעניש אויף זיי; די ברעם פיבערט, צוקוקעדיק, — ווי ס'בייטן זיך די קאָלירן ביי די מענטשן אויף די פנימער; די בלייכע באַקן ווי ביי קראַנקע, ווערן דאָ רויט, שאַרלאַך־רויט, און דאָ, — בראָנז, קופּער, ווי דער פאַרגאָסענער הימל אויף מזרח; ס'פינטלען די אויגן, די

שוואַרצע אָפּלען פֿאַרגרעסערן זיך אין אַזעלכע גרויסע, שווערע אָנגעגאָסענע שוואַרצע גאַלעס, — און נעמען זיך באַלד צונויף אין קליינע, דראָבנע מאָן־קעפּלעך; עס צעשפּרייטן זיך די גאַנז־לעכער אַזוי אייגן ווי ביי הינט, ווען זיי דערשפּירן מיט זייער שאַרפֿן חוש הריח, — נבלה; און ציען זיך באַלד איין ווי אַ שוואָם אויף אַ טרוקענער היץ.

די נאַכט ריקט זיך אָן; אַ נאַכט מיט גראָבע שאָטענס, וואָס ליגן זיך אָפּ איינער אויפֿן אַנדערן, ווי די טויטע אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער פֿון ביימער, — און אַ פֿינצטערקייט נעמט איבער אַלעם ווייען; עס לעשט זיך צוביסלעך פֿאַר די אויגן, עס פֿאַרשווימען די געשרייען, אַזוי ווי דערטרונקענע אויפֿס טויט, — כוואַליעס, וואָס ווערן ערגיץ אַראָפּגעשלעפּט ביי די אויערן, אין די טיפֿע־טיפֿקייטן פֿון צווישן פֿונאַנדערגענומענע ברעגעס אויף טייכן. ס'פֿאַלט־צו די נאַכט, אַן אומרואיק־שווערע, און אַ צעשויבערטע; די שטאָט פֿאַרזינקט, ווערט דערטרינקען אין אַ ווילדער שיכרות; זי דערוואַרגט אירע אייגענע, פֿון צייט־צו־צייט, — אויסגעשרייען, ווי מיט אַ האַנטוך אַרומען האַלדז, — ביז זיי ווערן מיט אַלעם דערשטיקט; און עפּעס ווי איינער וואָלט באַפֿעלעריש אויסגעצויגן איבער איר זיין לאַנגע האַנט: „קום אום!" ס'נעמען זיך ריסעווען די שווערע, מאַסיווע הייזער, גמאַכן, — פֿאַר די אויגן פֿון דער צום סוף אונטערגייענדיקער זון; ס'בלענדען די שייבן, צלם־שפּיצן, קופּאָלן; און אויפֿן מערב פֿאַלן אַרונטער די לעצטע רעשטלעך פֿונעם טאָגס ליכטיקייט, — אין אַזוינע שווערע, אָטעמלאָזע שטיקער, פּונקט ווי די צעבראָכענע שוועלן, — ביי וועלכע מ'האָט אַוועקגענומען דעם אָנלעען; און אויפֿן אויסלעשנדיקן האָריזאָנט שווימען זיי דאַן רואיק און פֿאַרטראַכט אַוועק, אין אַ זעלכע אומגעהויערע, פֿאַרמלאָזע שטיקער, ווי סקעלעטן פֿון חיות, וואָס האָבן געברויכט לעבן פֿאַרן מבול.

און אין דעם מין פֿינצטער און צווישן פֿינצטער, — דערגייט די שווערקייט פֿון דער שטאָט, — ווי ביי איינעם וואָס הייבט זיך אָן אַראָפּצולאָזן אין אַ בענקל, — ווען די כחות גייען אים אויס; די זעלביקע שטאָט, וואָס האָט זיך מיט עטליכע שעה צוריק געוויגט, — אַ פֿאַרשיכורטע; אין די קליינע צעצויגענע פּאַסיקלעך, וואָס ציען זיך פֿון די לאַמטערן, איבער די לאַנגע אויסגעצויגענע טראָטואַרן, — צי־

טערט אַ שוואַכער שפּור פון יענעם אַנגסט, וואָס אין דער האַלב־פאַרלאָשענער פרייד זייערע...

ער שוועבט נאָך, דער גראָער אַנגסט, — גראָד ווי פליגל פון פלעדערמייז, וואָס פּאַכן בלינד; הינט בילן, — ווי זיי זאָלן זיין צעוואָרפן, — פון דאָ, פון דאָרטן; און עפּעס רייסן, פליקן קאָפּיטעס פון ערד, — ווי זיי זאָלן פראַלן איבער די הינטער־וועגן, און שפּריצן מיט פינקען פון זייערע פּאַדקאָוועס, — אין דער נאַכט אַריין.

די טיפע שטילקייט איז נישט מער קיין זאַטע, צופרידענע שטילקייט פון אַ יום־טובדיקער שטאָט, וואָס איז אָוועקגעפאַלן פון די כחות, שווער באַזויפן, — און זיך נישט אויסגעניכטערט נאָך פון איר גיהנום׳דיקע זיסע פרייד; עס איז גיכער די שטילקייט פון מייז, אַי־בערגעשראָקענע, צעטומעלטע, — וואָס האָבן זיך פאַרנאָרעט אין זייערע יאַמעס; אויפגעהערט דרייען מיט די עקן, און אויסגעמישט מיט דער פינצטערקייט פון נאַכן לעבן; ס׳רייסט זיך נישט אין ערגיץ אַדורך, ווען ס׳אַפילו פּאַראַן, — אַ פלעמל, ווי אַ מאָן־קעפּל; אַ פינצטער־גיש, — אָן אַ ברעקל ליכט־שיין; עפּעס אַ שטיל רוישן קומט־אויף, נעמט זיך הערן, אַזוי ווי פון אַ קוואַל, וועלכער זאָל האָבן געאַרבעט אין דער שטיל, זיך געמאָרדעוועט; אַ ברייטער טיפער קוואַל, — וואָס האָט זיך גענומען אַדורכרייסן דורך דער ערד, און לאָזט זיך גיין אַזוי הילכיק איבער דער שטאָט, פאַרפלייצט איר, רייסנדיק פון איר שטי־קער:

— טו־ר... טו־ר־ר־ר...

דאָס דרייען זיך די ערשטע שאָסן, ווי די געשרייען פון שוואַר־צע קראָען, — איבער דער שטאָט.

א ו נ ט ע ר ג אַ נ ג

כ׳פלעג יינגעלווייז, הנאָה האָבן צו שטיין ביים פענצטער, און קוקן: ווי די שטאָט מיינע וואַקסט, וואַקסט זיך אויס און ווערט אַ גרויסע שטאָט; קוקן: ווי ס׳קומען־אויף די הייזער מיט זייערע קוימענס, און באַלקאָנען; און ווי זיי צעפלעכטן זיך דאָ געדיכט,

און צעגייען זיך באַלד שיטער; אויף איין אָרט: אין לאַנגע, ברייטע, אויסגעפּלאַסטערטע גאַסן, מאַרקן, מיט גרויסע ציגל־מויערן, און אויף אַ צווייטן אָרט, — אין שמאָלע, צעדרייטע געסלעך, ליקן.

עטליכע צוואַנציק יאָר, מיט נישט קיין סך עלטער ווי איך בין, — געדענק איך איר, די שטאָט מיינע; פאַר דער צייט זענען אַ סך, און גאָר גרויסע הייזער ביי איר אַרויסגעוואַקסן; זיך אַ הייב־געטון, נישט־קשה, — אין דער לענג און אין דער ברייט; עטליכע אַזוינע היי־זער, ביי מיר אַפילו אויף דער גאַס, — וועלכע איך בין פּשוט געוואָרן אַ שונא, ווייל זיי האָבן מיר פאַרשטעלט די פעלדער, וואָס האָבן זיך געזען העט־העט אַריבער די נידריקע הייזלעך, — דורך מיין פענצטער; שווערע, אומגעלומפּערטע הייזער, מיט הויכע דעכער, און מיט שפּיצן אָן צלמים, — זענען מיר עפּעס ווי איינגעבאַקן אין האַרץ; שוין צוליב דעם וואָס כ׳קען נישט דערקוקן צו זייערע הויכקייטן, — און מאַכן טונקעלער די שמאָלע גאַסן; כ׳ווער עפּעס קליין, קליין ווי אַ קינד, — דערשפּירענדיק די גרויסקייט פון די דאָזיקע הייזער, די שטומע כחות וואָס ליגן אין זיי איינגעקנעטן.

אַז כ׳בין געווען אַ ייִנגל, אַ ברעקל, אינעם קאַפּאָטקעלע, מיטן פאַרפּעדערטן היטל, און געגאַנגען אַלע טאָג אין חדר אַריין, — פלעג איך מיך אָפּשטעלן ביי איין אָרט, וואו ס׳שטייט איצט אַזאַ גרויס הויז; מע האָט דענצמאָל אָראָפּגעוואָרפן אַ קליין נידריק הייזעלע, אַ נאַריש, וואָס איז געווען צונויפגעשטעלט פון ברעטלעך מיט דרענגלעך, — און דאָס, אָ, געגומען אָוועקשטעלן; איך האָב געזען ווי מע האָט געגראָבן דאָס גרוב פאַרן פונדאַמענט, אָנגעהויבן מויערן, און זיך גאָר־נישט געקענט זאַט־אָנקוקן אויפן בויען; ווי געשיקט עס פליען אַרויס די ווענט פון אונטער די הענט; הייבן זיך צו די הימלען; מ׳לייגט אַ ציגל אויף אַ ציגל, נישט מער, דאַכט זיך, — און ס׳ווערט אַזאַ דיקע הויכע מויער, אַ גראָבע; מ׳האַקט אַ שורה פענצטער, און מע דעקט אַ שטאָק; מע פאַרציט אַ געזעמס, און מ׳גייט העכער, העכער: אַ צווייטער שטאָק, אַ דריטער, אַ פערטער, און ס׳ווערט אַ געמאַך, אַ שווערער ריז אַזוינער, אַ קאַסטן מיט לעכער, אַ הוילער סקעלעט; ער נעמט ערשט דערנאָך אויף זיך פליישׂ, קריגט אַריין דאָס אינגעווייד, און ווערט צוביסלעך אויסגעפּילט ווי אַ זייגער מיט זיין געוואָרג; ביז ס׳קומט־אויף אַ הויז, אַ פּיל־פאַרביקס, און די ליכטיקייט נעמט אַרויס־

שיינען פון אַלע פענצטער, די שייבן צו גלאַנצן און שפּיגלען פון אויבן ביז אַרונטער.

אַזוי זענען אַרויסגעוואַקסן די הייזער פאַר מיינע אויגן, און פאַרפילט מיט זיך די דאָזיקע שטאָט; וואו ערגיץ אַ קליין ברעקל הייזל, — האָט עס געקריגן פּיס, און געמאַכט פּליטה פאַר אַזאַ הויכער מויער; וואו עפּעס אַ ליידיק שטיקל פעלד, — איז עס געוואָרן פאַרמויערט; די שטאָט האָט אויף זיך גענומען לייב, געוואָרן פעטער, יינגער מיט יעדן טאָג, און וואָס אַ יאָר, — שענער; וואַרן, וואָס מאַכט אויס דאָס ביסעלע יאָרן אויפן לעבן פון אַ שטאָט? מיט וויפיל יאָר הייסט אַ שטאָט אַלט?

איך שטיי ביים פענצטער, און וואָס מער די שטאָט גייט פאַר מיר פאַרביי, ווי־ווען זי איז זיך צעוואַקסן — מער נאָגט ס'האַרץ; דאָס יינגלשע געפיל, וואָס האָט געוואָרימט מיט איטליכן ציגל, — וואָס איז געוואָרן אַרויפגעלייגט אויף אַ מויער; דאָס געפיל פאַר איטליכן שטיקל מויער אַליין, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט, — פלאַטערט איצט ווי עס פלאַטערן די פליגל ביי אַ קראַנקע טויב, פול מיט שרעק און פחד, ווען דאָס האַלט ביים אונטערגיין...

עס פאַלן שאָסן אויף איר; פון ערגיץ, כ'ווייס ניט פון וואַנעט, — שיסט מען, און דאָס, — נאָך אַזוי באַרעכנט, שכלדיק, ווי מ'וואָלט זיך פאַרנומען בייזוויליק און פיל מיט כוונה, — די אַלע שיינע גרויסע הייזער דאָ אַראָפּצוראַמען; מע באַקלערט, קענטיק: יעדן שאָס, יעדן גראַנאַט, — ער זאָל טרעפן וואו מ'באַדאַרף און ניט גיין לאיבוד; מע צילט אין דעם הויז, אין יענעם, — און ס'ווערט אויסגעמאַכט אַ לאָך נאָך אַ לאָך; עס ווערט אַראָפּגעוואָרפן דער דאַך, און דער קוימען הייבט זיך גלייך נאָך דעם אַליין אויף ווי מיטן ווינט; אַ פאָדערשטע וואַנט, אַן אונטערשטע, — ריקט זיך אַרויס, אַריין, און לייגט זיך אַזוי אַוועק, — אַז עס ווערט פון איר אַ קיפּע; בלויז שטיגן וואָס בלייבן ביי וועלכן־ס'איז ווי אויף אַ געלעכטער, — שטיין, נאָר מ'זאָל אויף זיי, חלילה, ניט דערוועגן אַרויף צו גיין.

שטום און פאַרגליווערט שטייען די הייזער, די גאַנצע, אומבאַרירטע, ווי אַ סטאַדע צונויפגעדריקטע שעפּסן, — וואָס איז אַרומגעכאַפּט פון וועלף, און וואַרטן־אָפּ ביז זיי וועלן אויסגעכאַפּט ווערן, איינער נאָכן אַנדערן, ביז דעם לעצטן; דער הונגער ביי די וועלף איז

זייער גרויס, און ס'איז אים שווער צו שטילן. מע שיסט, שטאַרק און געדיכט, ברייט און מיט אימפעט; די הייזער גיבן זיך אונטער צו די גראַנאַטן, — און לייגן זיך אַוועק ווי די קעלבער; דאָ־דאָרט ווערט אַ הויפן בראָך; קוקענדיק, ווערט מיר קלאָר: ווי אַזוי אַ שטאָט, וואָס איז נאָך אַזוי יינג, האָט ערשט אָנגעהויבן צו בליען, קען, אויף אירע יינגע יאָרן, — אונטערגיין; נישט; זי האָט זיך אויסגעלעבט, — און צעפאַלט, ווי דער שטייגער איז, — פון עלטער, ס'נעמט זיך ביי איר שיטן פּרוכנע; נאָר ביי די בעסטע כּדרות אירע, און אויף די יינגע יאָרן; און איך: אַ מענטש, — וואָס איז אַ מענטש אַנטקעגן אַ שטאָט? בין מער גיבור פון איר... וואָס מאַכט אויס מיין לעבן, אויפן לעבן פון אַ שטאָט, — אַז כ'זאָל איר קענען איבערלעבן?

כ'זע: ווי דאָס גראָע הויז, וועלכן כ'בין פריער געווען אַ דם שונא, — ציטערט; מ'האָט עס שוין אָנגעכאַפּט ביי די אויערן, — און עס טרייסעלט זיך ווי אין אַ שווער קדחת, אין אַ חולה־נופל; אַ גראַנאַט פאַלט אַריין אין דעם, — מאַכט אויס אַ לאָך; נאָך איינער, — און ס'לאָך ווערט גרעסער; די עפענונג — טיפער, ברייטער; ביז אַ מויער לאָזט זיך מיט אַ מאָל אַראָפּ, פאַלט־איין, און דער גאַנצער אונטער־שטער האַריזאָנט קומט־אויף; די ציגעלניעס, וואָס האָבן זיך צופריער געזען, דער קאַלך־אויוון, דער שאָסיי, דער וואַלד, דער גאַנצער פרייער אונטערשטאָטישער שטח, — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — כ'שטיי ביים פענצטער, צוגעשפּאַרט מיטן שטערן צו דער לייסט, און טראַכט וועגן אונטערגאַנג פון אַ שטאָט.

באַלאַגערונג

פאַראַן נעכט, וואָס זענען אַזוי געדיכט און טיף מיט זייער פינצטערקייט, ווי אַן אָפּגעשטאַנען וואַסער; וואָס, אַ חוץ זייער טיפקייט, — האָבן זיי נאָך עפּעס אין זיך אַ זעלכעס, וואָס מ'קען נישט אָנטאַפּן, אַ באַזונדערן חוש, וואָס לאָזט זיך נאָר שפּירן, און לייגט זיך מיט אַ שרעקליכע שווערקייט, — ווי מע זאָל ערגיץ ליגן אַ לעבעדיק־באַגראָבענער; דאָס געהער איז אַזוי פאַרשאַרפט, אַז מע קען אויפכאַפּן: וואו ס'באַוועגט זיך אַ בלעטל, און אויפצי־

טערן ביים מינדסטן בלאָז פֿון אַ ווינטל; מ׳שפּירט זיך איינגאַנצן ווי אַ קליין ציטעריק פּייגעלע, וואָס איז איבער אַ נאַכט געבליבן אָפּגעריסן פֿון איר נעסטעלע, זיך איינגעטוליעט אויף אַ פֿרעמד אומבאַקאַנט צווייגעלע, און שרעקט זיך ביים קלענסטן גערויש:

— ס׳זאָל דאָ ערגיץ נישט אַריינפֿאַלן צווישן די שאַרפֿע ציין פֿון אַ קאַץ.

אַזוינע נעכט טרעפֿן זייער זעלטן; זיי קומען אומגעריכט אַרויפֿצושווימען, נאָך הונדערטער יאָרן, אַזוי ווי פֿון די טיפֿסטע טיפֿן, — פּונקט ווי די דערטרינקענע דעמבעס אויף דער אויבערפֿלאַך פֿון אַ טייך, — נאָכדעם ווי זיי ליגן אַף הונדערטער יאָרן אויפֿן גרונט, און ס׳קומט עפּעס אַזוינס וואָס נעמט זיי אויפֿהייבן פֿון זייער טיפֿעניש, און אַרויפֿברענגען פֿון אויבן.

ס׳געפֿיל פֿון אַזאַ נאַכט האָב איך אויך געהאַט, ווען די שטאָט איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, און געווען אַרומגענומען ווי מיט אַ רייף, — פֿון אַ בלינדער פּייניקלעכער קראַפּט; מ׳האָט שוין אין דער נאַכט אַפֿילו נישט געשאָסן, — וואָס דאָס וואָלט שוין בעסער געווען; די הימלישקייט פֿונעם שיסן וואָלט נישט געלאָזט זיין אַזוי דערשטיקט; איך האָב געפֿילט אַ שטריק אויפֿן האַלדז, — וואָס איז אויף אַזאַ אופֿן איינגעצויגן, אַזוי ווי ער וואָלט אומישנע געלאָזט אָפֿן אַ דין האָרעלע, דער אָטעם זאָל קענען אַדורך; נישט: ער דערשטיקט, אָבער מע ברויך אַזוי שטיין, — און זיך נישט געבן קיין ריר; אַ ריר, מיינט, — אַז דער שטריק פֿאַרגייט זיך נאָר אויף אַ האָרעלע, דאָס איינע האָרעלע, דורך וועלכן דאָס אָטעמען גייט אַדורך, — ווערט פֿאַרמאַכט; און ס׳איז אויס.

כ׳האָב געפֿילט ווי יענע קאַץ, וואָס האָט זיך געכאַפּט אויף אַ פּעטליע, און הענגט אַ האַלב דערוואָרגענע, מיט אָנגעבלאָזענע ליגנען, אַרויסגעשפּיצטע אויגן, נאָר מיט דעם פֿילן שכל, — אַז זי קען ביי יעדן מינדסטן ריר בלייבן הענגען, אַ דערוואָרגענע; און אַזוי, אָ, אַז זי רירט זיך נישט, — לעבט זי, לעת־עתּה; אַזאַ שטריק דאָט האָט אויך געהאַט פֿאַרצויגן די שטאָט אין יענער נאַכט.

כ׳בין געשטאַנען ביים פֿענצטער, געוואָלט אָנטאַפּן דאָס פֿינצטערע, דערשפּירן אַ ברעקל פֿון דער געדיכטקייט, — די לעבעדיקע, צאַפּלדיקע שטאָט איז געלעגן אַ טויטע; און עס האָט זיך מיר פֿאַר אַ רגע

אויסגעדאַכט, ווי כ׳געפין זיך ערגיץ אויפן שפיץ פון אַ לייכט־טורם, אין מיטן ים, וואו ס׳ליכט דינט צו לייכטן פאַר די שיפן אויף זייערע שוואַרצע און ווייסע וואַסער וועגן, טויזנט מייל ווייט פון יבשה.

מיט אַ מאָל, — ווי כ׳דערהער טריט; האַרטע און אָפּגעהאַקטע, הייזעריקע, און ביי מיר אויף דער גאַס:

— נאַ פּראַווא, ניעפּריאַטעל.

אַ מינוט דערנאָך, אַ געשליפן דין שטימעלע:

— לינקס, די רוסן!

און עטליכע שאָסן האָבן זיך צעריסן, ווי עפּעס אַ צווילינג פון אַ בליץ, — וואָלט אויפגעשניטן די שוואַרצע כמאַרע, איר אויפגעשניטן ברייט מיט אַ מעסער.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

און סהאָט זיך, ווי פריער, געצויגן, די טויטע נאַכט, — אין וועל־כער ס׳איז געלעגן אַ טויטע שטאָט.

פ י י ע ר ן

עטליכע צוואַנציק וויאָרשט פון דער שטאָט, ליגט דער פראָנט ווי אַ האַלבע לבנה, — אויסגעבויגן; ער ליגט רואיק, מיט אַ סך סבלנות, אַ שטילער, אַ בייזער, מיט פאַרכמורעטע אויגן, — האַלב צוגעמאַכטע: „קוק מיך נישט אָן און ריר מיך נישט אָן!״ און אַז מ׳צערייצט אים, מ׳וואַרפט אויף אים אַ שטיין, איז פונקט ווי ביי אַ הונט, מ׳וואָלט אים אָנגעטרעטן אויפן וויידל, אַז ער הייבט אויף זיין שווערן קאָפּ, גלאַצט אַרויס די אויגן, און נעמט בילן:

— האַו, — — — האַו, — — — — —

מ׳האָט זיך שוין אַזוי איינגעלעבט מיט אים, ווי מיט עפּעס אַ ווילדע קאַץ אין שטוב, וואָס איז אַזוי לאַנג גוט, ווי מלאַסקעט איר, און מע קאַרמעט איר; און אויב מ׳זאָל איר אַ צושטאַרקן גלעט־טון שטעלט זיך ביי איר גלייך אויף דער רוקן, ווערט האַרט, די ליפּן פאַרשאַרצן זיך, און, — וואָס מיר מילך מיט פּוטער, — זי קען גלייך אַריינפאַרן מיט די נעגל.

מ׳איז געווען רואיק, כאָטש מ׳האָט זיך געוואָרפן אין אַן אומרואיקייט; עס איז דאָך פאַרט צו פּראַנט! און ווי אַזוי ער לעבט זיך דאָרט אויס, — האָט מען שוין דערקענט פון די פייערן אויף די דהימלען; אַזוי ווי ער איז נולד געוואָרן, דער פּראַנט, — איז דער הימל געוואָרן רויט באַפלעקט דורך אים; לכתחילה: מיט קליינע, לייכטע פלעקן, וועלכע פלעגן אויפשיינען איבער אַ רגע, דערנאָך, — אויף לענגער, און גאָר דערנאָך שוין נישט אַראָפּגיין מער פון אים אַ גאַנצע נאַכט; מיט יעדער וואָך האָט די רויטקייט פונעם פייער אַרומגעכאַפּט אַ גרעסער שטיק פון הימל; און דאָס רויטע אויף אים איז אויך געוואָרן מער רויט, — שאַרפער; אַזוי, אַז דאָס אויג, וואָס פלעגט פון אָנהייב בלייבן ווי געכאַפּט, — האָט זיך שוין דערנאָך צוגעגעסן: „מער רויט, וויניקער!“, ווען אַפילו ס׳האָט דאָרטן געזאָלט רעגענען אויף אים מיט בלוט און פייער.

אַזוי ווי ס׳וועט נאָר נאַכט, אַזוי בעטן זיך שוין אויס די הימלען מיט דעם רויטן געוואַנט, — און ס׳זעט אויס: ווי די שריפה וואָלט דאָרטן אָנגעהאַלטן, — פון ביי טאָג נאָך; נאָר וואָס צוליב די ליכטיקייט פונעם טאָג, — האָט זיך דאָס אַזוי געזאָלט דישען, אומגעזען; עפּעס דאַכט זיך: ווי טויזנטער קאַלך־אויוועגס זאָלן ברענען, דערפער און וועלדער שטייען אין העלע פלאַמען; עפּעס זאָל זיך אַלץ צעפּאַלן, צעפּליען, צערינען, — ווי אין סדום ועמורה; מ׳זאָל האָבן אָפּגעעפענט די קראַנען פון הייסע קעסלען, און זיך גיסן פון זיי דער אויפגעקאָכטער שמעלץ פון ערד, שטיינער מיט פייער; מיט אַ מינוט, — און דאָס אַלץ נעמט זיך רירן, צוריקן צו דער שטאָט, ס׳הייסט: דער פּראַנט רירט, — און דער דהימל ווערט רויטער, בלוטיקער; עס נעמען זיך געדיכט טראָגן די שווער־בייכיקע וואָלקנס, אַזוי ווי די זאַטע קי וואָס גייען אַראָפּ פונעם פעלד, — אָנגעפרעסן און מיט פולע אייטערס.

אונטן, אונטער דעם רויטן הימל, — ליגט די שטאָט, אַ שוואַרצע אַ פינצטערע, עפּעס ווי איינער וואָס איז אַוועקגעפאַלן, און האַלט פאַרהאַקט ס׳מויל מיט די ציין; ס׳שמייכלען די דעכער, די שייבן, — מיט אַ בלוט־רויטן שמייכל, און ס׳גלאַנצן די מויערן ווי די בלייכע באַקן ביי שווינדזיכטיקע מיידלעך; ס׳בליצן די געשליפענע שפּיצן־צלמים, מיט דער שאַרפקייט פון דחלפים, — און די פאַרפלאָנטערטע נעצן פון די טעלעפאָן־דראָטן ציטערן, ברעכן זיך ווי אויסגעגליטע שפּיזלען.

די שטאָט אַליין איז רואיק, ווי זי וואָלט אויסגעגאַנגען; ס׳שלאָגן די אָטעמס ביי די מענטשן, — ווי דאָס טיק־טאַקן פון זייגערס; און אפשר גאָר ווי דאָס פּאָכן פון הינט, — מיט איינגעשרימפּענע זייטן, וואָס קרענקען; און אפשר דאַכט זיך עס בלויז אויס? און ס׳אַ שטילע אויסגעליידיקטע שטאָט, וואו ס׳איז נישט קיינער מער געבליבן, וואָס זאָל זיך אויפכאַפּן פונעם שלאָף, אַרויסלויפן אַ נאַקעטער מיטן בלויזן קאָפּ צעשויבערטע האָר, און אָנהייבן אַזוי שרייען געוואַלט, — ביז ס׳לשון וועט אים אָפּגענומען ווערן; ס׳הערט זיך נישט דער שווערער בים־באַם פון אַ גלאָק, וואָס זאָל האַמערן איבערן קאָפּ פון דער שטאָט, רייסן פון איר שטיקער: „שטייטס־אויף, ראַטעוועט זיך פונעם פייער, — וואָס גייט אויף אייך...“ אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָר קיין פייער נישט געווען; נאָר אַ בלויזער אָפּשיין אויפן הימל, — אַ באַהעלטער, אַ ליכטיקער, וואָס קען אַזוי טיף בלענדען; און די רויט־בייכיקע וואָלקנס גייען ווי צעלאָזטע סטאַדעס שעפּסן, מיט אַזוינע צעפּלאָמטע גרזשיוועס, — איבער אַן אַלטן בית־עלמין, אַ פאַרלאָזטן; די הייזער שטייען אַזוי ווי מיט דער רואיקייט פון מצבות אויף פאַרעלטערטע קברים.

די שטאָט זעט אויס ווי אויסגעהאַקט פון בראָנז, — וואָס געפינט זיך אין דעם אור־שיין פון דער וועלט באַשאַפונג; זי וואַרט אויפן רוח־החיים, וואָס וועט אַריינגעבלאָזן ווערן אין איר, און איר מאַכן לעבעדיק, — ווי ביי מעשה בראשית; ס׳זעט עפּעס אויס: ווי אַ בליץ זאָל האָבן צעריסן דעם הימל, וואָס האָט זיך מער נישט צוגעמאַכט; און ס׳האָט זיך אויף נאָכאַנאַנד אַנטפּלעקט דאָס טיפסטע, דאָס העלסטע פון איבער אים, — דאָרט; די פייער־רויטע בראָנז אויסגעהאַקטע שטאָט שווימט אונטן אין פייער, בראָנז אונטער פייער, — מיט דער אייגענער פאַרגליווערטקייט וואָס מ׳זעט ביי אַ מענטש, ווען מ׳פירט אים צו דער תליה, און האָט שוין פאַרלוירן יעדן חוש פאַר שרייען, מאַכן געוואַלטן, — — — — — — — — — — — — —

— — — — — וויל אויך די שטאָט, נאָכדעם ווי זי איז געבליבן ליידיק, הויל ווי אַן אָפן מויל, האָט, ווייזט אויס, פאַרלוירן דעם שכל צו שרייען און בעטן רחמים, — ווען די פייער־צינגען האָבן איר שוין אָנגעהויבן לעקן, לאַשטשען די גלידער.

די שטאָט איז ווי אַ ניסל, וואָס וויגט זיך אויף די כוואַליעס פֿון אַ צעוויגטן טייך, און די מענטשן וואָס קלויבן זיך אין רעדלעך, — שטעלן זיך גאַנץ געמיטלעך אָפּ, און רעדן; און ווי אַזוי דאָס איז? יעדער ריכט זיך, — אַז די שטאָט זאָל איבערגיין צום אַנדערן מיט גוטן, אָן אַ שאָס, — ווייל, מ׳זאָל זיך ערגיץ אַנדערש־וואו דהאָבן טיף אַריינגעשניטן אינעם פֿראָנט, און מען מוז דאָ אָפּ־טרעטן, — אַז מ׳זאָל נישט בלייבן אָפּגעשניטן אין גאַנצן און מיט אַלעם.

דערווייל ריקט זיך אָן דער בין־הזמנים, ווען איינער טרעט אָפּ, און דער אַנדערער ברויך קומען, — און די שטאָט ברויך זיין אָן שום רוט, אין דין ואין דין, — הפקר; די מענטשן דערשמעקן גלייך די הפקרות, אָדער, ריכטיקער: די נבלה, — וואָס גיט שוין אָפּ מיט גערוך; דער גערוך גייט גלייך אַריין אין נאָז, און פּונקט ווי אַ הונט וואָס קריכט נאָך בגנבה אַ וואָגן פֿלייש און צאָטעוועט אויף אים, — אַזוי קריעט זיך דער המון הינטער די ווענט, און צאַקט שוין באַצייטענס מיט די ציין פֿון דעם פֿעטן ביסן, וואָס וועט אים דאָ אַריינפֿאַלן.

מ׳האַלט זיך נאָך דערווייל אָפּ, אומבאַוואוסט, אָבער דער רויב הענגט שוין אין לופֿטן, ווי דאָס געשריי פֿון אַ קראָ, וואָס קרייזט אַרום אַ פֿעלד מיט פּגרים... אָט גיט זיך שוין אַ האַנט אַ ריר־צו צו אַ בנין, — עמיץ נעמט בלויז אַראָפּ אַ פֿענצטער, און שוין גיט דער המון אַ באַפֿאַל דאָס גאַנצע הויז, און מ׳צעטראָגט עס אויף שטיקער; איינער רייסט דאָס באַשלעג פֿון די ווענט, אַן אַנדערער שלעפּט אַרויס די שענק, — מ׳טראָגט אַרויס, און אויב ס׳איז נישטאָ וואָס אַרויסצו־טראָגן, פּליקט מען לעבעדיקע שטיקער פֿונעם הויז אַליין; מ׳טוט עס אויס ביז צום העמד, נאַקעט־גאָל, — אַז עס בלייבט אפֿילו אָן אַ טיר, אָן אַ פֿענצטער, אַ הוילער סקעלעט, אַ ליידיקער קאַסטן פֿון בעלקעס מיט ציגל.

און אויך אויף דעם בייסט מען מיט די ציין, — וואָס מ׳ברויך עס לאָזן שטיין, און דערפֿון אַוועקגיין.

דאַכט זיך: אַז קיינמאָל וועט זיך אַ מענטש נישט אונטערשטעלן, מיט אַ קלאָרן ישוב־הדעת, — צו נעמען אויף זיך אַ שאַנק, צי

אַ פּולן קופּערט מיט וועש, און אים אַראָפּטראָגן איינער אַליין אויף די פּלייצעס פון עטליכע שטאָק, וויסנדיק: אַז ער קען זיך איבער־קערן, און די משא זאָל אים צוליגן, — אַרויסקוועטשן די געדערים פונעם בויך; סיי, ביי אַ בדהלה, אַ שריפה, למשל, — ווען דער שכל ווערט אָוועקגענומען; מ׳דערפילט אין זיך איבערמענטשליכע כחות; אָדער, די רייכקייט פונעם רויב פאַרבלענדט אַזוי די אויגן, אַז מ׳זאָל ווערן צעמישט און ביי זיך טראַכטן:

— לעבן און זיין רייך, אַ נישט, — ליגן אין דר׳ערד.

ס׳האָט ווער געזען: ווי פליגן באַזעצן אַ געפאַלענע בהמה, וואָס גוססעט נאָך, זשיפּעט, — און צעבייסן איר? די בהמה האָט שוין אפילו נישט קיין כח זיי אָפּצוטרייבן מיטן עק אירן; נאָר ווען זיי פאַר־פייניקן איר מיט אַלעם אין די לעצטע מינוטן אירע, — אַזוי נעמט זי צונויף ס׳לעצטע ביסל כחות אין איר מידן אָוועקגעלייגטן גוף, אַז זי זאָל נאָך קענען כאָטש אַ צאַפּל־טון זיך, איין צאַפּל, דעם לעצטן אפשר, — און מיט זיך צולייגן דאָס ביסל פליגן, און זיי צעקוועטשן.

דער המון: אַ ווילדער, איז באַפאַלן דעם געשלאָגענעם, — ווען ער איז נאָך נישט געווען מיט אַלעם טויט, נאָר אַ גוסס; און ער שפּירט נישט די יסורים פון דער גוססער חיה, נאָר זוכט צו שטילן דעם אייגענעם דורשט מיט די טייערע שענק קליידער, זילבערנע געפעסן, געשטיקטע פאַרהאַנגען, — וואָס ער ראַבירט; ער פילט נישט די סכנה פון דער אומקומענדיקער, — וואָס קען אים נאָך דאָ צולייגן; אויף זיין פּנים איז צעשמירט אַ מאוסער גרימאַס, אַ באַזוויפענער; פון אַלע ווינקעלעך קומט־אָן די מאַסע, די הונגעריקע, דאַרשטיקע, — דער אָרימער ווי דער מיטל־מענטש, דער גראָבער, דער רויער און דער געלערנטער, — אַלע דהאָבן דערשמעקט דעם זיסן ריח פון כשרן רויב, און קריכן אַריין מיט די נעגל זייערע אין דער פּגירה; גראָבלען פון דאָרטן אַרויס דאָס איינגעווייד, און זוכן זיך דערמיט אָנצופרעסן צום טויט; דער גוסס פּרואווט זיך נאָך אָפּצו־ווערן, — כאָטש ער האָט שוין אפילו נישט קיין כח אָפּצוטרייבן די פליגן מיטן עק; ער האַלט נאָר אין אויפקלויבן די כחות, דעם לעצטן כח, — און ווען די יסורים דערגייען שוין ביי אים אונטערן האַרץ, אַזוי טוט ער אַ ציטער, אַ שוואַכן קאַנוואולסיווען ציטער, וואָס גייט באַלד איבער אין אַ צאַפּלען, אין אַ צאַפּלען פאַרן טויט; ס׳דאַכט זיך: ער מאַכט אויף די אויגן,

שאַרצט אַוועק די ליפּן, שטשירעט אויס די ציין, און וויל זיך גלייכ־שטעלן אויף די פיס; און מיט פאַרלאָפענע אויגן, אינגאַנצן, — איין פאַרשווימען שטיק בלוט; אַ רויע פאַרלאָפענע ראַנע, — נעמט ער וואַיען, געפּערלעך מרוטשען:

— דונזש... דונזש...

דאָס האָט דער אָפּגעטרעטענער, דער גוסס, זיך אָפּגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג פון דער שטאָט; און דאָס צוזעענדיק, — אויפגעמאַכט דאָס מויל פון זיין איינאיינציק צעבראָכענעם האַרמאַט, און פייערט אויף איר, אויף דער איינגעגעסענער מאָסע:

— נאַט אייך, און איר וועט זיך דהאָבן אָנצופרעסן.

און די מענטשן, — ווי גיך זיי האָבן זיך אויסגעניכטערט; אַזוי ווי דער ערשטער גראַנאַט האָט געגומען ראָלן איבער זייערע קעפּ, האָבן זיי אָפּגעלאָזט די הענט, — וואָס מיר שענק מיט קליידער? אַ קופּערט וועש? צירינג? ס׳איז גלייך אַרויס פאַר די אויגן דאָס ווייב, אַ קינד, טאַטע־מאַמע, — און ווי זיי ריקן זיך הינטער די ווענט מיט אויסגע־גלאָצטע אויגן, דערשראָקענע צום טויט, זיך בעטענדיק:

— לאָזט־אָפּ; מ׳איז אייך שוין מוחל אייער האָב און גוטס, — נאָר הערט אויף צו שיסן אויף אונדז; נעמט נישט אַוועק דאָס לעבן.

איין מענטש

דאָס גאַנצע מיליטער האָט זיך צונויפגענומען, און זיך ביי נאַכט אַרויסגעשאַרט, ווי אויף די שפּיץ־פינגער, — פון דער שטאָט; און די פיינטליכע היילורנ, וואָס האָבן געדריקט ווי אַ שווערע לאַסט, — האָבן זיך אַריינגעשפּאַרט אין איר דורך אַלע שפּאַלטן און לעכער, איר אָנגעפּאַקט ביז איבער די אויערן.

דער גענעראַל, וואָס איז גלייך דערויף אַרויף, — האָט זיך געלאָזט גיין, פאַריסן דעם קאָפּ ביז אין הימל אַריין, — פאַרביי אַ קליינע גרופּע זעלנער, וואָס האָט זיך דאָ אויף אַ רגע פאַרהאַלטן, איינגעצוימט אין זיך דעם דראַנג פון גיין, און אויסגעשטעלט אין סאַלוט; שטייף, די קעפּ אַרויף, די ברוסט, — אַרויס, ווי הילצערנע ברעטער אין אַ פאַרקאַן; און נאָכדעם, ווי ער וועט זיי סאַלוטירן, זיי און זייער געווער, — זיך אַרויסלאָזן אויפסניי, ווי אַן אומגעשטילט געשריי, וואָס ווערט אויף אַ רגע אָפּגעבראָכן; האָט זיך פון ערגיץ אָפּגעריסן אַ שאָס, וואָס איז געפאַלן ווי אַ גאָס פון אַ גלאָז וואַסער, — דורך עפּעס אַ פענצטער; און אַ זעלנער, וואָס איז געווען ווי צוגעהאַקט צו דער רייע, — איז אַרויסגעפאַלן פון איר, זיך אוועקגעלייגט אַ טויטער ביי זיינע פיס; די קויל האָט, אַפּנים, געזוכט דעם גענעראַל, און פאַרביי אים, — צום זעלנער, וואָס האָט, ביים אומפאַלן, — אים באַרירט; דאָס בלוט, וואָס האָט געגעבן אַ שפּריץ, האָט באַגאָסן די ווייסע זילבערנע ראָסע פון שינעל, און ס'איז געוואָרן רויט אַרום דער פאָלע; ער איז געשטאַנען דערנאָך, אַלץ איינס ווי פריער, — אָן מינדסטן ציטער, אַ גענעראַל וועט געבן אַ ציטער, אַז אַ זעלנער פאַלט? און ווען אפילו אויך צו זיינע פיס? בלויז די אויגן זיינע האָבן זיך געגעבן אַ דריי, ווי עפּעס נאָך אַ הילכיקן געשריי, — און געוואָלט כאַפּן מיט זיי, ווי מיט אַ האַנט; דעם שיסער, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אים, וואָס, — דאָס האָט אים גראָד יאָ פאַרדראָסן; און וועלכער האָט זיך נאָכגיכער אַריינגעריקט ערגיץ אין אַ פענצטער, אָדער אין אַן עפענונג פון אַ טיר, צי הינטער אַ פּלויט; און

זיי דאָ גלייך אַראָפּגעלאָזט צום טויטן זעלנער, ביי וועלכן ס׳פּנים איז נאָך געווען אינגאַנצן פריש, נישט געענדערט אויף אַ האָר, און ס׳האָט אַראָפּגערעדט דערפון מיט יעדן קריש:

— גראַד האָסטו דיך געברויכט צוריקן צו מיר, ווען מ׳האָט געצילעוועט אויף דיר, — אַז די קויל דיינע זאָל מיך אויסכאַפּן.

אַ מינוט נאָכדעם איז ער אַוועק, דער גענעראַל, ערגיץ אין אַ שטוב: אַ פרעמדע, אַ רייכע, מיט ווייכע געבעטע שטילן, דיוואַנען, פּאָרטיערן, — וואָס איז צוגענומען געוואָרן ווי זי גייט און שטייט, פון עפּעס אַן אַנטלאָפענעם גרויסן מענטש; איינעם, אַזוינעם, וואָס די שטאָט האָט געמוזט האָבן איבער געגנוג; ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין איינע פון די שווערע געבעטע פאָטעלן, געלאָזט דעם ציגאַר, ער זאָל זיך רייכערן, ביז ס׳האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן פייער אַ דיקער מאָנטנער שוים; די אויגן האָבן זיך אים פאַרמאַכט, נישט ווייל דער שלאָף האָט זיי צוגעשלאָסן, און דער קאָפּ געוואָרן געדיכט פאַרגאָסן מיט טינט, ווי־חען ס׳קומט אויס צו ליגן לאַנג אונטערן וואַסער, — נאָר ווייל די חושים זיינע זענען געווען מיט אַלעם וואַך; זיי האָבן זיך צוגעמאַכט, ווי דאָס קוקן פון זיי אויף עפּעס אַ וואַנט, אַ שטיק מעבל, — זאָל נישט אָפּציען דעם געדאַנק, נאָר ער זאָל קענען אומגעשטערט פון דער ראיה, — טראַכטן פונעם מיליטער זיינעם, וואָס האָט זיך אין דרויסן געריקט, זיך געשטרעקט אין דער גאַנצער לענג, און ווי פאַר עפּעס זיך געביקט; צוהאַלטענדיק אַזוי די אויגן, — האָט זיין פּנים געקריגן אַ געל־טונקעלע פאַרב, און ווי אַרויפגענומען אויף זיך אַ הויט פון שפּינוועבס, אויף וועלכן ס׳האָט געפלאָטערט אַ שאַרפער אומרו; עפּעס ווי דער טויטער זעלנער וואָלט זיך, נאָך אַן אָפּמאַטערן מיט עמיצן אין דרויסן, הינטער דער טיר, — זיך אַריינגעריסן; אַוועקגעשטעלט פאַר אים כמעט לעבעדיק, פאַרשטייפט ווי אַ האָרן, אַזוי ווי ס׳איז געווען אין דרויסן, — ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין פאַרביי זיי, — אויפגערוימט; נאָכדעם ווי ער האָט מיט זיין חכמה אָדער זייער בלוט, — איינגענומען די שטאָט; פאַרביי גיין אין סאַלוט פאַר זיי און זייער געווער, און ס׳רופט זיך אָפּ דער פאַרבאַרגענער שאָס, ווי עפּעס אַ גאָס מיט אַ גלאָז וואַסער פון אַ פענצטער אויף די שטיינער אַראָפּ, — און ער לייגט זיך אַוועק צו זיינע פיס; ס׳בלוט

הייבט זיך אָן אַרויסצוגיסן פון אים, צוערשט אין אַ לאַנג שמאַל רינטשקעלע, אַ דינס, וואָס ווערט גיך ברייטער, און פאַרנעמט, מיט דער רגע, אַלץ מער און מער שטח; צעגייט זיך איבער דער גאַנ־צער גאַס, און אַז זי ווערט פאַרגאָסן מיט אַלעם, — פאַרכאַפּט עס נאָך איין גאַס, און נאָך איין גאַס, — ווי נעמט זיך צו איין מענטש אַזוי פיל בלוט? און ס׳זאָל גאַרנישט אויפהערן גיין? נאָך די גאַסן, וואָס זענען פאַרטרינקען, — קומט דער מאַרק, וואו עפּעס אַ שטיקל באַרג; אין דער גאַנצער ברייט גייט דאָס בלוט, און נישט אַזוי גלאַטיק אויך, ווי מען קען מיינען, — נאָר בלוט וואָס זידט, וואָס קאָכט; בלוט וואָס שרייט, מאַכט לעכער אין הימל; אַלץ נעמט זיך טרינקען אין דעם בלוט, אפילו די הייזער, — זיי פאַרגייען אַזוי ווי זיי זענען, גייען און שטיין; און די לעבעדיקע ברואים: ווערלכע, עס ווערן דערטרינקען אין דעם בלוט, און ווערלכע עס ראַטעווען זיך אַרויס, — שווימען זיי ביזן האַלדז אין בלוט, און זוכן זיך צו דערשלאָגן וואו ס׳איז קיין בלוט נישטאָ; נאָר וואו איז נישטאָ דאָס בלוט זיינס? ביז עס רייסט זיך אויך אַריין אין דער שטוב פונעם גענעראַל, וואָס האָט איינ־גענומען די שטאָט, — וואו ער זיצט און רוט; די שטוב ווערט אָנ־געגאָסן מיט דעם בלוט, עס דעקט־צו אַלץ וואָס ס׳איז אין איר: די טישן, די בענקלעך, די לאָמפּען, און הייבט זיך שוין אַרויף ביז צום האַלדז זיינעם, עס גייט איבערן מויל, איבער די האָר, און, — ער רייסט זיך אַרויס פון דער בלוט־באָד, שטרעקט זיך אויס, מוראַדיק גרויס, און צענעמט טיף די אויגן:

— פון איין זעלנער, אַזוי פיל בלוט, — אַז ס׳קען פאַרטרינקען אַ שטאָט? וויפיל בלוט ברויך זיך נאָך אַרויסגיסן פון הונדערט? און פון הונדערט טויזנט? דאָס דאַרף דאָך פאַרטרינקען אַ וועלט!

אין דער שטוב איז טונקל; ס׳ברענט אַ לאָמפּ מיט אַ קנאָפּן פלאָם; ער וואַרפט קוים אַ שטיקל אָפּשיין, — וואָס זעצט זיך אויף אַלעם נידעריק און ציטערט; אַזוי ווי מע וואָלט אים בלויז געהאַלטן, — ער זאָל נישט לייכטן, און אויך נישט אויסגיין; ער לאָזט נאָך אויף זיך דעם ראָק, וואָס פלאַצט אויף אים אויף, — און צים אים איין ווי מיט רייפן; גלעט־אָפּ דעם שטערן פון דער פייכט־קייט, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן אויף אים, און לייגט זיך אַרויס ביז

אין דער העלפט, — אינעם פענצטער; אויפן גאַנצן דרויסן ליגט אַ געדיכטע פינצטערקייט; ווי גיך עס איז אין זיינע אויגן, — געוואָרן נאַכט? די ברייטע לאַנקע, וואָס האָט פריער גערוט, און געווען געגלעט פון אַזאַ ווייכן פלאַטער דורך צאַפּטע ווינטעלעך, — איז שוין פאַרנומען פון מעגנעס וועגן, בוידן, וואָס האָבן דאָ אָפּגעלייגט ס'ביסל בעבעכעס; און די הייזער אַליין, אַזוי ווי זיי זענען צעשטעלט, — וואַרפן־אָן אַן אימה ווי פון אַ ליידיקע וועלט, אַ טויטע, אַן אויסגעהוילטע; עס ברענט נישט אין ערגיץ קיין שטיקל לאָמטער, אַ ברעקל ליכט; און דעם הימל אַליין, וואָס ברויך ליגן אַזוי הויך, — זאָל מע קענען אָנטאַפּן מיט די הענט; פון גאַנץ ווייט דערטראָגט זיך דאָס גיין פונעם מיליטער זייגעם, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן ביי טאָג, ווען די שטאָט איז געוואָרן ז י י ן, דאָס אומאויפהערלעכע גיין, וואָס איז אַזוי טיף, פאַרהוילן, און גיט־אָן ווי דאָס מאָלן פון מילן; ער איז נישט איינמאָל שוין געשטאַנען, און זיך צוגעקוקט ווי גאַנצע פולקן גייען בעת אַזאַ גיין, — אונטער; ווערן אויסגעפליקט ווי גאָרשטן די האָר פון אַ באָרד, דורך אַ שווערע האַנט; און עס האָט אים דאָס געזאָלט אָנהויבן צו אָרן; אַזוי איז דער גאַנג פון מיליטער... עס ברויך גיין... און אַז עס בלייבט שטיין, — איז עס נישט מער; ער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס ער גיט פאַר דעם, — וואָס ער קריגט; און אַז שטעט, אויסגעבויטע, לעבעדיקע, — פאַלן נישט אַראָפּ פונעם הימל, און זיי קאָסטן בלוט; ער האָט זיי בלויז געברויכט קריגן; און אַז דאָס מיליטער ברויך פון זיך מאַכן שטיגן, — אַרויפצוקלעטערן צו זיי? זיין אַרבעט איז געווען, — זיי אונטערצושטופן: גיי, און גיי... און צי עס זענען בערג, גריבער, וואַסערן, — דו מוזט גיין; די אַלע זאַכן טאָרן נישט זיין, — אַז זיי גייען; און וויפיל ס'זאָלן זיך נישט אָוועקלייגן, — טאָרן די אַנדערע נישט אָפּשטיין; ער האָט נישט געפילט דעם טויט פון אַלע, ווען זיי קומען־אום אויף אַ מאָל, ביז דעם מאָל, ווען דער זעלנער, וואָס האָט אויסגעכאַפּט די קויל זיינע, — האָט זיך אַראָפּגעלייגט אַזוי הכנעהדיק צו זיינע פיס; דאָ האָט ער דערפילט, ממש, — ווי עמיצער צעגייט זיך מיט זיין לעבן; ער באַזונדער, און ס'לעבן זיינס, — באַזונדער; פון ביידע איבאיינעם, — איז געווען אַ מענטש, אַ לעבעדיקער, אַ שטיק געשריי, — מיט אַ הימל איבערן קאָפּ, ערד אונטער די פיס;

און באַזונדער, — איז פון אים געוואָרן אַ שטיק ליים, און פון לעבן זיינעם, — עפּעס אַ זאַך, וואָס איז זיך צעגאַנגען אינעם אויר, און האָט נישט קיין ממשות; און ווען דער זעלנער איז געלעגן טויט אויף דער ערד, האָט ער לדהכי געשוויגן, און מיט אַלע זיינע טויטע אברים געשריגן:

— צי ער מיינט, אַז ס׳וועט אים אַלעמאָל אַזוי אָפּגיין? אַז ער וועט נאָר וועלן נעמען דורך זיי און יענעם? און אַליין, נישט וועלן האָבן שטעקן דערין גאָר? אַ פינגער? אַ גראָע האָר? עט־ליכע טעג פון זיין יאָר? נאָר דורכאויס שטיין, און זיך צוקוקן, ווי יענע גייען און נעמען, און, סזאָל נאָך הייסן: פאַר אים, מיט דעם גראָבן ליגן, וואָס מ׳העגגט־אָן, פאַר אַלע אין די אויגן, ווי אַ לונג־און־לעבער ביי דער נאָז, — אַז ער האָט גענומען!

די באַגעגעניש

די זון האָט געשיינט.

צווישן צעריסענע, צעפּליקטע וואָלקנס, איז זי געשווימען, די זון, — אין טיף־אָנטפּלעקטן הימל, און שטראַלנדיק פאַרשיט די ערד מיט גאָלד; ס'בלאָ וועלדל האָט געזינגען, זיי לייכט ווינטל האָט שטיפעריש געטריבן די פאָסן ליכט איבער די פעלדער זאַנגען, — און די לאָנקעס גראָז געוויגט.

אויפן באַרגל איז אַ ווינט־מיל געשטאַנען ווי געקעפּט; די שוואַרצע פליגל אַראָפּגעבראָכן, — זיי זאָלן זיך נישט דרייען; הינטערן באַרגל איז אַ דערפל געלעגן אויסגעשיט, און ווי זיי נאָס אָפּגעצוואָגן קעצל, — געציטערט; די צעצויגענע כאַלופּעס האָבן זיך ווי געוויגט, — ווען אין דרויסן, אויפן פאַרבייגייעדיקן שליאַך, — האָבן שווערע רייטוועגן זיך אַריינגעשניטן מיט די רעדער אינעם זאַמד, און אַזוי געסקריפּעט, — ווי די אָקסן וואָלטן פון לאַנג נישט געווען אָנגעשמירט; זעלנער מיט צעגאָסענע פייכטע פּנימער, האָבן, איינגעהויקערטע, אונטער די אָנגעפּילטע רוקן־זעק, — זיך שווער געקאָפּעט; אַ פּוס אַריין, אַ פּוס אַרויס, און אויף זייערע קעפּ האָבן קאַסקעס געבלענדט קעגן איבער דער זון, ווי די צעפּלאַמטע שטורקאַצן.

ס'דערפל איז אַזוי ווי איינגעשרימפּן געוואָרן; די הייזלעך, — מער צוגעפּאַלן צו דער ערד; ס'ביסל לעבעדיקע פויערים האָט זיך פאַרריקט אין די קעלערן; נאָר וואָס דער העלער טאָג האָט געלאַכט איבערן וועג, — וואו ס'מיליטער האָט געטרעטן; אַלץ אַרום האָט ברייט אויפגענומען דאָס מיליטערישע זינגען, דאָס ברייט־צעלאָזטע הילכן, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן, ווען ס'האָט אַרופּצוציהער אויפגעהערט, — גראָד ווי אַ פּרוי, וואָס שפּרייט טיף אויס אירע אָרעמען פאַרן געליבטן.

פון די הימלען האָט זיך אַראָפּגעגאָסן דאָס ליכט אויף זייערע קעפּ, און זיך געשמאָלצן אויף זייערע היטלען, אויפן באַשלעג פון די וועגענער, די רויטע קופּער און בראָנזענע רערן פון האַרמאַטן, —

אַזוי ווי מ׳וואָלט זיי אײַנגעטינקען אין אויפֿגעקאָכטע פּעסער מיט גאָלד; די שטראַלן האָבן געשפּילט, געלויכטן אין די אויגן פֿון די לאַנגע שנירן זעלנער, וואָס האָבן געטרעטן, און זיך ערגיץ, מיט דער אייגענער געהויבענקייט פֿונעם גאַנצן אַרום, — אַוועקגעלאָזט דורך די טויערן פֿון דער ברייטער אויפֿגעפּראַלטער וועלט, צווישן די הויכע פֿעלדער מיט זאַנגען, און אין אַזוינע לאַנגע שנירן פֿאַרלוירן געוואָרן. פֿונעם בלאָען וועלדל, וואו די פֿייגעלעך האָבן זיך אויף די צווייגן צעשטעלט, און אינאיינעם דאָס קלאָרע, זילבערנע מאָרגנליד פֿון זייערע העלדזער אַרויסגעטרעלט, — זענען עטליכע רייטער אַרויסגעריטן; אין גראָען פֿעלד־אַנטועכטס, מיט די פּיקעס אין די הענט, — זענען זיי געזעסן אין די זאָטלען, און ווי אָן שום מחשבה זיך געלאָזט פֿירן פֿון די פֿערד; אַרויסקומענדיק פֿון פֿאָרענט, — אָנגעשפּיצט די אויערן, פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם, און ווי געוואָרן געכאַפּט פֿון דעם מיליטער, וואָס האָט זיך דאָרטן ווי געמאָלן אויפֿן לייוונט; זיך צוגעהערט צו דעם שטילן כאָרכלען פֿון די רעדער, וואָס האָבן גע־שניטן דאָס זאַמד, גראַד ווי ס׳מאָלן פֿון אַ וואַסער־מיל.

— אַזוי נאָענט, — האָט זיך ביי וועלכן אַרויסגעריסן, — עטליכע טריט, אײַנגאַנצן.

איינער האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט צום פֿערד אויפֿן קאַרק, צוגע־פֿירט מיט די שפּאָרן צום בויך, — און אים לייכט באַרירט; אָנגע־בויגן דעם קאָפּ, און ווי מיט די אויגן געפֿרעגט: „אויב מ׳קען רייטן צוריק...” און נאָך איידער זײַנע אויגן האָבן אַדורכגעבויערט די טיפֿ־קייט פֿון צווישן די באַלייגטע פֿעלדער, און געקענט אָנכאַפּן דעם דרים פֿון זייער קומען און גיין, — ווי ס׳פֿערד זײַנס האָט פֿאַרריסן דעם קאָפּ, אַ דריגע־געטון, פֿילייכט פֿון דעם קיצל, וואָס ער האָט אומגערן געקריגן, — מיט די הינטערשטע פֿיס, און זיך שטיל צע־הירזשעט; און גלייך האָבן עטליכע זעלנערלעך, וואָס זענען דאָ ער־גיץ געלעגן באַהאַלטן אונטער אַ קרושאָק, — מיט אַ מאָל זיך אויפֿ־געכאַפּט, ווי איבערגעוועקט פֿון אַ לייכטן דרימל, אַ קאַפּויר־געהויבן אויף דער גיך די ביקסלעך, — און ס׳האָט אַ זאַלפּ־געטון פֿון זיי אַלע, אויף אַ מאָל; ס׳האָט זיך צעהילכט אויף אַרום; אַ ציטער געטון די לופֿט, די זאַנגען, — זיך צעטרייסעלט; דער וואַלד, — צעוויגט;

און פון די צווייגן זענען זיך די פייגל צעפלויגן אין דער לופט, און זיך אזוי צעשריגן, — גראד ווי מ'וואלט אין זיי אריינגעשאסן.

די פערד האבן, מיטן אויג, — זיך אריינגעכאפט אין דעם בלא־ען שיטערן וועלדל, און אויף דער ערד האבן זיך געוואלגערט בינט־לעך גראז, ווי אויסגעפליקטע שטיקלעך באָרד פון פנימ'ער, — וואס די פאדקאוועס האבן ראפטום און מיט זייער שארפן פארנעם, — אויסגעריסן; נעבן דיביימער זענען געלעגן צוויי אדורכגעשאסענע, אויפס טויט, — רייטער; געלעגן צעשפרייט, ווי מיט א געוויסע ברייט־קייט, צעווארפן די הענט, גאלע צעשויבערטע קעפ האר, און ביי זיי אויף די פנימער האט נאך כמעט, ווי פון פריער, — געשפילט די אייגענע באזעסענע מחשבה, ווען זיי זענען געזעסן אין די זאטלען; ביי איינעם איז די קני געווען עטוואס אנגעבויגן, און ביים אנדערן — עטוואס פארדריקט די פויסט; די אויגן ביי ביידען האבן געקוקט אזוי קלאר צום הימל ארויף, ווי געוואלט עפעס ארויסקריגן פון אים; גאר וואס די ווייסלען האבן גענומען, קוקענדיק, ווערן געל ווי די געלע זון.

די טשאטע פייגעל האט זיך צוריק אפגעזעצט אויף די צווייגן, און דא מער אפגעהעשעט ווי געפישטשעט; פון דער טיפער געדיכטע־ניש וואס איגעם וואלד, — איז ערשט א האז ארויסגעלאפן, ווי ער וואלט זיך עפעס פארשפעטיקט אויף דער חתונה, און, קענטיק: נאך גע'רצמ'לט פונעם שיסן, — זיך געדרייט אויפן פעלד, געזוכט א מקלט וואו נעלם צו ווערן; און אזוי ווי ער האט דערבליקט די צוויי טויטע רייטער, אויף א רגע געבליבן שטיין פארנארט, זיך ארפגע־לאזט אויף די אונטערשטע פיסלעך, אויסשפיצענדיק די גרויסע אוי־ערן, און ווי באגומען: „אז דאס מאל האט מען נישט אים געמיינט!" — געגעבן א שווינד־צוועק צווישן די פעלדער, איבערלאזנדיק נאך זיך דאס פאכן אין דער לופט, פונעם לויפן.

די זון האט זיך נאכדעם ווי פארשטעקט אונטער א כמאריע, און אלץ ארום ד'האט אן אנדערע מראה באקומען; סאיז געווארן טונקעלער אויפן פעלד; דער טאג האט אויפגעהערט צו לאכן; דאס ליכטיקייט אין די פנימער פונעם מיליטער, דאס בלאנקען פונעם שטאל, ס'בליאס־קען פון די היטלען, — איז אוועקגעקומען; דאס שטראלנדיקע וואס האט געשפילט אויפן קעפל פון יעדער זאנג, — זיך אפגעטון; און

דאָס ווינטל, וואָס האָט זיי פריער געפּיעשטשעט, — האָט איצט רוגזהדיק געטריבן די שאָטן־פלעקן, אומרואיק געבאַרשט די זאַנגען; אויך דער וואַלד האָט אָנגעוואָוירן זיין בלאָ, געוואָרן חושכדיק־שוואַרץ, ווי אַ זקן וואָס האָט איבער זיין טיפע עלטער זיך פאַרטראַכט, און די ברעמען אַראָפּגעלאָזט.

די ליכטיקייט איז ווי מיט דער האַנט, — געוואָרן אַוועקגענומען; אַ מרה שחורה האָט זיך איבער אַלעם צעלייגט; גראָד ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אין זיך פאַרזינקען, און דאָ עפּעס פאַרלייקענען געוואָלט; דער הימל געוואָרן מאַט, אָפּגעלאָשן, — און אַלע פאַרבן האָבן אויף אים אויסגעריננען; פון עטליכע צוגעלייגטע כאַלופּעס, וואָס זענען געלעגן האַרט ביי די פאָדערשטע ביימער פונעם וועלדל, — האָבן זיך עטליכע פייערלעך אַרויסגעזעצט אויפן פעלד, און אָפּגעהאַקט, צווישן זיך גערעדט:

— מ'וואָלט אפשר באַדאַרפט אַ קוק טון צו זיי, און אַנידערקניען,

— זיך איבערצלמען פאַר זיי?

— זיי אָפּגעבן דער ערד?

— שוין, צי זיי לאָזן ליגן ביז פאַרנאַכט, — ווען די זון וועט זיך זעצן?

— און וואו? אויפן סמענטאַרזש? צי אויפן זעלביקן אָרט, — וואו זיי זענען אַראָפּגעפאַלן טויט פון די פערד?

זיי זענען אַזוי געזעסן פאַרזינקען מיט די קעפּ צו דער ערד, ביז ס'איז געוואָרן גוט טונקל; ווען אַ פייערדיקע רויטקייט האָט גענומען ציטערן איבער אַלעם; די שפּיצן־ביימער האָבן געברענט, און די רויטע צוויקל־בלעטער, — געבלענדט, ווי באַשפּריצט מיט רויטן מאָן; אַלץ אַרום האָט זיך געלאָשן ווי נאָך אַ וועלט־שריפה; און דער האָריזאָנט איז געוואָרן אַזוי מאַט רויט, ווי דער שטערן ביי אַן אַלטן מאַן, — וואָס האָט פיל איבער דער וועלט געטראַכט; דעמאָלט זענען זיי אַריבער, די פייערלעך, — צום וועלדל, און ביי דער גאַנצער שרעק, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן, — האָבן זיי, מיט זייערע צעקנייטשטע שטערנס, טיף־צעקאַרבטע, גענומען אויפברעכן די ערד, וואָס ס'איז זיי נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען; זייערע פּנימער האָבן געברענט ווי צעפלאַקערטער קופּער אויף קופּאָלן, — ווען זיי האָבן געגראָבן דאָס גרוב, און די רייטער אין דעם אַריינגעלייגט; ביי די

רייטערס זענען די קערפערס געווען פריש, און ד'האָבן געשלאָגן מיט וואַלד־ריחות; די גלאַטע, אָפּגעשאָבענע פּנימער, — האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרלוירן זייער צאַרטקייט וואָס ביי פרויען־העלדזער.

ס'האָט אָנגעהויבן קאַפּען אַ רעגענדל; שווערע טראָפּענס צו פאַלן, — וואָס האָבן אויפגעפרישט ס'פעלד, דערקוויקט די ערד, וואָס האָט אין זיך פריש חיות אַריינגעקריגן; דער וואַלד האָט געגומען רייכערן מיט ווייררויך, די ביימער צו טריפן מיט זשיוויצע, פאַר־שפּרייטן אַזאַ אַראָמאַט, — וואָס היילט ווי באַל־זאַם; און נאָענט ביים ליפּענעם צלם, — זענען עטליכע גייעס געפאַלן מיט די פּנימער צו דער ערד, און די צערוישטע ביימלעך האָבן צעטראָגן זייער געבעט:

— יעזו, יעזו! זיי אונדז מוחל, וואָס צוליב אונדזערע זינד, — האָט דאָס געקענט געשען; און נעם־אַן פאַר גוט, — וואָס ס'דאַרף האָט זיי אונטער איר שירעם באַהאַלטן.

ס׳גראָבט זיך אַ מאָל עפּעס איין אין זכרון, נעמט אויף זיך אַ גראָבע שאָל, און ס׳בלייבט פון דעם אַ שאָטן ווי פון אַן אַלטן דעמב, — וואָס וואָלט געשטאַנען הונדערטער יאָרן.

אַזוי איז, למשל, — מיט דעם אָרט וואו אַ צוג איז צעהאַקט געוואָרן; מ׳פאָרט אין אַ פינצטערע נאַכט, די ליכטיקייט אינעם וואַגאָן מידט־איין די אויגן, דער קאָפּ זינקט אַרונטער, מ׳כאַפּט אַ דרימל, — און מ׳קומט גלייך אויף מיט אַ ציטער; עפּעס־וואָס, וואָס רייסט איבער דאָס זיסע חלומל, — דאָס איז ס׳אָרט וואו דאָס האָט געטראָפן; די מעשה מיטן צוג איז זיך פאַרלאָפן...

פון זיך אַליין נעמט זיך בייגן דער קאָפּ, און די אויגן זוכן עפּעס, ווילן דאָ כאַפּן אַ קוק, — אַ פּיצל קוק; ס׳נעמען זיך ריסעווען, אויסמאָלן די צעבראָכענע וואַגאָנען: ווי זיי ליגן אַלע אינאיינעם אָנגעלייגט אויף דער קיפּע, צעקנייטשט און צעקנאָדערט, — ווי זיי וואָלטן נישט געווען פון שטאָל, פון אייזן, נאָר פון טאָוול; צעבויגענע הענט ביי מענטשן, און פיס, — וואָס שטייען אויפגעשטעלט; אָנגערויטע פּנימער און פאַרגעלטע...

אַזוי איז אויך מיט אַ בוים, אַ סלופּ, — וואָס האָט אין איילעניש געבראָכט באַשטיין פאַר אַ תליה; יאָרן וועלן אַוועק, און אַז מ׳וועט זיך אומקוקן אויפן זעלביקן בוים, וועט זיך אַלץ אויסדאַכטן, — ווי ער איז אין שאָטן פון יענעם טויטן, וואָס האָט אַזוי ווייניק אויף אים געהאָנגען, — און וואָלט זיך נאָך אַלץ געהוידעלט אויף אים ווי אַ גלייכע אומבאַוועגלעכע ווירע.

און אַזוי איז אויך געווען מיט דער בריטשקע.

אין אָנהויב מלחמה, גלייך מיטן אויסברוך, — האָט זיך די שטאָט אויסגעליידיקט פון די רוסן, וועלכע האָבן זיך איינגעפּאַקט און געגאַנגען זייער וועגס; און ס׳זענען אַריין אין איר די ערשטע פּוילישע זעלנערלעך: יינגיטשקע שקצימלעך, פּילסודסקיס לעגיאָנערן פון קראַ־

קע, נאָך אַ הפסקה פון הונדערט יאָר, — ווי צו זיך אַ היים, אין זייער שטאָט; ס'זענען זיך צונויפגעלאָפן די גוים: הע? דאָ, האָט מען געוואוסט: איז מלחמה מיטן שוואָב, — און ס'זענען גאָר געקומען פּוילישע זעלנערלעך, יינגע שקצימלעך, אַ סך, — פון דער זעלביקער שטאָט, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין קראָקע; דאָ מורא געהאַט צו זיין, — מ'זאָל זיי נישט איינישבנען; און זיי זענען אַציגד אַוועק אַ היים צו טאַטע־מאַמע אין שטוב, זיך דערבן מיט די היימישע שיקסלעך...

די אַנדערע, ווידער, האָבן זיך צעשטעלט מיט זייערע ביקסן, מיט דעם גאַנצן האַק־און־פּאַק זייערן, — אין די אָפּגעליידיקטע הייזער, ווי אויך אויפן וואָקזאַל, וואָס איז קיין וואָקזאַל נישט געווען, נאָר אַן אויסגעליידיקט הויז, פֿאַר וועלכן ס'זענען מער קיין באַנען נישט פֿאַרביי געגאַנגען.

אין דעם זעלביקן טאָג, פֿאַרנאַכט, ווען אַלץ האָט זיך אַזוי געפרייט: „מ'איז שוין פּטור פון די רוסן!" און געמיינט: אַז די שקצימלעך האָבן שוין איינגענומען די מלחמה, — וועלכע האָט זיך דאָ געזאָלט אָנהייבן און געענדיקט אַן איין שאָס; אין דעם זעלביקן פֿאַרנאַכט: האָט זיך עטליכע רוסישע אָפיצירן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעקליבן אויף עטליכע דרייסיק וויאָרשט פון דאַנעט, — פֿאַרגליסט צו גיין אַ קוק־טון אויף דער שטאָט; זיך אַ שפּיל־טון מיט אַ פּאָר שיינע שיקסלעך, — וואָס האָט זיי, מסתמא, געמוזט אויספעלן אויפן דאָרף; אַזוי דהאָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל, און נישט וויסנדיק גאָר פון די פּוילישע זעלנערלעך, — יעדנפֿאַלס אַרויפגענומען צו זיך אַ „פּולעמיאָט", — פֿאַר אַ שמירה; זיך געלאָזט אַרומרינגלען מיט עטליכע צייאַנציק דראַגונער, און — וואַלאַי אין שטאָט אַריין; און אַז זיי האָבן אַריינגעפּאַטשט אויפן מאַרק, וואָס האָט זיך באַוואויגן מיט מענטשן, און געהילכט מיט די געשרייען און געוואַלטן, — האָבן זיך די דראַגונער, ווערענדיק צעשראָקן, — צעבריקעט מיט זייערע כאַליערעדיקע פערד, און גענומען קנאַקן מיט די ביקסן איבער די קעפּ, אויף וואָס די וועלט שטייט; אויך דער אויטאָמאָביל האָט זיך צעלאָזט און געפֿלויגן ווי אַ רודה, — געשיט מיט קוילן פון דעם „פּולעמיאָט" זיינעם, — ווי פון אַ לעבערדיקן זאַק; אַלע וואָס האָבן

ויך געפרייט אויפן מארק, און אויך אויף די גאסן, — האָבן זיך גע־וואָרפן מיטן פּנים צו דער ערד, אָדער זיך געזוכט אויפצורוימען, נאָך וויניקער ווי אין אַ מינוט: אין אַ טויער, הינטער אַ מויער, אַ פּלויט, וואו מ׳האָט נאָר געקענט, — מ׳זאָל נישט בלייבן ליגן אַ מת, אָדער די פערד זאָלן, צום ווינציקסטן, נישט צעטרעטן מיט די פיס.

נאָענט, צום וואָקזאַל האָט זיך דענצמאָל געיאָגט אַ ברישקע מיט אַן אָפיציר, — וואו עס זענען איינגעשטאַנען די זעלנערלעך זיינע, און זיי געוואָלט וואָס גיכער פון דאָרט אַרויסקריגן: „לערגען דורך ארץ מיט די קאַצאַפּן!״; אָבער אַ קויל האָט אים נאָך פריער אַנגעיאָגט, און ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, — אַ טויטער.

הארט ביים פאָרענטש פונעם קאָליע־גאָרטן, וואָס האָט אַרומגענומען דעם צופאָר צום וואָקזאַל, איז דערנאָך געבליבן שטיין די ברישקע, — פאַרשטעלט פון עטליכע ביימלעך; ס׳איז פון אַלץ און פון אַלעם וואָס ס׳איז געווען, — געוואָרן רויק; אַנדערע ווינטן האָבן גיך געגומען בלאָזן, — ריכטיקע מלחמה־ווינטן; ס׳קליינע היי־פעלע פוילישע זעלנערלעך האָט נאָך, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעזען, — נישט געהאַט געווינען די מלחמה מיט אַלעם; עס איז דערנאָך אַריינגעפאַלן ווי אַ קליינער טראָפּן, — צווישן די ימים מיליטער פון די גרויסע מלוכות; עפּעס האָט זיך כסדר אומגעביטן: היינט די רוסן, מאָרגן, — די דייטשן, און פאַרקערט; אַ מאָל איז עס נישט צוגע־גאַנגען אַזוי גרינג און גלאַטיק, — ווי עס רעדט זיך; און אַ מאָל: זיך אָפּגעריקט איינער פאַרן אַנדערן אין גוטן, — זיך צומאָלט נישט גע־קומען אויפן פּנים; און די שטאָט, וואָס האָט יעדעס מאָל געברויכט בלייבן אַליין, פאַר זיך, — און קיינעמס נישט זיין; האָט יענער, וואָס האָט זיך באַדאַרפט צו פאַרנעמען פון איר, — איר, געוויינטלעך, אַזוי צום קאָפּ געזען, אַז דער אַנדערער, וועלער ער האָט נישט געזאָלט זיין: דער רוס, צי דער דייטש, וואָס האָט באַדאַרפט אין איר אַריין, — איז געקומען ווי אויף אַ קברות, און נישט ווי אין קיין שטאָט; און דאָ: הארט הינטער די ביימער, ביים פאָרענטש פונעם קאָליע־גאָרטן, וואו די מלחמה האָט זיך מער ווי אומעטום געמאָלן, — האָט זיך די ברישקע געוואָרפן אין די אויגן; און נישט מ׳האָט איר געוואָלט פאַרברענען, אויפרייסן, אַזוי ווי מ׳האָט געטון מיט אַלעם, — צו וואָס ס׳האָט

ניִשט אָנגעגנומען קיין חשק דאָס מיטצונעמען; מ'האָט איר צורו געלאָזט, די בריטשקע, זיך ניִשט אומגעקוקט אויף איר; ניִשט, ווייל מ'האָט איר פֿאַרזען, נאָר ווייל מ'איז געווען זיכער: דאָס יענע, וואָס וועלן קומען, — וועלן זיך אויך ניִשט צורירן צו איר.

אַז דער דייטש פּלעגט אַריינקומען, האָט ער זיך, ס'ערשטע, געוואָרפֿן אויף דער שטאָט, — און פֿון איר צום איבעריקן געוואָלט אַראָפּעסן די הויט; מיט וואָס די רוסן האָבן זיך געבריעקט, — איז פֿאַר אים נאָך אַלץ געווען אַ קרן; פֿאַר זיין חיל, מיט וועלכן ער איז געגאַנגען און אויך אַלעמאָל געקומען, — האָט ער אַלץ באַדאַרפֿט האָבן; איז אים אַלץ געווען ווייניק; און אַרויסגעשיקט איבער די הייזער, — מ'זאָל צונויפֿנעמען פֿון טעפּ, פֿון טעלער, גאָפּל, לעפֿל־מעסער, און אַפֿילו בעט־געוואַנט מיט קישענס, — מיט וואָס ער האָט געוואָלט דערוואַרימען די פֿאַרפֿרוירענע בעז פֿון די זעלנער זיינע; צי אַפֿילו אַ פֿאַרטעפּיאַן, וועלכע, מ'האָט געזאָגט, — ער לאָזט אוועקשטעלן אין די אָקאָפּעס, אַז די זעלנער זאָלן זיך קענען אויף זיי נאַריש מאַכן...

ער האָט אַפֿילו צוגעזאָגט פֿאַר אַלעם צו באַצאָלן; ניִשט געוואָלט גאָר גענומען בחנם; און דאָ איז געשטאַנען אַ בריטשקע, אַ לעבעדיקע בריטשקע פֿאַר די אויגן, — און ס'איז אים ניִשט איינגעפֿאַלן זיך צוצורירן צו איר, ווי די רוסן, — איר מיטצונעמען מיט זיך.

און כאָטש ס'האָט ניִשט געקענט זיין קיין רייד פֿון באַזעצן זיך אויף תמיד, — צי ס'זענען געווען די דייטשן, די עסטרייכער, צי אַפֿילו די רוסן; און מ'האָט קיינמאָל ניִשט געקענט וויסן, — וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען, — האָבן זיי, פֿונדעסטוועגן, ווער עס האָט ניִשט געזאָלט זיין; זיך געוואוסט מיטצוברענגען פֿון אַלעם גוטן; און זיך, לכתחילה, — באַזעצט מיט ביידע פֿיס; און אַז מ'איז אָפּגעזעסן אַ וואָך, אַ חודש, — צי אַפֿילו עטליכע חדשים; מ'דאַרט געזען צו פֿאַריכטן די הייזער, — וואָס די אַנדערע האָבן פֿאַרברענט; זיי אָנלייגן מיט כל טוב; און גלייך אויף דערוויף, ווי געווייגטלעך, אַז ס'האָט זיך אַ מאָך־געטון, — געבריוכט כאַפּן ס'פּעקל אויף די פּלייצעס, און צוקער זיין איבער אַ נאַכט; ניִשט געקענט אַרויסכאַפּן אויף זיך די הויזן, — און ניִשט נאָך זיך אַרויסקלויבן מיט דעם אַלעם

גוטן; אַזוי האָט מען דאָס גענומען בראָטן און ברענען, — און די בריטשקע געלאָזט שטיין; זיך אויך נישט אומגעקוקט אויף איר.

אין צווישן: ווען איינער כאַפּט די פיס אויפן אָרעם, און דער אַנדערער האָט נאָך דערווייל ס'קדחות די גאָז אָריינצושטעקן; די שטאָט בלייבט איבער אַליין, — אויף קיינעמס נישט באַראָט; אַזוי לאָזן זיך אַרויס די מענטשן, צעוויצטע, — און נעמען כאַפּן וואָס ס'קומט זיי אונטער די הענט; רייסן אַראָפּ פון די ברענענדיקע הייזער, — די טירן, די פענצטער, צענעמען די אויוועגס, טראָגן אפילו אַ היים גליענדיקע קאַפּליעס; הייסע, ברענענדיקע ציגל; און, מזאַדנע: עס איז נישטאָ קיין איינער פון צווישן זיי אַלע, פון אַ גאַנצע שטאָט מענטשן, וואָס זאָל זיין אַ בעלן צו־צוגיין צו דער בריטשקע, איר אָנעמען פאַרן דישל, און אַראָפּפירן צו זיך אַ היים.

אַ גאַנצן גייענדיקן ווינטער איז זי אַזוי געשטאַנען; די שטאָט האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן, אַז ס'איז געווען מיט נסים, — ווי זי האָט זיך אַדורכגעקאָפּעט, און ס'איז פון איר געבליבן אַ שטיין אויף אַ שטיין; ביז מ'האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערזען, — אַז ס'פעלן ביי איר די קישענס; ס'האָט זיך עמיצער, סוף־כל־סוף, אונטערגעשטעלט, — און זיי אַראָפּגענומען; און דאָס איז געווען ווי אַ צייכן פאַר וועלף, — זיי זאָלן נעמען רייסן פון איר שטיקער; וואָרן מיט דער מינוט וואָס יענער דהאָט צוגענומען די קישענס, — האָט אַ צווייטער פון איר אַראָפּגעריסן דאָס געוואַנט; אַ דריטער — איר אויסגעטון די רעדער, און זי האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די אַקסן, אַנידער־געקיטשעט אויף דער ערד; אַ ליידיקער געשטעל פון אייזן, — וועלכן דער רעגן האָט געפרעסן, און די זון פאַרצערט; און זי וואָלט, ווער ווייסט, — אַזוי געשטאַנען ביז איבער דער גאַנצער מלחמה, — ווען עס זאָל נישט געווען אונטערפליען ווען דאָס צו טוען; אַז מ'זאָל איר, ווייניקסטענס, — צעטראָגן אויף שטיקלעך; צעטראָגן, און זאָלן נישט אַוועקנעמען מיט אַלעם, — ווי זי וואָלט געווען איינס מיטן טויט, אָדער, לכל הפחות, — געהאַט אונטערגעשטעלט אַ פּיסל יענעם אָפּיציר, ער זאָל אויף איר אומקומען.

אין דער רייע
נאָך אַ שטיקל ברויט

אַרום האַלבע נאַכט

געווײנטלעך, הייבט זיך אָן פֿאַרגע־מען די רייע אַרום האַלבע נאַכט; ס'קומט־אויף אַ מענטש, וואָס דרייט זיך פֿריער אַרום דאָ־דאָרט, ווי ער וואָלט עפּעס נישט געקענט פּועלן ביי זיך, זיך אָוועקצושטעלן איינער אַליין ביי דער טיר פֿון דער בעקערײ, — ביז ער גיט זיך, סוף־כּל־סוף, אונטער; שפּאַרט זיך צו מיט אַ זייט צו דער וואַנט, און שטייט, אַראָפּגעדריקט ס'היטל איבערן קאָפּ, ווי די גאַס זאָל נישט זעען: אַז ער גיט זיך דאָ איבער צו אַ לייכטן דרימל, — וואָס האַלט אים אי וואַך און אי שלאָפֿענדיק.

דערנאָך קומט אָן נאָך עמיץ; דער עמיצער שטעלט זיך, אַז ער האָט שוין ווען דאָ שטיין, — דרייסטער אַוועק; שפּאַרט־אָן זיין קאָפּ אין יענעמס אַקסל ווי אָן עפּיס אָן אָנלען, און נעמט: „ער איז דאָך עפּעס נישט אַליין!" — צוגלייך מיט יענעם באַלד כראָפּען:

— כראָפּ — — — כראָפּ — — — —

די צוויי חברה־לייט האָבן, אפֿשר, מיט אַ טאָג צוריק געברויכט זיין פֿון די לעצטע אין דער רייע, און דאָס ד'קלק ברויט אויף זייער קאָפּ, — האָט געמוזט צעריבן ווערן, אַדער גלאַט אַזוי פֿאַרטיילט ווערן; עפּעס האָט געמוזט געשען דערמיט.

אַרום ליגט אויף אַלעם די נאַכט, ווי אַ פֿאַרעלטערטע און אַ פֿאַרקעלטערטע; פֿון ערגיץ קרייעט אַריין אַ האָן אין איר; פֿון ער־גיץ אַנדערש רייסט זיך אָפּ אַ ביל פֿון אַ הינט, — גיט אַ וויע; אַ סמוטנע ווינטל טוט זיך אַ דריי און אַ פֿאַרגיי; צו יענע צוויי און דריי, אַז ס'קלעפּט זיך עמיץ־צו, — זוכט ער צו פֿאַרשטעקן די קאַלטע נאָז זיינע אונטער די האָר פֿון דעם פֿריער שטייענדיקנס וואַרימען קאַרק.

אַ ביסל אָפּגעריקט, אויפֿן ראָג־גאַס, העגגט דאָס שטיקל סטראָזש־ניק אויפֿן שטיינערנעם „פֿאָדמורעק" פּונעם בריקל; ער מאַכט־צו די אויגן און מאַכט זיי אויף ביי יעדן איינציקן, — וואָס שלייכט זיך

פון ערגיץ אַרויס, און נעמט זיך צונויף מיט יענע אַנדערע וואָס שטייען פון פאַר אים, הינטער דער וואַנט.

— זיין עסק, — טראַכט ער — ס'אי שוין געגוג אויף זיי געקוקמען, אַז זיי ברויכן איצט דאָ שטיין, ווען דעם טייוול אַליין גליסט זיך נישט פונעם בעט אַרויסצוקריכן, — נאָך אַ שטיקל ברויט; אַ סך מאָל נאָך, — פאַר בלויז וועלן דאָס קריגן; נו, וועט ער זיך גיין איינרייסן, און זיי ערשט הייסן קומען נאָך דעם אין דער פרי?

די רייע איז נאָך דאָן אין די וויקעלעך; זעלטן ס'כאַפּט זיך עמ'יץ, און דאָס: פון אַ דורכגעפרוירענע הייזער, וואו און אין וועלכע ס'איז נישטאָ מיט וואָס צו ברענגען, — און ס'איז קאַלט; מ'ציטערט ביי נאַכט פונעם שלאָף, — אַזוי צעוואַרפט מען איבער זיך דאָס בערגל שמאַטעס (ס'האָט נישט קיין וואַרימקייט אין זיך, סיי־ווי...), מיט וועלכן מ'האָט זיך געטוליעט, און מ'שלאָגט פאַר אַ כפרה די שטוב:

— איידער אין איר געפרוירן צו ווערן פאַר גאָרנישט, איז שוין דאָס גלייכער אין דרויסן, — אויף עפּעס אַרויף...

און פון די מענטשן וואָס שטייען אַזוי ענג, ווי אַריינגעהאַקט איינער אינעם אַנדערן, — פאַרנעמט זיך די רייע, וואָס ציט זיך אויס אַזוי גרויס ווי די גאַס איז; און אפילו אויך דאָרט וואו זי האַקט זיך איבער, — אויף אַרונטער, ווי אַ דלות; דערנאָך, — ווידער אויף אַרונטער, אין אַ חרות; די רייע שטייט צונויפגעפּרעסט און איבאַיינעם אַריין, — ווי ס'שטייען שעפּסן, און געדולדיק; יענע, וואָס קומען אויס נאָענט פון דער בעקעריי, — שליגען איטליכן שאָרך פון איר, מאַכן פון איין שאָרך צען, פון צען שאָרכן צוואַנציק און דרייסיק.

— וויפיל ברויט, למשל, ס'ליגן שוין פון דעם איינעם שאָרך אויף דער ערד, — אָנגעבאַקן; און ס'האַלטן פון אים אין ווערן, — אין יערן; און וויפיל ס'זיצן פון די אַנדערע, — אין דעם אָנגעגליטן פינצטערן אויוועז.

און דאָס איז אַלץ פון דעם שאָרכן אין זייער זיסן דרימלען; ווען יעדער איינער פון דער רייע, — ליגט מיטן קאָפּ זיינעם אויף דעם אַנדערנס פאַרהויקערטע פּלייצע; חלומט ברייט און טיף אַריין אין דעם ליכטיקן דערנאָך: ווען ס'וועט אָנהייבן טאָגן, ס'וועלן זיך אויפמאַכן די טירלעך פון דעם באַק־אויוועז, — און נעמען אויסטיילן ס'ברויט.

ערגיץ אַהין, ערגיץ אַהער, גיט זיך אַ קאָפּ ראַפּטום אַ דרייב־אויף, אַ פאַרשטייפטער קאָפּ, — ווי ס׳וואָלט אין אים פאַרגעקומען: אַז ס׳זאָל שוין האַלטן דערביי, — און ער שטייט גאָר און שלאָפט? און לייגט אים באַלד, אַזוי אייגן ווי פריער, — צוריק אַראָפ אויף יע־נעמס רוקן:

— ווער ווייסט, ווען ס׳גליק וועט הייגט צושפּילן?

— און הלואי, ער זאָל כאָטש זיין פון די מזלדיקע, — ס׳זאָל עפּעס פון דעם אַלעם אויף אים אָנקומען?

ט י ר ן

אַ ביסל דערנאָך ווערט די שוין די רייע לעבעדיקער. יעדער וואָס שטייט, — שטייט שוין וואַך, און מיט אָפּע־נע אויגן; מ׳הערט זיך אויף געטרויען דעם אייגענעם שלאָף. ס׳אַ געגיי צו דער בעקעריי פון אַלע שטיבן און הייזער. כל־ערליי מענטשן, און אַלע, — אויסגעמאַרעטע, מיט איין באַגער: אַרויסצורייסן פונעם באַק־אויווען, — אַ ברויט. די רייע וואַקסט דאַן ווי אויף הייוען: זי ציט זיך אויס, קוקעגדיק, אין דער לענג, — און ווערט אויך אַנגע־שוואָלן אין דער גרעב: אין אַ צווייאיקע, אין אַ דרייאיקע, און אַראָפּ־צוציער, — שטייט מען אַפילו אין פירן; יענע וואָס זענען געקומען אַרום דער האַלבער נאַכט, — האַלטן־צו זייערע ערטער מיט דעם וואָס זיי שטייען נישט אַליין, יעדער פאַר זיך, נאָר אַלע אינאיינעם, אַרומגע־נומען אין אַ קייט, — ס׳זאָל זיי נישט מעגלעך זיין אָוועקצורירן.

און ווייל זיי האָבן די טירן פון דער בעקעריי אין זייערע הענט, ווייסן זיי פון געניטקייט, — אַז מ׳טאָר זיך אויף זיי נישט אַוועק־שטעלן; ווייל נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי אויפמאַכן, די טירן, — וועלן יענע אַלע, וואָס וועלן שטיין אויף זיי, — זיך נישט האָבן וואו אַהינ־צוטון, און מוזן ווערן אַרויסגעשטיפּט; און נישט: וואָס מ׳וועט דער־נאָך מוזן אַרונטערגיין גאָר פון היגטן, וואו מ׳שטייט אין דרייען, אין פירן, און זיך ברויכן גאָר פון אויפּסגיי רוקן שעה׳ען נאָכאַנאַנד, — דאָס וואָלט שוין נישט אויסגעמאַכט; נאָר דאָס, וואָס מ׳וועט שוין,

מיט מזל, האָבן אָנגעקומען, — און ס׳וועט דיהאָבן געווען בחנם דאָס נאָנצע שטיין, ווי אַרויסגעוואָרפן, און קיין ברויט נישט קריגן.

און דאָס איז אַלץ, — ווען ס׳קומט איינער און איינער, ווי צו־געציילט; די רייע איז נאָך גאָר אַ פּיצל, און ס׳אַ קנאַפּער חילוק: ווער פריער און ווער — דערנאָך? ווייל, וואו מ׳זאָל זיך דעגצמאָל נישט אַוועקשטעלן, — איז מען אַלץ פון פאָרענט, און זיכער מיט אַ ברויט; אַז מ׳קומט אָבער דערנאָך: ווען די רייע איז שוין אַ בייכיקע, — און היבש אָנגעשוואָלן; דרייט זיך ווי אַ בייגל צווישן געסלעך, — אַרום הייזער און שטיקער פעלד; אַזוי, דאָס יענע, וואָס קומען דער־נאָך אָן, טראַכטן זיך — איידער זיי זאָלן זיך גיין פאַריקן ערגיץ אויף דער דריטער גאַס, אָפּשטיין צוויי־דריי שעה פון הינטן, און אָפּגיין נאָך צוויי־דריי שעה מיט דער רייע, טריט ביי טריט, — און ערשט נישט דערגיין צו קיין ברויט; אַזוי שטעלן זיי זיך אַוועק, וואָס איז דאָ אָנצו־ווערן? אויף דער סאַמע ראָדנער טיר, — אָבי מ׳זאָל זיך קענען אָן עפּעס אָנהאַלטן: אין אַ טיר, אין אַ וואַנט, און לכתחילה עפּעס האָבן אין דער האַנט... איי, וואָס מ׳וועט דערנאָך, ווען די זעלביקע טירן וועלן זיך אויפמאַכן, — ברויכן אַרויספאַלן? באַ! ביז די טירן וועלן זיך אויפמאַכן, — טראַכט מען זיך, — וועט נאָך אַ סך וואַסער אַראָפּ־לויפן!

און אַזויערנאָך זענען, אין אַ פּאָר שעה אַרום, איידער ס׳הייבט־אָן בלייטשטשען אויף טאָג, — פאַרלייגט די טירן פון דער בעקעריי; ליגט אויף זיי אַ קיפּע מענטשן, אַז מ׳ווייסט גאָרנישט וואו ס׳איז טיר און וואו, — וואַנט; און ס׳גייט שוין דעגצמאָל נישט אַזוי אין דער קיפּע, ווי אין דעם קליינעם שטיקל רייע, וואָס פאַרנעמט זיך פון איר, אַנטקעגנאיבער, — אין דער לינקער זייט; פון דער רעכטער שטייט די רייע: די ריכטיקע, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט ווייען, האָט אויסגענאַכטיקט איר אָרט אין קעלט, מיט אַ ציטער אין איר לייב; און אַנטקעגנאיבער, — דאָס קליינע הייפל, די פאַלשע רייע, אין וועלכער מאיז זיך אָנגעלאָפן, נאָך אַלעם, און צום גרייטן, — ווי די וועלף; און וועלכע מ׳רופט ביים טייערן נאָמען:

— די שלעפּע קישקע.

אַזוי לאַנג ווי די פּאָר עלעקטרישע לאָמפּען ברענען, און ס׳איז ליכטיק אויף דער גאַנצער לענג פֿון דער גאַס, — איז אויך שטיל; אַז ס׳קומט אָבער אַ שעה צו טאָג, און זיי ווערן פֿאַרלאָשן; ס׳מאַכט זיך פֿינצטער; די גאַנצע רייע ווערט אַרײַנגעכאַפּט ווי אין אַ פֿינצטערן זאַק, וואָס מ׳וואַרפֿט נאָך דערצו אַרײַן ערגיץ אין אַ קעלער, — אַזוי נעמט די שלעפּע־קישקע זיך שאַרפֿן די ציין אויף איר; די שלעפּע־קישקע, און מיט איר, די קיפּע, — וואָס אויף די טירן, וואָס וויל דאָ נישט אַרויספֿאַלן, ווען זיי וועלן זיך אויפֿמאַכן, — נעמט זיך, מיט איר צוגעטראַכטן, בייזן און ביטרען פֿאַרטל, — שטופּן; זי וויל נישט מער און נישט ווייניקער, ווי מיט דעם שטופּן, אָפּריקן די גאַנצע רייע פֿון אַנטקעגנאיבער, וואָס מאַכט אויס אין די טויזנטער; אַזוי, — אַז די קיפּע מיט די שלעפּע־קישקע זאָלן אויסקומען פֿון אויבן־אָן, און אַרײַנקריגן אין זייערע הענט ס׳פּענצטערל, וואו מ׳וועט דערנאָך טיילן דאָס ברויט.

פֿון דער אַנדערער זייט: ביי דער ריכטיקער רייע, וואו מ׳דערשמעקט דאָס נאָך פֿון פֿריער, — לויפֿט כהרף עין אַ דורך אַ פֿינצטערער געמורמל: „אַ—דאַ! די שלעפּע־קישקע האָט שוין גענומען אַרומאַרבעטן, — און ס׳איז איר אַ מינוט פֿאַרן טויט!“ און נעמען זיך, אַלע ווי איינער, נאָכמער צוהאַלטן, — אַז מ׳זאָל איר נישט קענען אָוועקרירן; אַ סך קענען דאָס מער נישט האַלטן אין זיך, און מוזן אַרויסשרייען הויך און פֿאַרביטערט:

— זיי שטייען דאָ פֿון אַרום האַלבע נאַכט; געוואָרן אַ דורכגעפֿרוירן; אָפּגעציטערט נאָך יעדן דרימל וואָס מ׳האָט אַרײַנגעכאַפּט; און די זענען געקומען אָנצורייטן, איינער ביים צווייטן, און ווי צום גרייטן.

— זאָל נישט אַ כאָלערע אין זייערע קעפּ אַרײַן!

די שלעפּע־קישקע וויל נישט וויסן פֿון גאָר; זי מאַכט זיך איבגאַנצן ווי געפֿגרט; זי דריקט שטיל, פֿאַרביסן, — ווי ס׳דריקט איינער פֿאַרחלשטערהייט צוזאַמען די ציין; די רייע נעמט זיך, צוליב דעם דריקן זייערן, — מער אַרום; זי שליסט זיך איין אַלע ווי איינער, — און שטיפּט פֿון נעכטן ביז איבערמאָרגן; ווען יעדער וועט

שוין האָבן אַהיימגעגאַנגען מיט דעם ברויט זייגעם; דאָס קען זיך אָבער בלויז איינעקשנען דער שטאַרקער פּאַרענט, און אויך, — דער היגטן; און דער מ י ט ן נעמט זיך אָבער, פון דעם געפערליכן און עגגען דריקן און שטיקן, — וואַקלען; ביידע עקן האַלטן זיך, און מיט כח — נאָר דער אומגליקליכער מ י ט ן קען נישט אויסהאַלטן דעם דרוק; ער ווערט שלאַבעריק, און מוז זיך אויף אַ האַרעלע אונטערגעבן, — אָפּריקן פון דער וואַנט; און אַזוי ווי עס ווערט נאָר אַ פּיצל ד־לל צווישן איר און דער אומבאַוועגליכער וואַנט, — אַזוי קריגט די רייע אויף דעם אָרט אַ בויך, וועלכער ריקט זיך אַלץ מער און מער אַרויס, ביז ער פּלאַצט און פאַלט איין — — — — — — — — — — — — — — — — — — — און די רייע, וואָס איז געבוירן געוואָרן איבער דער נאַכט, און מיט אַזוי פיל יסורים, — קומט איבער איין רגע אַוועק, ווערט אויס רייע; אַלע, סיי יענע וואָס זענען געקומען פריער, צי דערנאָך, — ס׳איז נישטאָ מער דאָ אַזאַ זאַך, — געמען, נישט קיין חילוק, לויפן, ברעכן די פּיס: פאַרכאַפּן אַ שטיקן אָרט, צושפּאַרן צו דער טיר, זיך אָוועקרייסן אַ ברעקל וואַנט, וואו מ׳וועט זיין נאָענט צום פענצטערל, און מער זיכער צו קריגן אַ ברויט.

ד ע ר   פּ אַ ט ר ו ל

אין דער זעלביקער צייט ווערן אַרויסגעשיקט צו דער רייע דריי אַלטע זעלנער, וואָס ברויכן שטיין איבער איר, איר האַלטן אין דער רייע, — אַז אַלע זאָלן שטיין וואו זיי שטיין, און זיין אונטערטעניק ווי די שעפּסן אין דעם גיין נאָכן ברויט.

גייען אַזוי די דריי זעלנער: אַלטע גוייִם, טשעכן, וואָס טויגן נישט מער ווי צו פאַרשטיפן מיט זיי אַ לאַך, — און פאַלן אַרויס פון זייער זעלנערישן אַנטיעכטס; גייען פויל און נישט אויסגעשלאָפן; און אַזוי ווי ס׳איז נאָך מוטער־נאַכט: האָבן זיי אַ בייז האַרץ אויף דעם עלצטן זייערן, און נאָכמער אויף דער רייע, — וואָס מ׳ברויך זיי אַזוי פרי אַראָפּטרייבן צוליב איר, — פון דעם געלעגער זייערן, וואו זיי האָבן זיך געוואַרימט. אויף דער גאַס איז קאַלטלעך, און פאַר דער רייע, וואו ס׳זעט זיך זיי אויס, — ברויך נאָך זיין צו פרי; שטיי־

ען זיי דעריבער מער ווי זיי גייען; מען פֿאַרציט גוט דעם פּאַטעק, מ׳זאָל פֿילן: אַז מ׳האָט עפּעס אויף זיך, און מען פּיפּקעט אַזעלכע אַלטע בלעטער, וואָס קערן זיך אָן, לאָמע זאָגן, פֿון זיבעצענטן געבורט, — מיט טוטין; ביי יעדן צי, — רעדט מען, און פֿון וואָס קענען זעלנער, אַלטע לייט, וואָס טויגן נישט מער צו גאָר, — רעדן? פֿון דעם לאַנד, פֿון פּוילן, — וואו מ׳האָט זיי פֿאַרפֿירט; און פֿון דעם שטעטעלע דאָ, — וואו זיי פֿינסטערן אָפּ זייערע יאָרן; פֿון די אַלע אָפּגעריסענע נאַקעטע שיקסעס, וואָס ווילן נישט אָפּטרעטן פֿון דער קאַנטיגע שלינגען מיט די אויגן יעדן לעפּל שיטערס: „גיט׳ס אַ זיפּ צו טוען; מ׳קען זיך ביי אונדז גאַנץ פֿיין אָפּבריען, — נאָר מ׳זאָל קריגן אַ זיפּ צו טון!״

און דאָ קומט אויף דאָס געוואַלט פֿון דער רייע, — ווי אַ פֿאַרפליצונג איבער זייערע קעפּ: „אַזוי שטייט איר, און היט איר צאַפּ — מיטן געניצן אייערן?״ בלייבן זיי פֿאַר אַ רגע אָן שום רייד אין מויל... אָבער אַז ס׳געוואַלט האַלט זיך נישט בלויז, נאָר עס ווערט באַנדערצו מיט יעדער רגע מעכטיקער, און ווי אַ וואַסער־פֿאַל, וואָס שטאַרקט זיך, — קען עס דאָך אויך דערגיין צום עלצטן, וואָס האָט זיי אַרויסגעשיקט, און ער זאָל בלייבן שטיין ווי אַ גולם־נאַר: „הע? ווי אַזוי האָט זיך דאָס געקענט מאַכן, — אַז דער פּאַטרול איז דאָרט? און אפשר איז ער גאָרנישט דאָרט, — נאָר ערגיץ אַנדערש־וואו? זיי האָבן דאָך אַ ברירה גאָר צו ליגן אין אַ בורדאַק! אויף זעלנער, מעגן זיי שוין נישט זיין אַזוי יינג, — איז אַלץ צו גלייבן; אָדער: זיי זענען שוין אַזוינע זעלנער, — וואָס טויגן זיך אפילו אין קיין פּאַטרול אויך נישט אויס?״ און ס׳זאָל פּלאַצן דער בלאָטער: „אַז זיי שטייען נאָך אַלץ און געניצן אויפֿן מאַרק; און זענען גאָרנישט דאָרט וואו מ׳האָט זיי געשיקט...״ און גיבן זיך אַ צעלאָז, גאָר ווי לעבעדיקע זעלנער; איבערקערענדיק די ביקסן אין די הענט, — כאַפּן זיי זיך באַלד דערנאָך אַרויף אויף דער קיפּע מענטשן, פֿון וועלכע ס׳איז פֿרייער געווען די רייע, — און נעמען, ס׳בעסטע וואָס זיי קענען, — אַריינהאַקן אין איר, שרייענדיק מיט אַלע כחות אויף זייער טשעכיש לשון:

— פּרע־טש!

— נאַ זאַ־דעק!

— שעצקאָ נאַ זאַ־דעק!

דאָס געשריי פון דער אומגעקומענער רייע איז אָבער אַזוי גרויס, און אַזוי צעהילכט, אַז קיינער ווייסט לכתחילה נישט פון זייערע קאַלבעס, וואָס האַקן אין זיי אַריין, — ביז ס'הייבט עפּעס אָן גיין דערנאָך אין זייערע קעפּ אַריין; ערשט דערנאָך, ווען מ'האָט שוין אַדורכגעבראָכענע ריפּן, אויפגעשפּאָלטענע ליפּן, — אַז ס'איז גאָרנישט מעגלעך זיך אַליין אַזוי צערעכט צו־מאַכן; און אַז די אַלטע צעקראָכענע טשעכן, אין די זעלנערישע שינעלן, וואָס מ'קען אפילו מיט זיי קיין לאָך נישט פאַרשטופּן, — מאַכן־אָן דעם חורבן; אַזוי באַפאַלט יעדן אַ טויט־שרעק: „הע? אויב די רציחה האָט זיך געקענט אין זיי אַזוי צעבושעווען, — קען דאָך אויסקומען אַוועקצוגיין אָן קעפּ, און נישט בלויז אָן ברויט?" און מ'געדענקט נישט מער אָן דעריך, און נישט אין דער שלעפּע קישקע אפילו, — געהרגעט זאָל זי ווערן; צי אָן דעם גוטן אָרט אין דער רייע, וואָס מ'האָט אויסגעוואַרימט מיטן שטייך, מיטן דרימל, — נאָר מ'זוכט זיך אַרויסצוכאַפּן פון דער קיפּע, ווי גיך מ'קען נאָר און מ'האָט נאָך אַ גאַנץ אבר; און נישט: וואָס ס'קומט, כהרף עין, אַוועק די שנאה צוליב דער עולה, — וואָס איינער האָט געוואָלט קעגן דעם אַנדערן באַגיין; נאָר מ'נעמט הויך שרייען, ווי וואָרנען דערמיט אַ צווייטן, אַ דריטן און אַ הונדערטסטן:

— ער זאָל זיך זען צו ראַטעווען, און וואָס גיכער; ווייל זיי זענען דאָ אויפגעשטאַנען ווי לייבן, — די אַלטע טשעכישע זעלנער.

און דאָס גאַנצע אָרט, וואָס איז נאָך פון אַרום די האַלבע נאַכט געווען פאַרלייגט מיט מענטשן, — ווערט גלייך אָפּגעליידיקט; די דריי טשעכישע זעלנער בלייבן דערנאָך שטייען ווי אַנגעדראָלן, באַנומען פון דעם שטיקל אַרבעט וואָס זיי האָבן אָפּגעטון, — און סאַפּען הויך, אַז מ'קען הערן יעדן אָטעם זייערן, ווי דאָס בלאָזן פון אַ בלאָז־זאַק ביי אַ קאָוואַל. אָבער שטיין גלאַט און נישט איבער קיינעם, — איז דאָך אויך קיין שכל נישט; אַזוי נעמען זיי נאָך אַליין אַרויסרופן צוריק די מענטשן, וואָס קריכן זיך צעשלאָגענע אַרום די הייזער, אין די טויערן, אַז זיי זאָלן זיך צוריק צונויפגיין: „ס'מוז דאָך זיין אַ רייע; צו וואָס וועלן זיי שטיין, — אַז ס'וועט קיין רייע נישט זיין?" און זי נעמט זיך אויפסניי פאָרמירן, מיטן כח פון די ביקסן, — ווען אפילו זיי שטייען אין ביי אַלטע טשעכישע זעלנער אין די הענט.

אומגעפּער זעקס אַ זייגער פּאַרטאָגס, ווען ס׳לעצטע ברויט גייט אַרויס פונעם אויוועז, — ווערט אויפגע־מאַכט די טיר, און די רייע דערלעבט זיך, מיט מזל, צו זען מיט אַ ברויט; הייבט זי זיך אָן, באַכדעם ווי זי האָט זיך אָנגעליטן אַזאַ שווערן דין, געהאַט אויסצושטיין דעם גאַנצן ד־יבוט־הקבר, — פּאַמעלעך צו רירן; קוים־קוים ווי אַ שווערער פוס־גייער, וואָס גייט אַפּ אַ טריט, — און בלייבט שטיין פאַר דריי טריט; און נישט: ווייל מ׳פאַרטיקט זיך נישט גיך אַפּ מיט קיין מענטשן, — וואָס האָט מען זיך דאָ מיט זיי צו פאַרנעמען? ברויט־קאַרטן האָבן זיי? די שער ווייסט נישט קיין חכמות, — זי שניידט פון זיי אַזוי פיל און אַזוי פיל, פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל פאַרציעס ברויט, — וואָס ס׳מאַכט אויס אויף אַ קאָפּ; עס גייט לויטן קאָפּ; אַ סך קעפּ, — מער אַכטלעך; ווייניקער, — מילא, אויף וואָס ברויכן זיי ווידער אַזוי פיל ברויט? און דאָס וואָלט גוט געווען, ווייל, ווי־נישט, וואָלט זיך די רייע, ווי גרויס זי זאָל נישט זיין, — אַריבערגעריקט: אַ שעה מער, אַ שעה ווייניקער, און זיך אָפּ געפּאַרטיקט; ווען זי וואָלט דאָ נישט באַפאַלן געוואָרן פון דער ביי־טערער קל״ה, וואָס מ׳רופט, — די לאַפּיטוטן; אַזוי ווי די רייע דער־לעבט זיך אַ רירצוטון, און זיך פאַרמינערן מיט אַ מענטש, — ריקט זיך גאַכגיכער אונטער צום פענצטערל, און אָן שום בויכווייטיק, עפּעס אַ פראַנטל; דאָס קאָפּעלישל פאַרדרייט אויף אַ זייט; און בלויז ווייל ער טראָגט אויף דער האַנט אַ שטיקל בענדל, אַ שמאַטקעלע, — האָבן שוין די ביקסן ביי די זעלנער איבער אים קיין שליטה נישט; דאָס פראַנטל נעמט זיך אָפּ זיין חל״ק ברויט, און איינאיינוועגס פאַר־געסט ער נישט אויך צו נעמען פאַר אַ פעטער, פאַר אַ מומע, סתם אַ קרוב, — און טראָגט דאָס אַוועק מיט אַזאַ מינע, אַז די אויגן ביי אַלע אין דער רייע גייען איבער; זי גיט דאַן אַ שטילן קרעכץ, די רייע, און נעמט זיך ווידער ריקן; אָבער ווי צו להכעיס אויף איר קרעכץ, — וואַקסט אויס אַ צווייטער; דער דאָזיקער האָט גראָד נישט קיין בענדל אויף דער האַנט, נאָר עפּעס אַ קוויטל.

— פון וואַנעט ביזטו? — וויל וויסן דער זעלנער.

פאַרייסט יענער דעם קאָפּ, ווי ס׳וואָלט אים גאַרנישט אָנגע־שטאַנען צו האָבן צו טוען מיט אים.

— פון דער אָפּראָוויזאַציע.

— פון דער אפּראָוויזאַציע?

מילאַ: אויב מ׳וועט דער אַפּראָוויזאַציע נישט לאָזן געבן קיין ברויט, — קען זי להכעיס־טון, און נישט געבן קיין מעל (כּאַטש, ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי!); און אַז מ׳וועט נישט געבן קיין מעל, — פון וואָס וועט מען באַקן דאָס ברויט? פון דער ערד? (כּאַטש: ס׳מעל איז באַלד נישט מער ווי ערד!)

און אַז די רייע קומט־איבער די אַפּראָוויזאַציע, — שטייט גלייך צו עפּעס אַ פּרישער, מיט אַ צעטל; אַזוי גיט זי זיך שוין אַ וויג, און איינער פון די דריי אַלטע זעלנער מיט איר:

— וואָס פאַר אַ רודז האָט דיך דאָ ווידער אַ הער געבערענגט?

— דער מאַגיסטראַט! — נעמט זיך דער איבער.

מיטן מאַגיסטראַט טאָר מען זיך נישט פאַרטשעפּן; דער מאַגיסטראַט איז דער קאָפּ פון דער שטאָט; און וואָס וועט די שטאָט טון אָן אַ קאָפּ? גאָר אינגאַנצן נישט לאָזן שטיין נאָך אַ ברויט!

די רייע טרעט, נאָך דעם דאָזיקן, — ווידער צו נאָך אַ ברויט, און עס שטעלט זיך איר אין וועג, — עפּעס אַ ייִנגער בחור, אַ שניעק, וואָס האָט צומאָלט נישט קיין וואָנסעס איבער דער ליפּ.

— פון וואַנעט האָט ער זיך ווידער דערנומען? — קאָכט אויף די רייע, דורך די דריי אַלטע צעבראָכענע זעלנער.

— פון באַגרעבער! — נעמט זיך יענער אויך נישט ווייניק איבער.

פאַרן באַגרעבער ציטערט אויף יעדן איינעם די הויט; מען איז נאָך קיינמאָל נישט אַזוי איינגעשטאַנען ביי אים אין דער האַנט, — ווי אַ ציגנד; און ער איז דאָך אודאי איצט באַרעכטיקט, פאַר זיין שווערע אַרבעט, — אַז ס׳זאָל אים כּאָטש דאָס איינע גרינג אָנקומען, אַ ברויט! אַז מ׳וועט אים פאַרהונגערן, — ווער וועט איר האָבן צו באַגראָבן, די רייע?

נאָך אים פאַרמעסט זיך ווידער די רייע אויף אַ ברויט, אָבער די לאַפּיטוטן, — וואָס טוט מען מיט די לאַפּיטוטן? זיי וואַקסן אויס ווי פון היגטער דר׳ערד, און ווילן איר דאָ אויפפרעסן; אויף יעדן איינעם פון איר זעגען זיי פאַראַן צוויי און דריי; און דאָס זענען קאָנדוקטאָרן וואָס פירן באַנען; אויב זיי וועלן ברויכן שטיין גאַנצע נעכט נאָכן ברויט, — ווער וועט זיין, וואָס זאָל זיי פירן? קוימענקערערס, וואָס האַלטן אין פּחד די שטאָט, — אַז זיי וועלן נישט אויסקערן די קוימענס; און מער פעלט נישט, — ווי מ׳זאָל נאָך אָנהייבן ברענען;

מ׳ברענט קנאַפּ; משרתים פון אָפּיצירן, מיט וועלכע ס׳איז ביטער איינצוורייסן, — ווייל דאָס מיינט שוין: האָבן צו טוען מיט די ווייבער פון זייערע מענער, וואָס קענען נאָך קומען צו לויפן מיט זייערע רעוואָלווערן אין די הענט, „איר גיט נישט קיין ברויט, וועט זיין אָך און וויי צו אייער רייע!״ און די אַלטע דריי טשעכישע זעלנער, די דזשאַדעס, וועלן דאַן זיין קנאַפּע ברייגים קעגן זיי...

און די רייע שטייט (נישט זי גייט!) אויף געהאַקטע וואונדען; ס׳זעט זיך אויס, ווי זי וועט דאָ האָבן בחנם געשטאַנען, זיך געטרעטן, געריסן פון הינטן אויף פאָרענט, — קיין ברויט וועט צו קיינעם פון איר נישט אָנקומען; אַזוי ווי עס טרעט נאָר עמיץ פון איר צו נאָך אַ ברויט, — אַזוי טרעט נאָך נאָכגיכער צו איינער, אַ לאַפּיטוט, ווי מ׳רופט אים, מיט עפּעס אַ שטיקל בענדל; אַ צווייטער: מיט אַ קוויטל, אָן אשר יצרל, — די כאָליערע ווייסט; און נאָך איידער אַזוינער גייט אַוועק מיטן ברויט, — גיט ער דאָס איבער צו אַ צווייטן, אַ דריטן און אַ צענטן:

— גיי־צו און זע דיר אויבעט צו העלפן...

ביז די רייע דערשעקט, דער׳קנסט עפּעס אַ געמלאכהט קוויטל, וואו ס׳רעדט זיך וועגן אַ בהמה גאָר, אַ מקשה לילד, און נעמט יענעם, דורך איינעם פון אירע דריי אַלטע זעלנער, — אויף אַ חקירה ודרישה: „וואָס איז עס פאַר אַ קוויטל? פון וועמען האָסטו עס געירשנט? און צו ער וויל זיך דערויף נישט אָדורכשוואַרצן?״ און אַזוי ווי יענער נעמט דרייען מיט דער צונג, — כאַפּט ער גלייך אַריין, שוין פאַר די אַנדערע אויך, מיט דער קאָלבע פון דער ביקס:

— אָפּנאַרן די רייע, גייסטו? ביי איר צונעמען אַ ברויט?

און די גאַנצע רייע קילט זיך כאַטש דערמיט, וואָס זי שרייט, דאָס וואָס די אַלטע טשעכישע זעלנער האָבן, מסתמא, אויף די ליפּן:

— נאַ זאַדעק!

— פון הינטן אַרונטער!

און יעדער וואָס קומט דערנאָך מיט אַזאַ גוט קוויטל, — איז שוין די כפּרה פאַר דעם פריערדיקן; און מיינט גליקלעך, — אַז ער קען זיך אַרונטערשטעלן פון הינטן.

האָרט נעבן דער טיר פון דער בעקעריי, וואו די ליכטיק־אויסגעברוינטע ברייטלעך, — דהאָבן אַ מאָל אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה; דענצמאָל ווען ס'האָט ביי אַ צעדרייטן אפילו נישט געקענט קומען אין קאָפּ אַריין אַזאַ ווילדע זאַך, ווי די רייע איז, — האָט, האָרט נעבן דער טיר פון דער בעקעריי, ווי ביי אַלע געוועלבער, — זיך אַראָפּגעצויגן אַ רינע פונעם דאַך אַראָפּ; אַ געווינטליכע, קיילעכדיקע רינע, פון בלעך, דורך וועלכע דאָס וואַסער האָט זיך, אַז ס'האָט גערעגנט, — אַרונטערגעגאָסן; מיט דער מינוט וואָס די רייע איז געבוירן געוואָרן, און די שטאָט מענטשן זיך געגנומען רייבן אין דער וואַנט, — האָט זי זיך אַזוי לאַנג געריבן אין איר, אַהין און אַהער, ביז זי האָט איר אַוועקגעריסן; און ס'איז געבליבן פון איר אַ קליין שטיקל אין דער הייך, ביים דאַך... איז דאָס געווען גוט אין די שיינע טעג; נאָר אַזוי ווי די טעג קענען דאָך נישט אַלע זיין שיין און אויך קלאָר, — און ס'מוזן אַריינפאַלן רעגנדיקע אויך; און דער אָפּלויף פונעם גאַנצן דאַך גייט דורך דעם איינעם שטיקל רינע, וואָס שטעקט דאָרט אויבן אַרונטער פון דער הייך ווי אַ הויל לאָך, אַן אָפן מויל... פאַרשטייט זיך: דאָס אַזוי ווי די רייע גייט, — מוז יעדער איינער, אויב ער וויל צוקומען צו דער טיר, אויך פאַרביי־גיין דאָס אָפענע לאָך; ווי איז אָבער דער דין, — אַז ס'רעגנט? האַקט דאָס וואַסער פונעם דאַך, שלאָגט ווי מיט פּאַליעס, — און, אויב מ'וויל נישט זיין איינגעשטעלט מיטן ברויט, מוז מען שטיין ווי צוגעשמידט, זיך נישט גערירן מיט אַ פוס, — אפילו דעם קאָפּ אַוועקבייגן; אויב נישט, — וועט האָבן געוועזן בחנם דאָס גאַנצע גיין און שטיין אין איר; שטעלט מען דענצמאָל אויף דעם קאָלנער, אויב מ'האָט אים נאָך אויפן מלבוש, — מ'דרייט זיך איין אין דרייען, און מ'שטייט; אַ מאָל מער, אַ מאָל ווייניקער, און ביז מ'דערלעבט צו קריגן דאָס ברויט, — פריער פול ווערן מיט וואַסער פון קאָפּ ביז צו די פיס.

אַ גאַנצן טאָג ברויך מען אויסטיילן דאָס ברויט, דאָס הייסט, — מען וואָלט געברויכט אויסטיילן; און נישט: ווייל ס'איז נאָך דאָ אַ רייע, — אַז מ'זאָל געבן ברויט, וועט זיך די רייע קיינמאָל נישט אויסנעמען, און אייביק זיין, אייביק רייע... נאָר ווייל ס'ברויט גייט אויס, און נאָך איידער, ווי געוויינטלעך, די רייע איז אַדורך, — פאַרמאַכט זיך, אָן שום טענה ומענה, — דאָס לאָך אינעם פענצטערל: „נישטאָ קיין ברויט מער!" אַזוי בלייבט דער הינטער־שטער עק פון דער רייע ווי אָן אָפּגעהאַקטער וויידל פון אַ קאַץ, וועל־כע איז קוים אַנטלאָפן געוואָרן מיטן לעבן, — און אים דאָ איבער־געלאָזט; דאָן ווערט, קודם־כל: אויס רייע, נאָר אַ קיפּקעלע, וואָס שטייט אינאיינעם, אַ געזעמל, וואָס איז אָפּגענאַרט, און וויל נעבעך, נישט אָפּ־טרעטן פונעם אָרט: „פון דעם גאַנצן חיבוט־הקבר וואָס מ'האָט זיך אָנגעליטן, — מעג מע דאָך, על פּי יושר, זען ווי אַ ברויט זעט אויס?"

די טירן לאָזן נישט אַוועק פון זיך; און מע האַלט זיך אָן אין זיי, ווי עפּיס אין אָן אָרט, — פון וואַנעט מ'האָט אַוועקגענומען אַ טויטן; די אַלטע דריי טשעכישע זעלנער, אַז ס'איז נישטאָ מער קיין ברויט, — טראָגן זיך גאַנץ שיין אָפּ, איבער וואָס וועט מען זיך דאָ הרגענען? נאָר יענע שטייען נאָך אַלץ מיט אָפּגעשנייצטע נעז, און איינער נעמט זיך אויסגיסן פאַר די אַנדערע, זיין ביטער האַרץ:

— אַז כ'בין אָנגעקומען אַהער, האָבן נאָך די הענער צומאָלט נישט געקרייעט אויף טאָג; און אַצינד, — ווי שפּעט קען זיין: האַלב צוועלף? און אויף וואָס אַרויף בין איך אָפּגעשטאַנען? אַ?

נעמט זיך אַ צווייטער איבער:

— אַז ווען ער איז געקומען, האָט מען נאָך אין די הייזער נישט געקלערט זיך צו גיין לייגן שלאָפן, — און איז אַריבער־געשטאַנען העט־העט, ביזן האַלבן טאָג אַריין; און ס'קומט אים אויך אויס אַהיימצוגיין מיט דעם אייגענעם.

נעמט זיך אַ דריטער איבער:

— אַז ער איז נישט שפּעטער אויך געקומען פאַר זיי; שוין גע־שטאַנען נעבן דער טיר; נאָר־נאָר צו־גענומען סברויט אין דער האַנט אַרייַן, — און דאָס טירל האָט זיך אים פאַרמאַכט אויף דער נאָז.

— לאַכט אַ פירטער פון יענע אַלע דריי:

— וואָס זאָל ער שוין זאָגן: אַז ער איז נישט שפּעטער געקו־מען פאַר זיי ביידען, אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער שלעפּע־קישקע, — וואָס האָט אים נאָך דערצו געטרעטן מיט די פיס; געקריגן גע־שלאָגן אַ מינוט צום טויט פון די אַלטע דריי טשעכישע זעלנער, — אַז ר'האָט געמוזט אַרונטערגיין זיך אויפסניי אַוועקשטעלן ביים סאַמע עק; אָפּגיין ביז הינטער דער רינע, ווערן פול מיט וואַסער, און אַז ר'האָט שוין געהאַלטן דאָס פענסטערל אין דער האַנט, — בוך! האָט זיך עס פאַרמאַכט, און ער איז געבליבן מיט די בוכצעס, מיט אַלעם־מיט־אַנאַנד, — נאָר אָן דעם ברויט?

און דאָס קיפּקעלע בלייבט שוין אַזוי שטיין; קיין איינער פון זיי האָט נישט קיין חשק זיך אַוועק צורירן; ווי קען מען דאָס אַהיימקו־מען אָן אַ ברויט? און איידער זיך ערגיץ אַרומצודרייען הינטער די ווענט, צוליב גאָרנישט, — איז דאָך גלייכער דאָ צו בלייבן שטיין אויף עפּעס אַרויף; און זיי נעמען זיך אויפסניי אויסשטעלן אין דער רייע.

אײן טאָג האָט זיך דאָס מזל מיט דעם שלימזל ביי די ביידע יידן, אומגעביטן; ר׳ זישע: אַ גרויסער גביר, איז געוואָרן פאַראָרימט, און וואַלף, אַן איינגעבוירענער אָרימאַן, — רייך; און פאַר די ביידע יידן איז דאָס געווען זייער מאָדנע, — ווייל זיי האָבן געוואוינט אין שכנות, און אפילו געהאַט צו טוען איינער מיטן אַנדערן.

אַז ר׳ זישע פלעגט אַרויספאָרן אויף זיין וואָלאַנט, מעשה גביר, — האָט זיך דער אָרימער וואָלף אַרום אים געדרייט, אים געזוכט צו חנפהנען, אַריינוואַרפן אַ גוט־מאָרגן, און דערמיט, פאַרשטייט זיך, — געמיינט פון אים עפּעס אַרויסצוקריגן; אַ מאָל אויך צו אים גע־בּרענגט אַ סוחר אויף גרויפּן, און צו־שטיין צו אים, אים געוואָלט איבּערעדן, ווי געווייגטלעך: עס לייגט זיך אַ מאָל אַריין אַ מעקלער, ווען יענער איז אַן עקשן און וויל דורכאויס ס׳געבּאָטענע געלט:

— קיין בעסער יאָר זאָל איך נישט האָבן, ר׳ זישע, — וואָס פאַר אַ גוטן פּרייז ער גיט אייך, דער ייד; און דאָס מוז איך אייך זאָגן: וואָלט איר קיינמאָל נישט געקריגן, ווען די גרויפּן אָדער די קלאָים וואָס ער וויל ביי אייך קויפן, — זאָלן אים נישט אויספעלן צו אַ גאַנצן וואָגאָן, וואָס ער האָלט אין אַנלאָדענען; און ס׳איז נאָר אין אייער מזל, — וואָס ער מוז דאָס דורכאויס האָבן.

אין הויז ביי ר׳ זישען איז געווען פון כל הגדולות; און ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין דעם מיט יענע לויטערע צופרידענ־קייט פון אַ בעל־הבית, — וואו מ׳האָט זיך געבענטשט מיט אַלעם גוטן; אַנטקעגנאיבער: ביי וואָלפן אין שטוב, איז ווידער געווען אַ ריין גיהנום; דאָס שטיקל טרוקענע ברויט האָט אַלעמאָל אויסגע־פעלט, — שוין אָפּגערעדט פון אַ מלבוש; און, ווי געווייגטלעך, אַז ס׳איז נישטאָ צו עסן, — האָט ס׳ווייב אים געהאַלטן אין איין שעלטן, דעם טייערן שלימזלדיקן מאַן, מיט טויטע קללות:

— אַז ער זאָל גיין אין דר'ערד אַריין, און, אינאיינוועגס, — אויך מיטנעמען די ממזרים זיינע...

און אין יענעם טאָג, ווען די כמאַרעס פון דער מלחמה האָבן זיך אַזוי נאָענט אָנגערירט אויף דער שטאָט, — האָבן זיי, די צוויי יידן: דער רייכער ר' זישע, און דער קבצנישער וואָלף, — אַן אַנדער פּנים געקריגן; זיי זענען נישט געווען די איינציקע יידן אין דער שטאָט, וואָס ס'האָט זיך ביי זיי איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס קאַפּויר, — נאָר וואָס צוליב זייער שכנישקייט און ווי באַשטענדי־קייט פון דעמס עשירות און יענעמס אָרעמקייט; אַז דער דייטש האָט געברויכט אַריין, און דאָס רוסישע מיליטער האָט, ביים אָפּטרעטן, — צעריסן די באַן־בריקן, פאַרברענט די שפּייכלער מיט תבואות, מאַגאַזינען מיט סחורות, האָבן זיי אינאיינעם אַריין מיט דעם אַלעם אויך אונטערגעצינדען ר' זישעס מיל, וואָס ער האָט געהאַט שטיין אויף אַן אָפּגעדינגען ליידיק שטיק באַן־ערד: „וואָס? אַ מיל וועלן זיי אים נאָך איבערלאָזן, דעם דייטש; ער זאָל קומען צום גרייטן, — זיך מאָלן מעל און האָבן ברויט צו עסן?" און ווען ר' זישעס מאַיאָנטעק איז איבער איין מינוט אַוועק מיטן רויך, מיט די פלאַמען פייער פון דער מלך־המה, — האָט ווידער דער אָרימער וואָלף, דער כיט־רער, פון תמיד אויסגעד־ונגערטער ייד, אַרויסגעשטעקט די נאָז, און אַריינגעקוקט דער וויסטער מלך־המה אין די אויגן: „וואָס מ'קען זיך דאָ ביי איר אָוועקרייסן?" און געזען: ווי צווישן אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס ווערן אַרויסגעוואָרפן פון די וואַגאָנען אויף הפקר, ווייל מ'האָט זיי באַדאַרפט האָבן פאַר עפּעס נייטיקערס, — זענען פאַראַן קאַסטענעס מיט זיידנוואַרג, און נאָך אַנדערע אַנטיקן; אַזוי האָט ער אונטערגע־שטעלט אַ האַנט, און אַ שפּאַר ביסל קעסטלעך סחורה, וואָס זענען געבליבן ליגן אויף גאַטס באַראַט, — אַהיימגענומען צו זיך, אין שטוב אַריין; און מער האָט ער נישט באַדאַרפט; דאָס איז געווען גענוג און איבעריק; די והותר.

ר' זישע איז דעמאָלט געבליבן ביי דעם ליידיקן שטיק פעלד, וואָס איז נאָכדערצו נישט זיין געווען, — אַ ריינער אָרימאַן, און אפילו נישט געהאַט אויף וואָס צו קוקן; און וואָלף, — האָט זיך געהאַט מיט וואָס צו באַלעקן.

אויף דער מינוט, ווען דער אָרעמער וואָלף האָט נאָך נישט געשפּירט זיין גדולה, און ר׳ זישע, — די שפּלות, פלעגן זיי ביידע, ביים אַרויסגיין אין גאַס, ווי פריער, — זיך זאָגן דעם זעלביקן גוט־מאָרגן; וואָלף האָט נאָך אַלץ געזוכט די־התקרבות, אים געחנפהעט און זיך צוגעלעקט; נאָר דערנאָך, אַז ר׳ זישע איז שוין געווען ביי זיך געפאַלן, און די שטוב ביי אים אָנגעהויבן צו ליידן נויט, — איז וואָלף אויפגעשטאַנען מיט דער גבורה פון אַ לייב, און ס׳פּנים ביי אים געקומען ברענען; דעמאָלט פלעגט ער שוין זוכן אויסצומיידן דעם אַמאָליקן גביר פון אַנטקעגנאיבער, פּונקט ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק קעגן אים; און ביים באַגעגענען זיך, — אים נישט געקענט קוקן אין די אויגן אַריין.

ר׳ זישע האָט, קענטיק, — זיך יאָ געפלייסט מיט אים צו טרעפן; און אים נישט בלויז אַנטקעגן טראָגן דעם ברייטן גוט־מאָרגן, נאָר אפילו אויך שטיין און רעדן מיט אים; און ווי וואונדערלעך: דאָס מיט דעם אייגענעם וואָס יענער פלעגט אַ מאָל קומען צו אים, — האָט ער אים ווידער איצט דאָס אָפּירגעלייגט, און געזוכט צו־צורעדן:

— אפשר ווילט איר קויפן אַ הויז? אַ דאָרף? אָדער סתם אַ שטיקל נדוֹלה?

וואָלף האָט, בשעת מעשה, — געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד; ווי דערמיט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר דעם אָפּ־געקומענעם גביר, און ווי געמיינט צו זאָגן:

— אַז ער איז גאָט די נשמה שולדיק, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי גע־מאַכט...

ר׳ זישע האָט געקנייטשט דעם שטערן, געגלעט די ברייטע באָרד זיינע, און אים אויסגערעדט:

— כ׳האָב דען עפּעס, חלילה, צו דיר, — וואָס איך בין פאַר־אָרימט געוואָרן? ס׳איז גאָט־זאַך... נאָר, אַז מ׳זאָגט: דו ביזט געוואָרן אַ גביר, מילא, — זוך איך עפּעס צו פאַרדינען ביי דיר...

אַז ר׳ זישע איז געבליבן זיצן אין דער שטוב, און דער־בליקט דעם עלענט וואָס האָט זיך איבער אַלעם אויסגעלייגט; די זאָרג אויף די פּנימער ביי די טעכטער זיינע, און דעם אומעט ביים ווייב אין די אויגן, — האָט ער גוט געוואוסט: אַז דאָס איז נישט

דערפאַר, וואָס ער איז איבער אַ נאַכט געוואָרן אַן אָרימאַן, — אַ סך יידן זענען מיט אים צוגלייך פאַראָרימט געוואָרן; נאָר ווייל ער ברויך אַריבערגיין צו זיין שכן, דעם אויפגעקומענעם גביר, און ביי אים בעטן לייען אַ פּאָר קערבלעך.

און וואָלף, — אויף אים ד'האָט די הויט געברענט; נאָר דאָס ווייב זיינס, וועלכע איז געזעסן און האָט געגריזשעט אַ שטיק פליייש, און צום ערשטן מאָל געשפּירט דעם טעם, וואָס זי איז איבער אַ נאַכט רייך געוואָרן, — האָט דאָס נישט געקענט סובל זיין; און דער פאַר־ביטערגענער כעס, וואָס האָט אין איר פון ר'תמיד געברענט צו דעם גביר, פאַר וועלכן זי האָט נישט געקענט אויפהייבן דעם קאָפּ, — האָט זיך ערשט צעפלאַקערט:

— דו זאָלסט מיר אויפהערן צו האָבן עסקים מיט דעם קבצן, דו הערסט? ער האָט עפּעס אַ סך געוואָלט וויסן פון דיר, ווען דו ביזט, נישט היינט געדאַכט, — געליגן פאַרקאָפּעט אין דר'ערד?

וואָלף האָט אָבער נישט געקענט מעיז פנים זיין אַנטקעגן זיין שכן, ר' זישע, — וועלכער האָט אַ געבראָכענער געפּירט צו אים די קונים, און זיי צוגערעדט:

— קויפט די פעלן ביי וואָלפן (מיט וואָס דען האָט ער געקענט האַנדלען?), — איר וועט אודאי צו זיי נישט דערלייגן...

און אַז ער האָט אים געברויכט אַריינריקן אין דער האַנט די פּאָר ריבל מעקלעריי, — ד'האָבן זיי ביי אים אָרנטלעך געציטערט; און אַז ס'ווייב האָט זיך גראָד געגומען צו אים דערפאַר, — איז ער אויפ־געשטאַנען איבער איר ווי אַ לייב:

— דו האָסט שוין געשאָסן דעם פויגל? ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, — האָט ער נאָך אַ ברירה צו זיין אויפן פערד, און איך אונטערן פערד; מ'קען עפּעס ביי איר אַ סך וויסן? און טאָמער, אומ־אויסגערעדט, גיט זיך אַזוי ס'רעדל אַ דריי צוריק, — לאָמיך כאָטש האָבן אַ גוט אויג ביי אים?

לייב שרהס איז געווען א ייד א בעל־הבית, וואס האט קיינמאל נישט געהאט קיין איבעריק גרויס איינרעדעניש; ער האט געלעבט פראסט, און געצויגן זיין דחיונה בדוחק פון א שניט־קראם; ביי א שניט־קרעמער האט מען בכלל קנאפ געקענט דערגיין: ווי מ׳האלט ערגיץ מיט אים אין דער וועלט, ביז נאכן טויט. — ווען מ׳איז צוגעטרעטן באַרעכענען די קראם זיינע, וויפיל זי טרעפט־אן, און וויפיל ס׳זענען דא חובות אויף איר? און, ווי געווינטלעך, — האט זיך ביי גארנישט אפגעשטעלט.

לייב שרהס איז נאך דערווייל נישט געווען קיין עלטערער מענטש, אז ער האט געזאלט טראכטן פון שטארבן, און פון גיין מאכן א חשבון אין דער קראם, — אודאי נישט; דער חשבון דהאט אבער א טבע, — אז מען מאכט אים נישט, מאכט ער זיך אליין; און אז מ׳האט ביי אים אין שטוב געגעסן, געטרינקען, — און א מאס; איבערגענומען אויף אזוי פיל, אז די פאליצעס האבן זיך אויסגעליידיקט, צי סתם געווארן שיטער, אז ס׳איז נישט געבליבן מער באַלד וואס צו נעמען, — האט ער זיך דענצמאל אפגעשטעלט:

— ער צאלט נישט מער; מ׳זאל מיט אים רעגולירן.

נו, האט מען אים עפעס געטון דערפאר? זענען זיך צונויפגעקומען די בעלי־חובות, — און געזען מיט אים אדורכצוקומען; באַרעכנט די קראם, בארעכנט וואס ער איז שולדיק אויף איר, — און דאס אויסגעגלייכט, אז ער זאל ווייטער בלייבן שטיין אויף די פיס, כמקדם, און די קראם בלייבן קראם.

די גרויסע סוחרים האב דאס געמוזט טוען, ווייל זיי האבן באדארפט האבן אזא פערדל, וואס זאל שטענדיק שטיין און אויספארקויפן די סחורות זייערע, — אפילו די בבלען; איי, וואס ער איז אלץ אינאיינעם געבליבן שטיין, און נישט געקענט ווייטער גיין? זיי האבן זיך תמיד דערויף גערעכנט, און געווען אנגעגרייט; און זיך דאס, וואס זיי האבן אים דערנאך אראפגעלאזט, געשענקט, — פריער

אפגענומען, מיט דעם וואָס זיי האָבן אים טייערער באַרעכנט; מ'האָט נאָר פון אים געוואָלט: אַז ער זאָל זיך נאָר נישט צו אָפט אָפּשטעלן, און ס'זאָל, פון איינמאָל ביזן אַנדערן, — כאָטש געדויערן אַ פּאָר יאָר.

אַזוי האָט זיך אויך געפירט לייב שרהס, זינט ער איז אַ ייִנגערמאַנטשיקל געווען, — און אַראָפּ פונעם שווערס קעסט; גע־שטאַנען כל־ימיו מיטן ווייב זײַנעם אין דער קראָם שניט, און צוביס־לעך אויך אַרײַנגעצויגן די קינדער, — אַז זיי זענען אונטערגעוואַקסן; און אַזוי ווי ס'האָט זיך געמאַכט די מלחמה, איז ער געבליבן מיט דער קראָם, — ווי מ'וואָלט איר דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַקט; די וועלט איז געוואָרן אַ בית־עולם, — און די קראָם זײַנע אַ לעבעדיקער קבר; מ'האָט אויפגעהערט צו לייזן.

— אַז מ'שיסט און מ'הרגעט, און מ'ווייסט נישט צי מ'וועט נאָך מאָרגן לעבן, — צו וואָס ברויך מע קלערן וועגן אַ בגד, און דאָס וועלן האָבן אויפן לייב צו נעמען?

מ'האָט אים טאַקע אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם עול פון די וועקסלען, — אָבער וואָס איז ער דערמיט געווען געהאָלפן? אַז ווען ער האָט זיי באַדאַרפט צו צאָלן, — האָט ער דערויף אײַנגעלייזט ביי זיך אין דער קראָם; און אַז ער האָט געלייזט, — האָט ער פאַרדינט; און ווען ער האָט אפילו נישט פאַרדינט נאָר בלויז געלייזט, — איז שוין אויך געווען פון וואָס צו געבן אין דער שטוב אַרײַן; און אַז די רעדער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און ס'האָט זיך אויפגעהערט מיט אַלעם צו דרייען, — האָט ער דען געקענט הייסן צוגיין אָפּבייסן אַ שטיק פון דער סחורה, און קייען?

און אַז די שניט־קראָם איז געוואָרן אויס שניט־קראָם, האָט ער געמוזט נעמען דאָס שטעקעלע אין דער האַנט אַרײַן, און מיט איינ־מאָל צוריק ווערן דער זעלביקער ייִנגערמאַן, וואָס מיט עטלעכע צוואַנ־ציק יאָר צוריק, — ווען ער איז אַראָפּ פונעם שווערס קעסט; מיט דעם איינעם חילוק, — וואָס דענצמאָל איז ער געווען ייִנג, דאָס באַ־דערפעניש נישט אַזוי גרויס; און איצט איז ער נישט מער ביי די כחות, — און האָט נאָך איבער זיך אַ ייִדענע, אַ קראַנקע צרה, מיט גרויסע קינדער; ער האָט זיך בלויז געקענט טרייסטן, — וואָס ער

איז נישט אַליין אויף דער פּרנסה; און די גאַנצע שטאָט יידן טאַנצט אויף איר; ס'אַ מכת מדינה, — און אַלע מוזן, ווי ער, — לויפן, אויס זיך אַרויסיאָגן די געדערים ביי כּל־ערליי ווינט־געשעפטן, וואָס ווערן געבוירן איבערן טאָג און שטאַרבן איבערן טאָג.

אַזוי לאַנג האָט ער זיך געדרייט, לייב שרהס, זיך געוואָרפן פון דעם אויף יענעם, — פון יענעם אויף דעם; ביז ער איז, נאָכן גאַנצן וואַרפן זיך און דרייען, — צוריקגעקומען אַ היים צו דער קראָם; די וועלט האָט זיך אַ ביסל אויסגעניכטערט, אָדער זיך אַזוי געהאַט איינ־געלעבט מיט דער מלחמה, אַז מ'האָט איר איינגאַנצן ווי אַוועקגע־שטעלט: „מ'וועט שוין אַזוי, ווי־ס'איז, — מיט איר מוזן אויסלעבן די פּאָר יאָר, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן.” און אפשר, ווייל מ'איז געבליבן אַזוי נאַקעט פאַר די עטליכע יאָר מלחמה: אַז מ'האָט גע־מוזט, ווי שלעכט ס'האָט נישט געזאָלט זיין, — צוריק נעמען קלערן פון אַ בגד ללבוש, מיט וואָס ס'לייב צו פאַרדעקן; ווי ס'האָט נישט געזאָלט זיין, און מ'האָט ביי לייב שרהס אין דער שניט־קראָם, ווי ביי אַלע אַנדערע שניט־קרעמער, — צוריק אָנגעהויבן לייזן; און ער ווי אַלע אַנדערע — האָבן זיך אַצינד געגעסן; אלא־מהו, מ'האָט געהאַט צו פאַרתכלעווען די סחורה, — און ס'איז נישטאָ באַלד מער וואָס צו פאַרקויפן? און זיך ווידער געפרייט מיט דעם, וואָס, דאָס קליינע ביסעלע סחורה, וואָס איז, על פּי נס, יאָ געבליבן, — איז באַלד אַזוי פיל ווערט, וואָס די גאַנצע סחורה פריער; פון טאָג צו טאָג איז זי אַלץ וויניקער געוואָרן ביי אים, און אויך — טייערער; און ס'איז דערגאַנגען דערגאַנגען אַזוי ווייט: אַז ער האָט אָפּגענומען פאַר איין מעטער אַזוי פיל, — ווי פריער פאַר אַ גאַנץ שטיקל סחורה; און אַז מ'האָט זיך צערעדט דעריבער, האָט ער געלאַכט, לייב שרהס, — ווי די אַנדערע שניט־קרעמער:

— ס'וועט נאָך אַזוי ווייט דערגיין: דאָס ער וועט בלייבן ביי איין שטיקל סחורה אין דער קראָם, און ציען דערפון נישט קיין ערגערע פּרנסה, ווי פריער, — פון דער גאַנצער קראָם שניט־סחורה.

יאָרן

געלע איז נישט געווען קיין אויסגעהאָרעוועט מיידל, און אויך נישט קיין יינגע; אַ מיידל: נאָך אַ שיינע, און וואָס איז אפשר צוליב איר ביסל שיינקייט, — פּאַרזעסן; אַז מ׳איז איר געקומען רעדן אַ שידוך, יידישלעך און אויפן געוויינטלעכן שטייגער: אַ שדכן האָט אָפּירגעשלאָגן דעם טאַטן, דער טאַטע, — איבערגערעדט מיט דער מאַמע, און דער נאָכדעם איר צוגערופן, געלע:

— מ׳רעדט דיר אַ שידוך, געלע, מיט מאיר־בערס, אָדער מיט זלמנס בחור, — אויב דו וואָלסט נישט האָשמאַנען אויף וועלכן פון זיי?

האָט זי אויפגעשטעלט אַ פּאָר אויגן: נישט, חלילה, שרעקעדיקע, — ווי ביי אַ וואָלף; און אויך נישט קיין נאַרישע ווי ביי אַ קאַלב; נאָר, — אירע אויגן, געלעס, וואָס האָבן אָפּגעלאַכט פון די טאַטע־מאַמע:

— וו־צ־ס? מאיר־בערס? זלמנס? די צעקראָכענע יינגלעך?

און ס׳איז נישט גראָד געווען מאיר־בערס בחור, צי זלמנס, — וואָס האָט ביי איר געהאַט אַזאַ ביטער מזל, נאָר מיט אַלע אַנדערע, וואָס מ׳האָט איר גערעדט; זי האָט מיט זיי אויסגעקערט די שטוב, זיי נישט געלאָזט איבער דער שוועל פון דער טיר.

האָבן די טאַטע־מאַמע, ווי לאַנג געלע איז געווען יינג, — איר נאָכגעגעבן; נאָר אַז די יערלעך האָבן זיך גענומען ריקן, דאָס פּנימל פּאַרציען מיט פאַלדן, — האָט זיי דאָס אָנגענומען ביי דער זיבעטער ריפּ, און אַרויס אויף איר מיט אַ מויל:

— וואָס איז? קיין שום בחור טויג נישט פאַר דיר? פּאַרוואָס האָבן זיי געטויגט פאַר די אַנדערע? אַלע: וואָס דו האָסט אַוועקגעקאָפּעט, — האָבן חתונה געהאַט, און האָבן, וועלכער, — איין קינד, צוויי, און דו וואָס ד־האָסט? דעם איינגעשפּאַרטן נאַר דיינעם?

געלע, וואָס האָט זיך נישט ווייניקער פון זיי געגעסן, — האָט נישט גערעדט גאָר; וואָס האָט זי געקענט רעדן? זי האָט זיך נישט

פאַרזאָגט צו בלייבן זיצן; זי איז געגאַנגען מיט בדהורים, אָבער דעם וואָס זי האָט געוואָלט, — האָט יענער נישט געוואָלט הערן פון איר; און יענער וואָס איז איר נאָכגעלאָפן, — האָט זי נישט געוואָלט הערן פון אים.

די טאַטע־מאַמע האָבן דאָס צוגעזען, — און אָפּגעקלאָגט יעדן טאָג פאַר איר אַ שטיק:

— זעסט דאָך: אַז ביי יענעם וואָס וויל דיך נישט, — העלפן קנאַפּ דיינע בעקלעך; קענסטו וויינען אויפטון מיט דיין נעזל, מיט דיינע שיינע האָר... און פאַרוואָס זאָלסטו נישט צוקלאַפּן אויף דעם וואָס וויל דיך?

און דאָס וואָס די מלחמה איז אונטערגעקומען, איז, לכתחילה, — פאַר איר געווען אַ גליק; מען האָט, אויף דער מינוט, אויפגעהערט רעדן שדוכים, און געווען פּטור פון דחתונה האָבן. טאַטע־מאַמע האָבן איר געמוזט, ווען אפילו זיי האָבן נישט געוואָלט, — אַראָפּלאָזן פונעם קאָפּ; זייער מסחר, פון וועלכן מ'האָט געצויגן חיונה, — איז געוואָרן אויס מסחר, און געמוזט אָנהייבן לעבן פונעם ווינט; און ס'איז איר אויף אַזוי פיל געווען גוט, — וואָס די טאַטע־מאַמע האָבן מיט זיך געהאַט צו טון, און אין איר נישט מער געדענקט.

און אַז ס'האָט זיך אַ מאָל געטון: דאָס מ'האָט אַ מאָל באַדאַרפט לויפן מיט איר ערגיץ אין דר'ערד אַריין (ס'איז דאָך געווען מלחמה!), איר באַהאַלטן און פאַרשטיפן, אַז די זון זאָל אויף איר נישט קענען קוקן, — האָט זיך דער טאַטע דענצמאָל אָפּגעריסן אויף איר, אויסגעגאָסן זיין גאַנצן כעס:

— אודאי; אַז זי וואָלט געווען אַ יידענע, געהאַט אַ מאַן, — וואָלט מען זיך דאָך אַלץ איינאיינעם נישט באַדאַרפט שלאָגן קאָפּ אין קישן, מיט איר?

מיט יאָרן: אַז מ'האָט דערלעבט אַרויסצוקריכן פון דער מלחמה, און אויך מיט גאַנצע ביינער, איז, נאָך די אַלע טויט־שרעקן, — דאָס מיידל צוריק אַרויף אויפן קאָפּ; דאָס זעלביקע מיידל, אָבער שוין נישט מיט די זעלביקע בעקלעך, מיטן זעלביקן חנדל.

— געוואַלט געשריגן, — האָבן זיי געשריגן, — מ׳ברויך דאָך פּאַרט זען איר דעם קאָפּ צוראַפּצודרייען; וואָס ס׳האָט זיך שוין דאָ אָפּגעטון, — און זי איז נאָך אַלץ אַזוי ווי זי איז געווען (אַ מערכה: וואָס מ׳האָט איר יעדעס מאָל געקענט ערגיץ פאַרשטיפּן); און ווי לאַנג קען מע זיך דאָס מיט איר אַזוי אַרומטראָגן? קיין עסן אין שטוב איז נישטאָ; מילא, זיי ווי זיי, — און פאַרוואָס זאָל זי ברויכן אײַנ־דאַרן די געדערים? וואָרן, ס׳אי דען ווי פריער, — ווען מ׳האָט פאַר אַ פּאָר גראָשן געקענט עפּעס אַרײַנעמען אין שטוב?

געלע האָט זיך אַרומגעדרייט הינטער די ווענט, — אַ טויטע; זי איז, דורך די פּאָר יאָר וואָס ס׳איז געווען די מלחמה, — צוויי און דריי מאָל אַזוי אַלט געוואָרן; ס׳אַ חידוש? בשעת מלחמה, אַז מ׳האָט בכלל נישט חתונה געהאַט, — האָט מען אַזוי ווייט נישט נאָכ־געקוקט; נאָר דערנאָך: אַז מ׳האָט שוין, מיט מזל, אָנגעהויבן שטעלן חופּות, — האָבן די ייִנגען גאָרנישט געוואָלט וויסן, וואָס ס׳איז געווען, און פאַרוואָס יאָ? און די יאָרן גאַנץ שיין אָנגעגעבן אין נדן: „עע־ע, יענע האָט שוין שפּאָר אויף זיך; און געמעגט הערן שופר בלאָזן, — נאָך איידער מ׳האָט אָנגעהויבן צו שיסן!‟ און וואָלט זי געוואָלט צופּנאַרן געלע, איז ס׳פּנים געווען אַ מסור: די בעקלעך זענען בלייכער, די פאַרב אויף זיי איז אָפּגעקראָכן; און אַז זיי זאָלן האָבן אַ שטיקל קאָליר, — מוז מען דאָס מאַכן; אויך דאָס גוזל איז עפּעס ווי טונקעלער, טרוקענער און האַרטער.

און זיך נישט מער אַנטקעגנגעשטעלט די טאַטע־מאַמע, אירע; אַזוי, אַז ס׳האָט זיך נאָר עפּעס געמאַכט אַ שטיקל בחור, וואָס מ׳האָט אים געקענט נעמען אין מויל אַרײַן, — אויף אים צוגעקלאַפּט; זי האָט געוואוסט: אַז זי איז שוין איבערגעשטאַנען, און געהאַט שכל אַ כלה צו ווערן.

דער בחור? אויך די אייגענע מעשה: לכתחילה, איידער די מלחמה האָט זיך געמאַכט, — האָט ער זיך נישט געקענט צוקלויבן קיין שטיקל מיידל; די וואָס ער האָט געוואָלט, — האָט אים נישט געוואָלט, און פאַרקערט; און אַז די מלחמה האָט זיך אַרײַנגעמישט, — גע־בליבן ווי זי, זיצן צי שטיין, וואָס איז דער חילוק? ער האָט פריער געאַרבעט אין אַ געשעפט, געהאַט אַן איידעלע מלאכה, — וואָס האָט זיך גאָר פאַר קיין מלאכה נישט גערעכנט; און נאָך דער מלחמה:

אַז דאָס מין געשעפט איז אונטער געגאַנגען, ס'האָט זיך אַלץ צערודערט, — אַזוי איז ער געבליבן אָן אַלעם, און זיך אַרומגעדרייט ווי אַ נאַר מיטן שטעקעלע אין דער האַנט.

איצט: אַז ס'איז געקומען צו דער חתונה, האָט מען זיך אַרומגעזען, — אַז מ'קען זיי גאָרנישט מיטגעבן; צו וואָס מ'רירט זיך צו, — ברויך מען האָבן אוצרות מיט געלט; און וואו וועט מען זיי נעמען? מילא, פאַר דער מלחמה, אַז מ'האָט נישט געהאַט, — האָט מען כאָטש פון אַלעם וואָס מ'האָט באַדאַרפט, — געקענט קריגן אויף באָרג; און אַצינד: לא די וואָס מ'באָרגט נישט, — האָט נאָך אַלץ אַ טבע צו שטייגן; און נישט איבערן טאָג, נאָר מיט דער שעה; און דעריבער רעכנט זיך דער סוחר: וואָס דאַרף ער אָוועקגעבן זיין סחורה, אַז זי זאָל זיך אויפהייבן ביי יענעם, — אַז זי קען זיך אויפהייבן ביי אים?

און אַזוי, האָט זיך דאָס ווידער גענומען פאַרציען, אין די לאַנגע באַנק; מ'האָט אַלץ געמיינט: אַז מיט דעם וואָס מ'וועט וואַרטן, וועט זיך דאָס אפשר איבער־אַנדערשן, — ס'איז דאָך פאָרט נישט קיין איינגעשטעלטע וועלט; און יעדעס מאָל וואָס די מחותנים זענען זיך צונויפגעקומען, זענען זיי אָפּגעזעסן שעה'ען, — און זיך צעגאַנגען מיט גאָרנישט; מ'קען, פון איין זייט: די קינדער נישט אַרויסלאָזן נאַקעט, און פון דער אַנדערע זייט, — שוין לאַנג געמעגט דערהערן שפּילן! און מ'האָט דאָס איבערגעלאָזט צו זיי אַליין, — ווי זיי וועלן וועלן; סוף־כל־סוף, דאַרפן זיי דאָך גיין פאַר זיך; זאָלן זיי אַצינד די חתונה האָבן אָן אַלעם, אָדער נאָך וואַרטן — ביז זיי וועלן עפּעס קענען האָבן?

און גלייך, וואָס האָט זיך איינגערעדט צו גיין צו דער חופּה אין אַטלאָס, אין זייד; זיך לאָזן אויסשטיקן וועבענע העמדער; באַזעצן אויף צו מאַרגענס אין אויסגעמעבלטע שטיבן, — האָט געמוזט אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, און די חתונה האָבן ביי אַ שטיין און אַ ביין; אַריינגיין אין אַ שטיבעלע, — פיר איילן אויף פיר; און פון אַלעם־מיט־אַנאַנד, — באַשטיין אויף אַ לעפל מיט אַ שעפל, די איינע פאַר שיך אויף די פיס, מיט דעם איינעם קלייד אויפן לייב. און זיך נאָך אַליין אויסרעדן, ס'האָרץ:

— אַז, ס'איז איצט אַלעמענס מזל אַזוי, — און נישט בלויז אירער.

ווען ס'איז געווען נאָך אַלעם

ווי אַ נאָכוואָרט

טריבע, פאַרכמורעטע הימלען, מיט שווערע, גראָבע וואָלקנס, — פון אויבן, איבער די קעפּ; געלע, פאַרוויאַנעטע בלעטער אויף דער ערד;ביימער מיט טרוקענע צווייגן, — וואָס האָבן זיך אַפילו נישט אונטער וואָס צו בייגן.

ס'טריפט אַ דראָבנע רעגענדל, ציט אין דער זיבעטער ריפּ, פון וואָס די אויגן ברויכן שלעפערן, אַלע אברים צו פעפערן, און דאַך, — ווי ס'טראָגן זיך די כוואַליעס מענטשן, אַזוי אומענדלעך צעגאָסן; אַרויס און אַריין אײנע אין דער אַנדערע, איינע אין דער צענטע, אין די הונדערטסטע, — ווי דער ווינט, וואָס טראָגט אָפּגעהיבעלטע ווייורעס, שפּענדלעך.

אַלע פּנימער שיינען, אַלע אויגן בליצן, און פון דער טיפעניש קומט אַ געזאַנג ווי פון ציינער קריצן.

אַזאַ ווייגענדיקער טאָג, קויטיגער הימל, — אַ שפּייענדיקער; און אַזוי פיל געשריי אין זיי, און אַזוי גערדיכט איז דאָס ליכט, — ווי די אייביקייט וואָלט זיי געווען באַשערט, די זעלביקע ווי צו דער ערד.

ס'רעגנט מיט פרייד; נאָך גוט, — וואָס ס'האָט נישט געכאַפּט אין די ליכטיקע, זינגענדיקע טעג, ווען פייגל סווישטערן, און מינענדיקע־זונענדיקע שטראַלן פלאַטערן איבער דעכער און אין די שייבן, — וואָלט דאָס מיט אַלעם פאַרשכורט; און נישט פאַרעיקרט דאָס ריכטיקע, דאָס באַשערטע פון אַזוי פיל יאָרן פאַרשווערטע און פאַרווערטע.

אַ קינד האָט געקענט פאַרשטיין, און אַ בלינדער זען; אַז דער גרונט איז נאָך גענוג פעסט און שטאַרק, ווי אַ צוגעוואַקסענער צו דער ערד, — באַרג; און ווער ווען האָט געקענט איינפאַלן, — אַז אין דער טיפעניש זאָל שוין אַלץ אַזוי זיין אונטערגעגראָבן?

מ'האָט געזען שטיין אַ בוים, — שטיין ברייט און ווי אומענדלעך גרייט, — און די גאַנצע וועלט בייגט זיך צו אים; דעם הימל טראָגט ער אויפן קאָפּ, די זון און די שטערן רוען זיך אויף אים אָפּ, —

און ווען מען האָט געקענט קומען אין קאָפּ אַריין: אַז דאָס זאָל ער פון דרויסן אויסזען אַזוי געזונט צו זיין; און אַז אַ קליין ווערימל האָט אים שוין אויסגעהוילט, אויסגעמוילט, — און די וואָרצלען זיינע זעגען כמעט נישט מער צגעקניפּט צו דער ערד; אַז ער האַלט זיך קוים אויף אַ האָר, — און אַז אַ ברעקל פון אַ פלעקל זאָל אים אַוועקלייגן ווי אַ געוויינטליכן פלאָקן.

מ'האָט זיך געריכט; ס'איז קיין שום סוד נישט געווען, — אַז ס'וועט קומען; און אַזוי אומפאַרמיידלעך ווי דאָס אויפגיין פון דער זון, — וואָס גייט אונטער; נאָר, — ס'וועט נאָך אַזוי ברויכן הענגען אין דער לופטן, ווער ווייסט, — ווי לאַנג? און ס'ליגט דערווייל אין דער לאַנגער באַנק; ס'איז נאָך אָפּגעריקט אויף אַ מהלך, און אין צווישן, — דערווייל ברויכן אומקומען; וואָס מאַכט עס אויס? כאָטש שוואַלבן האָבן זיך געוויזן, פייגל זיך טיילמאָל אויפגעכאַפּט פונעם שלאָף, — און זיך געלאָזט הערן אויף אַ קרירה, איבער ווייסע אויסגעבעטע שנייען.

און אַז ס'איז געקומען, איז דאָס געווען אַזוי אומגעריכט, — ווי ס'וואָלט אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל; און ס'האָט זיך אָפּגעריסן ווי אַ קרייע אייז... צוקוקענדיק זיך, האָט מען געהאַט דאָס געפיל, — ווי מ'וואָלט זיך געלייגט שלאָפן ביי אַ שטייפע קנאַקעדיקע פראָסט, — די דעכער האָבן געקלינגען, די טריט אָפּגעהילכט, און אַרויסגעזינגען פונעם האַרץ; און אויפגעשטאַנגען נאָך אַלעם, — ווען ס'איז שוין געווען צעקראָכן און צעבראָכן; בלאָטיק און צעיורן, — און געהאַט דעם ביטערן טעם אָנגעוואוירן.

מ'האָט דאָך עפּעס געזען גרויסע מיליטערישע אויפגערידערן; דעם הילוך פון חיילות; ווי זיי האָבן זיך געריקט פאַרעקשנט, איינע הינטער דער אַנדערע; געוואָרן די כפּרה איינס פאַר ס'אַנדערע; מיט זיך אויסגעלייזט יענעם; ווער, ווי, און ווען? און ווי די אימה האָט זיי איינאיינעם געטריבן; געגאַנגען צעשראָקן אויפס טויט, — דעם טויט אַנטקעגן; און דערנאָך, אַז דער טויט האָט אָפּגעטרעטן, געוואָרן אויס מחותן מיט זיי, — ווי דער פּחד פאַרן סוף איז ערשט גרויס? און ווי זיי קריכן פאַר אים פון דער הויט אַרויס?

ס'האָבן געדירט די אַלע לאַגערן, קאַדערן, — און זיך צעשיט אויף פּראָך; ווער ווייסט, — אויף וואָס נאָך; און אַזוי ווי די שטויבעלעך

געוואָרן אויפגעהויבן, — און געטראָגן אויפן ווינט; ס׳האָט נאָכ־
געלאָזט די פעטליע, און דער פאַרצויגענער האַלדז איז געוואָרן
פריי, — ס׳האָט זיך אויפגעהערט גיסן אין אים דאָס בליי; און
אַרויסצושרייען פון אים אַ געשריי, — יענער געשריי איבער אַלעם
וואַס קומט און גייט פאַרביי; דער זעלנער, דער נעכטיקער גיבור
אין כלי־זיין, — איז אַרויסגעפאַלן פון דער מלחמה, און וויל צוריק
ווערן עפעס פאַר זיך אַליין; ער לויפט צעטומעלט פון די צעטריי־
בערטע פעלדער, אויסגעריסענע וועלדער און צעפליקטע שטעט.
און ווי אַזוי ער לויפט? מיט אַלע וועגן און אומוועגן; שטזעקעס,
— אויסגעטרעטענע און פאַרוואַקסענע; צו פיס און מיט וועגענער;
זיי גייען, לויפן, — האַלבע זעלנער, שטיקלעך זעלנער, וואָס האָבן
נאָך נעכטן געדרימעלט אין אומענדלעכן גראָבן, ווי אויף אייביק פאַר־
קאַפעט אין אים, — און נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך היינט אויפגע־
כאַפט; שוין איבערגעלאָזט די ביקס, דעם האַרמאַט, און אַרויס ווי
מ׳גייט און שטייט, אָן אַלעם, און זיך געלאָזט צוריק אין דער אומ־
ענדליכער ווייט, — וואָס ברויכט מיט יעדן טאָג, מיט יעדער שעה ווערן
ענדלעך.

סקומט־אָן אַ צוג; איז ער אַזוי באַהאַנגען און באַליגט ווי מיט
אַ לעבעדיק באַשלעג; איין געשריי, איין געבעט, — ס׳זאָל ווערן קור־
צער דער וועג; ריר; דערפיר, — און וואָס גיכער; איי, מ׳איז אומ־
זיכער? די ערד ברענט, דער הימל ברענט, די לופט איז בלויז פייער,
און מ׳ברויך אַניאָגן; זיך גענוג געשלאָגן; און מ׳זוכט צו קומען צוריק
צום אַלטן, פאַר וועלכן מ׳האָט זיך אַזוי פיל יאָרן אויסבאַהאַלטן אויף
אַזאַ וויסטן מהלך, — אין די גריבער; ווי ווייט איז נאָך צו די היי־
מישע אויסגעוואַרימטע שטיבער, — וואָס מ׳האָט אויסגעריסן און
אָפגעמעקט פונעם זכרון, פאַר גאַנצע פינף יאָר, — ווי די ערשט־
אָנקומענדיקע גראָע האָר? די בייזע פינף אַנטלאָפענע יאָר!

אַז מ׳קוקט זיך צו, דאַכט זיך: ווי אַן אַזשערע, אַ ברייטע, וואָס
איז געשטאַנען איינגעפרוירן, — און די זון האָט איר גענומען בריען
אונטער די פאַכוועס, אַזוי בריען, — ביז זי האָט אָנגעהויבן פלאַצן
פון געלעכטער מיט אַזוינע הילכיקע קולות; ווערן צעריסן אויף שטיק־
שטיקער; און די קריעס אָנגעהויבן גיין אויף איר.

די לעצטע פינף נאָוועלן פונעם ערשטן בוך, ווי אויך צוויי אַנדערע זאַכן, — זענען אַריינגענומען געוואָרן פון מיין אויסגאַבע פונעם יאָר 1926; זיי זענען אויך געשריבן געוואָרן אין יענע יאָרן, און פון דער מלחמה. און כ'האָב זיי, ביים איבערדרוקן, — אַ ביסל אויסגערייניקט.

אינהאַלט:

מלחמה

אין די ערשטע טעג .... 7 — 22

אַן אַ געלעכטער

וואָס אַ מלחמה איז .... 25 — 39

אַ מעשה
מיט אַ קאָזאַק
און אַ זאַק האָבער .... 40 — 49

פעפער .... 50 — 60

ווען פון נאַפט
איז געוואָרן פייער .... 61 — 68

אַ מעשה מיט מעל
און מיט זעלנער .... 69 — 76

ווי פון בלאָטע
איז געוואָרן גאָלד .... 77 — 82

איבער וואָס,
משטיינס געזאָגט .... 83 — 87

דאָס קליינע יידעלע
מיטן גרויסן פּאַק .... 88 — 94

מאַכאָרקע .... 95 — 99

שניט־סחורה .... 100—108

טאַבאַק .... 109—113

קדושים

אונדזער גורל .... —117
צוויי פעלקער .... 119—133
אויפן פראַנט .... 134—147
די אויסגעוויילטע .... 148—151
אויפן פעלד .... 152—158
דער וואַלד שרעקט .... 159—164
דער ייִד, הענעך .... 165—171
עשרה הרוגי מלכות .... 172—178
א גוטע נשמה .... 179—184
בעיר קעלץ .... 185—200

אין איינעם אַריין:
הינטערן פראַנט .... 203—215
איין מענטש .... 216—220
די באַגעגעניש .... 221—225
די בריטשקע .... 226—230
אין דער רייע
נאָך אַ שטיקל ברויט .... 231—244
דער בייט .... 245—248
פּאַפּיר .... 249—251
יאָרן .... 252—255
ווען ס'איז געווען נאָך אַלעם .... 257—259

די ערשטע זיבן בענדער דערשינען אין פֿאַרלאַג
מ. צעשינסקי, שיקאַגע, 1936

1טער באַנד:

גנבים — דראַמע אין דריי אַקטן.
דעמבעס — דראַמע אין דריי אַקטן.
יונגען מיט מיידן — איינאַקטער.

2טער באַנד:

מויערן — דראַמע אין דריי אַקטן
מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג.
פאַרוועלקטע בלעטער — דראַמע אין דריי אַקטן.

3טער באַנד:

פּראַד — מיסטעריע אין פינף טיילן.

4טער באַנד:

אַמעריקע גנב — קאָמעדיע אין פיר אַקטן.
קוידערוועלט — איינאַקטער.

5טער באַנד:

דר. פּליעז — קאָמעדיע אין דריי אַקטן.
אויף דער פּוקעטע — סצענקע.
די מאַמעס זונדעלע — קאָמעדיע אין צוויי אַקטן
מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג.
משה דרייקאָפּ — סצענע.
סאָסייעטיס, געבעך! — מאָנאָלאָג.

6טער באַנד:

מאַרכביינער — טראַגעדיע אין דריי אַקטן
מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג.
קליינע טעג — טראַגעדיע אין דריי אַקטן.
דער זיגדיקער — איינאַקטער.

7טער באַנד:

אויפן ברעג ווייסל — דראַמע אין דריי אַקטן
מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג.
ווינטן — דראַמע אין דריי אַקטן.
אין דער רייע — איינאַקטער.

פ. בימקא־פאַרלאַג ניו־יאָרק, 1941

8טער באַנד :

אין דער הייך
און אין דער נידער.
נאָוועלן

אָנגעשריבענע דראַמעןביים מחבר :

פ י י ד ע —
דראַמע אין דריי אַקטן.

י אָ ס ל פ אַ נ צ ע ר —
קאָמעדיע אין דריי אַקטן.

ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס א י י נ י ק ל ע ך —
טראַגי־קאָמעדיע אין פיר אַקטן.

ז י י ן מ אַ י ע ס ט ע ט, ר׳ י י ד ע ל ע! —
דראַמע אין פיר אַקטן.

ב ע ת ד ע ם ד ר י ט ן ח ו ר ב ן —
דראַמע אין דריי אַקטן.